3 1761 04686643 0

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

*by*

**MULTICULTURAL HISTORY SOCIETY OF ONTARIO**

געשאָנקען... זיינען די ווענד פון דעם קליינעם שולכעל בעהאַנגען מיט אַטלעסענע, סאַמעטענע פּרוכת׳ער און פון די ווענד לעזט מען אַראָב: „ואני, און איך האָב ניט אַזוי געטהאָן—“.

און ליכטיג איז אין דער מאַמע׳ס שולעכיל, יעדע אידענע אין ארץ ישראל, פאַר ליכט־בענשען, שענקט אַ ליכטעל אין איהר שולעכיל אריין. הענגען די אייל־לעמפּלעך און ברענען זיך טאָג און נאַכט, אין מיטען די פּרוכת׳ער, און ליכטיג שטראַהלט אַרום דער קבר.

הויך און רונדיג איז דער שטיין, וואָס אונזער פאָטער יעקב האָט אויפגעשטעלט אויף רחל׳ס קבר, און זעהט אויס ווי אַן אויסגעהאַקטע מיטה; און זעה די נשמות, וואָס שוועבען אַרום דעם שיין. יעדעס קינד, וואָס איז דאָ געווען, האָט זיין נאָמען אויסגעקריצט אויפ׳ן שטיין, האָט זיין קוויטעל אין די שפּאַרעס און די לעבער אַריינגעשטעקט, און בעהאַנגען איז דער שטיין מיט די נשמות־נעמען, און שטיל און קיהל איז דאָרט אין שולעכיל געווען, מען האָט געהערט דעם צאַנקען פון די אייל־לעמפּלעך און דאָס אָטהעמען פון די נשמות.

און יעדע נאַכט, פּונקט צוועלף אַ זייגער, שטעהט די מאַמע רחל אויף פון איהר קבר, אין איהרע תכריכים, אין איהר שבת׳דיגער הויב, און געהט אַרום אויפ׳ן וועג פון בית לחם און זעהט די צרות, וואָס נבוזרדן טהוט אָן די אידען, ווי ער טרייבט זיי אין גלות אַריין, און זי הייבט אויף די הענד צום הימעל. —

— גוטען אָוונד, מיין קינד, פון וואַנען קומסטו אַהער?

איך קוק מיך אום, און פאַר מיר שטעהט אַ אידענע — אַ מלכה׳ס, אַ קעניגינס אַ שטערן שיינט אַרויס פון דער טיעפער שפּיצען־הויב, אין די פאַלדען פון איהר שוואַרץ־זיידענעם קלייד ליעגט דאָס געהיימניס פון דער נאַכט, און איהרע הענד זיינען אויפגעהויבען מיך צו בענשען.

שרעקט איך ניט, עס איז ניט געווען די מאַמע רחל, — עס איז געווען די לאָוויטש׳ער רבי׳צין, וואָס זיצט דאָרט אין דער מאַמע רחל׳ס שולעכיל און איז דאָרט די שמש׳טע, צינדט די אייל־לעמפּלעך אָן יעדען פריהמאָרגען און יעדען פאַרנאַכט, הענגט איהר די פּרוכת׳לעך אויס יעדען פריהמאָרגען און יעדען פאַרנאַכט.

זי נעהמט אַ סדור און גיט מיר אין האַנד אריין.

— נאַ, זאָג תהלים.

איך שטעה און קוק זי אָן. — און אפשר איז עס יאָ די מאַמע רחל.

— איך גער אַ קעניג קרוינען, אַ קעניג קרוינען איבער ישראל.

— ווער איז דיין קעניג, אַלטער, וואָס דו געהסט איבער ישראל קרוינען, אין דער טונקעלער נאַכט, בעהאַלטען און אַליין?

— נים העכער איז ער מיט זיין הויך פון דעם גאַנצען פאָלק, — אַ אינגעל איז עס, אַ קליין אינגעל פון דעם הויז ישי׳ס, שוואַרץ געקריי־זעלט זיינען זיינע האָאר, שוואַרץ בלישטשען זיינע אויגען, און ער פּאַשעט די שאָף. און דאָרט אין פעלד שטעהט גבעת־שאול, און אַ פאָלק מיט אַ קעניג רוהט אויף איהם, אַנטלאָפען פון אַ מלחמה, האַלב טויט און פון גאָט׳ס גייסט פערלאָזט.

גאָט׳ס שכינה האָט דער נביא אראָבגענומען פון באַרג, און טראָגט עס אין דער פאָלע פון זיין קלייד קיין בית לחם, — לאָזען עס רוהען אויף אַ קעפּיל פון אַ אינגעל, וואָס האָט שוואַרצע אויגען און שוואַרצע האָאר, און פּאַשעט שאָף.

העַ, בית לחם, בלאָז אין שופרות, זעץ זיך אין דעם שטאָדט־טויער אוים, אַ נביא קומט אין דיינע טויערן, פון דיינע אינגלעך אַ קעניג צו זאַלבען איבער דעם הויזגעזינד ישראל!

העַ, שוייג, שווייג דו אראַבישער קנעכט, מיט דיין לאַנגווייליגען, מאָנאָטאָנעם נגון, און מיש מיר ניט מיינע געדאַנקען אוים, מיר זיינען דאָך אויפ׳ן וועג קיין בית לחם! יעדעס שטיינדעל וועט דיר עדות זאָגען, ווער איך בין, און פון וואַנען איך קום אַרוים.

אַ קעניג׳ס אַ קינד ציהט פון זיין געפאַנגענשאַפט צו זיין מוטער׳ס קבר, די פעלדער פון בית לחם וועלען עס דיר עדות זאָגען, יעדעס בוימעל, יעדעס־קוועלעכיל. זעה, די אינגלעך פון בית לחם זיינען דיר צו קעניגען געוואָרען, די אינגלעך פון בית לחם זיינען דיר צו געטער געוואָרען.

נור מיר זיינען שוין ביים קבר רחל; נור אַ תחום שבת פון בית לחם.

קליין און צנועה׳דיג איז דאָס שולכעל, וואָס מאָנטעפיאָרע האָט אויפגעשטעלט אויף אונזער מוטער׳ס קבר; מיט אַ רונדיגען קופּעל פון אויבען שטעהט עס אין שפּיץ פון אַ בית הקברות. די אייזערנע טהיר עפענט זיך און מיר קומען אין שולכעל אריין. זעה, יעדעס קינד האָט זיינס אַ פּרוכת׳ל געבראַכט, יעדע עדה, יעדע קהלה, יעדע חברה אין ארץ ישראל און אין גלות־לענדער האָבען דער מאַמע׳ן אַ פּרוכת׳ל

געוועז... און היינט זעה, רבונו של עולם, איך בין א מענש פון בלוט און פלייש, פון ערד און אש און האָב ניט מקנא געוועזן מיין שוועסטער, און דו ביזט א דערבאַרעמדיגער גאָט, וואָרום האָסטו זיך מקנא געוועזן אָן ישראל, וואָס האָט געדיענט עבודה זרה'ס? וואָס האָט דיר געשאַדט דאָס בילד, וואָס האָט קיין ממשות ניט געהאַט, וואָס דו האָסט דורך דעם פערטריבען מיינע קינדער, און די פיינד האָבען מיט זיי געטהאָן דאָס וואָס זיי האָבען געוואָלט—"

איוב, האַמלעט, פויסט, — וואָס איז אייער געשריי געגען די פראָסטע ווערטער פון א פערוואונדעטע אידישע מוטער?

און די פעלדער דאָרט הילען זיך אין די נעבלען און ווערען מיר פערשוואונדען ביים הימעל־ראַנד, און דער הימעל הענגט איבער מיין קאָפּ — שטערן און שטערן — און דאָס איילבירט־בוימעל שטעהט אַליין אין מיטען פעלד און דאַוונט ביחידות.

איהר, אין טהוי פערטוקטע פעלדער, אין די טונקעלע נעכט, דערצעהלט מיר! בוימעל, דו בוימעל, וואָס דו שטעהסט אַליין אין פעלד, איך וויל מיך הינטער דיר זעצען, און זאָלען דיינע רוישענדע בלעטער מיר דערצעהלען פון די צייטען, פון די זאכען, וואָס האָבען זיך אמאָל דאָ אויף דעם וועג אָבגעטהאָן... אמאָל, ווען ארץ ישראל איז א לאַנד געוועזן, ווען אידען זיינען א פאָלק געוועזן.

און דער אַראַבער, דער אייזעל־טרייבער, יאָגט מיין אייזעל־אונטער, און זינגט א ליעד דערצו.

שווייג, אַראַבישער קנעכט, שווייג, און לאָז דיין בענקענדער מאָנאָ־טאָנער נגון מיין חלום־געזאַנג ניט שטערען... און זעהסטו ניט דאָרט דעם שוואַרצען פלעק, צווישען די איילבערט־בוימלעך זיך בעהאַלטען — א מענש איז דאָס, קוק זיין געזיכט אָן, ווען ער ערהויבט עס געגען די שטערן. זעה, ווי בלייך זיין שטערן קרוינט זיך איבער זיין פנים, זילבער־וויים איז זיין באָרד, און לייכט געגען דעם שטערן־ליכט, און זיין גאַנץ מלכות'דיג פנים לייכט אין שטערן־ליכט, — און ווייסטו ניט, ווער דאָס איז? זעה, וואָס האָט ער אין זיין רייזע־זעקעל? א קריגעל אייל האָט ער דאָרט בעהאַלטען, א גאָלדענע שפּיעז, א שופר האָט ער דאָרט בעהאַלטען.

— וואוהין געהסטו, אַלטער, מיט דיין קריגעל אייל, מיט דיין גאָלדענער שפּיעז, מיט דיין שופר?

בוימלעך, ניט פרעמד דער הימעל איבער מיין קאָפּ, ניט פרעמד דער וועג, וואָס לויפט פאַר מיר.

דאָס איז דאָך דער וועג קיין בית לחם, אויף וועלכען יעקב, אונזער פאָטער יעקב, האָט אונזער מאַמע רחל בעגראָבען, „בדרך" — אויפ'ן וועג, „בעוד כברת ארץ" — אז עס איז נאָך געוועזן אַ תחום שבת, „לבוא אפרתה", — מיינט מען בית לחם. און זעהסטו ניט דאָרט דעם וואָלקענשטויב, וואָס געהט אויף פאַר אונז? שווייג, שווייג, דאָס טרייבט נבוזראדן די אידען ארויס פון ירושלים, איבער'ן וועג קיין בית־לחם, און טרייבט זיי פאַר דער מאַמע רחל'ס קבר פאַרביי; און זעהסטו ניט די אידענע אין די שבת־קליידער, מיט דער גרויסער שבת־הויב אויפ'ן קאָפּ? — דאָס איז דאָך די מאַמע רחל, וואָס איז פון איהר קבר אויפגעשטאַנען, און קוקט נאָך די ארויסגעטריבענע אידען, און הייבט די הענד אויף צום רבונו של עולם.

און זי איז אַ גרויסע חשובה ביים רבונו של עולם. און קיינער איז ניט אַזוי גערעכט געגען רבונו של עולם, ווי אונזער מוטער רחל. און געדענקסטו ניט דעם גרויסען וכוח, וואָס זי האָט געהאַט מיט'ן רבונו של עולם אין דער נאַכט פון חורבן בית המקדש, ווען גאָט האָט ירמיה'ן געשיקט די אבות אויפוועקען?... זעהסט דאָרט דעם שוואַרצען פלעק, צווישען די איילבערט־בוימער — דאָס איז דאָך ירמיה הנביא, וואָס געהט אויפ'ן וועג קיין בית לחם... און די אָבות האָבען גאָר ניט געהאָלפען... אין דעם איז אָנגעקומען רחל, אונזער מוטער רחל, און געשטעלט זיך פאַר גאָט, און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם, דו ווייסט, דאָס דיין קנעכט יעקב האָט מיך זעהר ליעב געהאַט און האָט ביי מיין פאָטער פאַר מיר געדיענט זיעבען יאָהר, און אַז די זיעבען יאָהר זיינען אויסגעגאַנגען און עס איז געקומען די צייט פון דער חתונה, האָב איך געהערט, דאָס מיין פאָטער וויל מיך צו איהם ניט געבען, נור מיין שוועסטער לאה, האָב איך דאָס מיין מאַן יעקב געזאָגט און האָב מיט איהם אַ סימן געמאַכט, כדי מיין פאָטער זאָל ניט קענען פערבייטען, דערנאָך האָב איך חרטה געהאַט און האָב מיך דערבאַרימט איבער מיין שוועסטער לאה, זי זאָל ניט פערשעמט ווערען, און האָב זי איבערגעלערנט די סמנים, וואָס יעקב האָט מיר איבערגעענטפערט, כדי יעקב זאָל ניט וויסען, דאָס זי איז לאה. און איך האָב פאַר איהר גערעדט, כדי יעקב זאָל ניט דערקענען איהר קול, און איך האָב זיך אָן איהר ניט מקנא

געפעפערטעס, און ווידער עפּעס רויטעס און געפעפּערטעס, און די אימה איז גרוים פאר'ן „מרא בעלי", פאר'ן „מרא אבי", און הן פּיהלסט זיך הינטער די פּאטריארכאלישע אימה דורכ'ן גאנצען טיש. קוים דערלעבט אָבצועסען, בענקענדיג נאָך די נאכט, וואָס איז אין דרויסען, — און שפּעטליך האָט שוין געמוזט זיין, מען האָט שוין געהערט די שאקאלען וויינען אויף די קברים הינטער דער שטאדט — בין איך אין גאס ארויס. אויף דער שוועל פון דער טהיר האָב איך געטראָפען א אידענע זיצען. אָן דעם טשעפּיק האָב איך זי דערקענט, אַז זי איז אַ פּוילישע אידענע. איך ווענד מיך צו איהר:

— גוט שבת, באָבעשי.

— גוט יאָהר. פון אונזערע מקומות?

— ווי איהר זעהט!

— און וואָס הערט מען? — ווייטער שלעכט! הע!

— אזוי ווי איהר ווייסט.

— און דו זיצט דיר דאָ, אין דער היים קינדער איבערגעלאָזט.

— וואָס, איז אייך שלעכט אין ירושלים?

— שלעכט? ניין. וואָס קען זיין שלעכט? האָסטו א בעטריבט הארץ, געהסטו אויף די הייליגע קברים, צום כותל מערבי, — דער מאמע רחל'ס קבר איז נאָהענט, מילא זי ווייסט דאָך, — אבער די קינדער אין דערהיים, דאָס הארץ געהט אוים.

שווייג, אידענע, שווייג, שבת איז היינט, — און שבת טאָר מען ניט טרויעריג זיין, און נאָך דערצו אין ירושלים.

---

.6

## ביי דער מוטער רחל'ס קבר.

שבת־אויף־דער־נאכט, ווען די שטערן האָבען אין הימעל געפינ־קעלט און דאָס אייל־ליכטעל אין פענסטער, האָט מען די אייזלען געזאָטעלט און מיר זיינען פון ירושלים ארויסגעריטען, אויף דעם וועג קיין בית לחם, אום מיט די ערשטע שטראהלען פון מאָרגען צו דער מאמע רחל'ס קבר אָנצוקומען.

צום ערשטען מאָל רייט איך אויף דעם וועג, דאָך זיינען מיר די פעלדער און טהאָלען אָרום ניט פרעמד; ניט פרעמד די איילבערט־

ירושלים, וועלכעס האט זיך געהילט אין דעם טונקעלען שלייער פון נאכט, האט געלויכטען אין די שבת אייל־לעמפלעך, וועלכע האבען פון אלע פענסטער ארויסגעשיינט, און איבער די ירושלים־נאכט, דער ירושלים־הימעל, דער שבת־הימעל מיט זיינע גרויסע שטערן, איינער אין איינעם, זיינען זיי טיעף אריינגעזעצט אין הימעל, און עס דאכט זיך דיר, אז זיי הענגען דיר זעהר נאהנט איבער דיין קאפ, זיי רייבען זיך איינער אן צווייטען, — דא, זיינען די שטערען פיעל גרעסער און שארפער, ווי ביי אונז, דא הענגען זיי איבער ירושלים, און דיר דאכט זיך, אז יעדער שטערן איז א נשמה, און אלע הייליגע און גרויסע נשמות האבען זיך אויף שבת צונויפגעקליבען איבער ירושלים, צו הערען דעם קבלת שבת, די שבת־ברכה, וואס איז געזאגט געווארען ביי דער כותל מערבי און געהייליגט צו ווערען דורך דעם.

פון אלע וועגען, פון אלע שטעגען קומען אידען צוגעהן אין שבת־דיגען אנגעטהאן און איינער זאגט צום צווייטען „שבתא טבא“, פון אלע פענסטער דרינגען ארויס די שבת־אייל לעמפלעך, הערט זיך דער „שלום עליכם“, און זומער־לעב איז עס, און די זון געהט אונטער הינטער דעם הר הזתים — און טרעפסטו אין א ווינקעל פאר א הויז־טהיר זיצט א אראבער און טהוט זיך זיין מלאכה אין שבת, פיהלסטו טאקע, אז דו ביזט עפעס מעהר פון איהם, אז ער האט ניט זוכה געווען צום שבת, טאקע עפעס א שפחה׳ס א זוהן...

מיט דעם „אשת חיל“ האבען אונז די ווייבער אין דערהיים בעגריסט. די שטוב איז געווען צוגערוימט, דאס בעט אויפגעבעט, דער טיש אנגעגרייט, און דער שבת איז אין אלע ווינקעלעך געווען. אבער ניט אונזער שבת פון די קליינע פוילישע שטעדטלעך, וואו דער בעל־הבית זיצט אויבענאן, דאס ווייב און די קינדער ארום: די בנים אין נייע קאפאטעס, און די טעכטער מיט אבגעצוואגענע קעפלעך, די פארע פון דער יויך געהט איבער׳ן טיש, און דער פאטער מיט די בנים קנאקען א מנוחה ושמחה, אז דיר דוכט זיך, אז דו ביזט אין גן־עדן התחתון פערבלאנדזשעט געווארען; — דא, ביים בוכארער טיש איז דער שבת א פרעמדער, ווי אויס אן אנדער סדור׳ל, די ווייבער מיט די קינדער זיצען אויף דער ערד, דער פאטער נור אליין, אויף א העכער בענקעל, און זיי קוקען איהם מיט מורא און כבוד אין פנים אריין, און אויפ׳ן טיש גיט מען אויף אייז מאכל נאכ׳ן צווייטען: עפעס „רויטעס“ און

מוזטו אין ירושלים זיין, מוזטו שטעהן צו קבלת שבת פאר דעם כותל מערבי, און דער עיקר — מוזטו א אידישע נשמה האבען.

און ווערסטו מיך פרעגען: וואס איז אזוינס? וואס האסטו דאס אזעלכעס געזעהען? וואס האסטו אזעלכעס געפיהלט? וועל איך דיר ענטפערען: איך ווייס אליין ניט. געזעהען האב איך, מיט אנדערע צוגלייך, אידען זיינען געשטאנען, דער שווארצער אטלעס פון די פוילי־שע אידישע קאפאטעס האט געפינקעלט, די פנים'ער זיינען בלייך געווען, די ווייסע ליילעכער, אין וועלכע די תימנ'ער אידען זיינען געווען איינגעהילט האבען געגלאנצט איבער דעם ליכט געווארפען א ווייסען שיין, וואס האט דיך דערמאנט די אידען אין די קיטלען צו „כל נדרי„ אים יום כפור, און הינטער זיי זיינען געשטאנען די ווייבער, און די דימאנטענע שבת־אויעררינגלעך האבען פון זייערע הויבען ארויסגעפינ־קעלט געגלאנציבער דעם שימערנדען ליכט, און דאס ברילינאנטען־ליכט האט געווארפען א שבת מלכתא חן איבער זייערע פנים'ער, און מענער ווי קינדער, ווייבער ווי מיידלעך האבען אלע מיטגעזונגען דעם „לכה דודי“, און כאטש עס איז געווען דער שבת חזן, און דער ניגון פון דעם „לכה דודי“ איז געווען דער בעקאנטער איכה ניגון, אבער דאך איז ער ניט טרויעריג געווען. ניין, טיעף פרעהליך איז ער געווען, ניט פון די בעהאלטענע טרויעריגע פרעהליכקייט פון שבת צו שלוש סעודות ביים רבי'נס טיש, ווען דער רבי זאגט תורה אין דער דונקעלהייט, — ניין, מלכות'דיגעס האט עס עפעס אין זיך געהאט, מלכות'דיגעס און די שטילע טרויעריגקייט וואס איז אין מלכות'דיגעס. עס איז ניט געווען די פרעהליכקייט וואס עס קומט פון טרויעריגקייט, — ניין, דער מקור איז געווען די שמחה, די טרויעריגקייט איז געקומען פון דער שמחה. איבריגענס, איך וועל עס דיר ניט ארויסזאגען מיט ווערטער, — ניין. זיי אליין, און ביזטו א איד, ווערסטו עס פיהלען. עס איז דא עפעס אזעלכעס, אזעלכעס וואס ליעגט צווישען די קאפאטעס, צווישען דעם עולם, עס שוועבט ארום איבער די קעפ, עס איז אין דיר, אין אלעם ארום, וואס דו קענסט עס ניט אנרופען מיט קיין נאמען — נור א יסוד איז עס, וואס דו ווייסט עס, און איז עס ווער זוכה ווייסט ער עס אויך, און מיר ביידע פערשטעהען זיך מיט'ן וואונק...

און די ברכה וואס די אידען האבען געבראכט איבער'ן שבת פאר דעם כותל מערבי האט זיך פערשפרייט איבער גאנץ ירושלים.

די נאכט איז אונז אויפ'ן וועג אנגעפאלען, און ביי דער כותל מערבי האט מען שוין געפונען אידען פון פערשיעדענע לענדער און געגענדען, אידען אין פערשיעדענע פאכאנען, אשכנזים, ספרדים, תימנ'ער, בוכארער, ארום דער וואנד. אין די שפארעס פון וואנד, צווישען די שטיינער האבען גרויסע ליכט געברענט. און דער פלאץ איז ניט געוועזען יענער, וואס מיר האבען געטראפען ביים מעריב דאווגען מיט'ן פראכטען „והוא רחום יכפר עון“, ניין, דער שבת מלכתא חן איז אין דעם שבת־ליכט געוועזען. עס האט בעגאסען מיט ליכט די גרויע וואנד, און זי האט גאר היינט אנאנדערען חן געקראגען, — שטאלץ איז זי געווארען אין אונזערע אויגען, און האט דערמאנט אן די גבורים, איהרע זיהן, וואס האבען אויף איהר אזעלכע העלדענטהאטען געוויזען. ווער ווייסט, אפשר זיינען די גרויסע, גרויכע שטיינער פון וואנד, די לעבעדיגע עדות, ניט בלויז אויף די טהאטען פון די, וועלכע האבען אויף איהר געגען די רוימער מלחמה געהאלטען, נור אויך אויף די אלע דורות אידען וואס זיינען וויט, ווייט געוועזען פערווארפען פון איהר, קיינמאל זי ניט געזעהן אין די אויגען, נור גע'חלום'ט וועגען איהר, און געזעהן זי אין טרוים, אין זייערע הייליגסטע מינוטען.

ניין, ליעבער היינע: האסטו געגליכען דעם אידען אין וואכענטאג צום הונד, און אין שבת־טאג צום פרינץ, מוזט דו ווייטער גלייכען, צווישען דעם שבת־טאג אין גלות און דעם שבת־טאג אין ירושלים. כאטש פרייטאג־צו־נאכטס, צו קבלת שבת, דאכט זיך פיהלט זיך יעדער איד, צו יעדער צייט, אין יעדען לאנד, א זעכציגסטעל פון דעם געוועזענעם בית המקדש־איד, דאך אין ירושלים, צו קבלת שבת ביים כותל מערבי, פיהלסטו, ווי די שטריק פון פינסטערען גלות האבען זיך דיר אויפגעלעזט, צובראכען זיינען געווארען אלע גהעטאס, אלע גלותים. אפילו די וואנד, די מערב־וואנד, וואס שטעהט אויך ווי א צייכען פון גלות, איז דיר צובראכען געווארען און אידען זיינען ווייטער אריין, זיינען אויף יענער זייט וואנד, אידען שטעהען פאר'ן בית המקדש, ירושלים איז אונזער, און ארץ ישראל איז אונזער, און דו ביזט דער פרייער איד אין אידישען לאנד. און ווילסטו פיהלען וואס אידען האבען געפיהלט ביי עולה לרגל זיין אין בית המקדש הויף, ביי א שמחת בית השואבה אין בית המקדש הויף — ווען דער כהן גדול איז אין קדשי קדשים אריינגעגאנגען אום יום כפור, מוזטו דריי זאכען האבען:

האָבען זיך טאַקע געפונען אַ פּאָר עקזעמפּלאַרען פון זעלטענער שעהנ־הייט און טהייערקייט אין שטאָף און אין מוסטער. בעזונדערס איז דאָס הויז־מוזעאום פול געווען מיט „מגלות“, און פערשיעדענע „חפצים“, וועלכע דער בוכאַרער האָט צוגערעכענט, אַז זיי קומען אַרויס פון אסתר און מרדכי׳ס צייט. איבערהויפּט האָט ער אַלעס, וואָס האָט זיך געפונען ביי איהם אין מוזעאום, צוגערעכענט, אַז עס איז פון דער מגלה־צייט. ער האָט אַ בעזונדער קולט געהאַט פאַר מרדכי׳ן און אסתר׳ן, און שטאָלצירט דערמיט, וואָס זיי קומען אַרויס מיט איהם פון איין מדינה, פון פּרס און מדי, און יעדעס מאָל דערמאָנט דעם „מלך פּרס ירום הודו“. איך האָב געמיינט אַז ער מיינט אחשורוש׳ן, ערשט איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז ער מיינט דעם פּערסישען שאַך.

אויף אַ זילבערנער טאַץ האָט איינער פון זיינע זיהן געטראַנק אַריינגעבראַכט, און דער פאָטער האָט אונז פּלאַץ אַנגעבאָטען אויף דעם פּערסישען דיוואַן, וועלכער איז געווען אין מיטען שטוב אויסגעשפּרייט.

לאַנג צו זיצען האָט מען דאָך קיין צייט נ׳ט געהאַט. עס איז אָנגעקומען די צייט פון „שיר השירים“, דער בעל־הבית האָט אונז אין צווייטען צימער אַריינגעבעטען, וואו מען האָט שוין געטראָפען די בני־בית: די קינדער, מיט די 2 ווייבער אָן דער שפּיץ, זיינען געזעסען אויף דעם דיוואַן אויף דר׳ערד, די מיידלעך האָבען געהאַלטען קליינע בעמבעלעך אין די הענד, אויס פּאַרמעט געמאַכט, און פאַר די אינגלעך זיינען סדורים געווען אויסגעשפּרייט. אויבענאָן איז געווען אַן אָרט (סדורים „שיר השירים“ אויפגעמישט) פאַר דעם בעל הבית, און צו זיינע צוויי זייטען פאַר די צוויי געסט. מיר האָבען זיך צו זיין רעכטס און לינקס געזעצט. אַ אינגעל האָט אָנגעהויבען דאָס שעהנסטע אידישע ליעד צו זינגען: „שחורה אני ונאוה בנות ירושלים“.

און די מיידלעך האָבען אָנגעהויבען אין די בעמבעלעך צום טאַקט מיטצוקלאַפּען.

לאַנג, לאַנג האָט געדויערט דאָס שעהנסטע אידישע ליעד.

אויף אַ זילבערנער טאַץ האָט מען אונז ווידער קאַלטעס געטרענק דערלאַנגט, עס האָט אָנגעהויבען צו טונקלען. מיר האָבען זיך די פיס געוואַשען, די הענד געוואַשען און זיינען צום בית המקדש — ניין, צו דעם קבר פון בית המקדש — צום כותל מערבי אַרויפגעגאַנגען מקבל שבת זיין.

אהיים קומענדיג האָבען מיר שוין געפונען אַן איינלאַדונג פון אונזער בוכארער בעל הבית אויף שבת צו זיך — דערוויסענדיג, אַז מיין פריינד האָט אַן אורח, וויל ער ניט דורכלאָזען די געלעגענהייט פון אברהם אבינו'ס מצוה הכנסת אורחים און בעט אונז (לכבוד מיר מיין פריינד אויך) צו זיך אויף שבת. און לכבוד דעם אורח האָט ער אויפ־געעפענט די בארה און איז געוואָרען אַ ותרן אין וואַסער: נעהם וואַסער, וויפיעל דו ווילסט!

— שבת — הייסט צו שיר־השירים, וואָרום פון פרייטאג נאָכ־מיטאג, צו שיר־השירים, הויבט זיך אָן ביי זיי דער שבת — זאָגט צו מיר מיין פריינד, — אַלזאָ:

— שמיר דיין לייב אין בוימאַייל אוים, טהו דיין יום טוב קלייד אָן און קום צו שיר־השירים.

איך האָב מיין לייב אין בוימאייל ניט געשמירט, נור מיינע קליידער געביטען — וואָרום גרויס איז די היץ געווען — און בין מיט מיין פריינד צום בוכארער בעל הבית אויף „שיר־השירים" געגאַנגען.

---

.5

## שבת אין ירושלים.
(די כותל מערבי).

אין דער טהיר האָט אונז שוין געהאַט אָבגעוואַרט דער בעל־הבית. דער בוכארער האָט אונז אין שטוב אריינגעבראכט, פאָרגעשטעלט אונז פאַר זיינע בני־בית, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון צוויי ווייבער, איינע אַן עלטערע און אַ מיאוסע און איינע אַ אינגערע און אַ שעהנע, מיט זייערע קינדער. די ווייבער ווי די קינדער האָבען איהם די האַנד געקושט און געווענדעט זיך צו איהם: „מרא אבי", „מרא בעלי". אונז מיט אראָבגעבויגטע קעפּ בעגריסט.

דער בעל־הבית האָט אונז צוערשט אין זיין הויז־מוזעאום אריינ־געפיהרט, דאָס איז געווען אַ בעזונדער חדר אין שטוב, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען פיעל אַלטע חפצים, זילבער־צייג און קופּער־צייג, פערשיעדענע הענגלייכטער, מנורות, בשמים־ביקסען, אתרוגים־טעלער, אויך דארונטער איניגע כתבי־יד, איבערהויפּט מגלות און זעהר פיעל בוכארישע קליידער, טיכער, אויבערהעמדער, אונטער וועלכע עס

געפינען זיך די דריי־טויזענד זיילען, אויף וועלכען דער גאַנצער בית־המקדש־פּלאַץ איז געשטיצט.

עס איז שוין שפּעט געוואָרען, הונגעריג זיינען מיר אויך געווען — האָבען מיר זיך אהיים געאיילט. צוריקוועגס האָבען מיר אויף אונזער וועג בעגעגענט אַ אידישע חתונה פון פּוילישע אידען, בעגלייט מיט פּויקען און מענער־געזאַנג (קיין אַנדערע כלי־זמר ווערען ניט בענוצט, זכר לחורבן). צוויי קינדערלעך, יונגע קינדערלעך, זיינען געווען חתן־כלה, האָט מען זיי איבער די ירושלים'ער גאַסען געפיהרט צו דער חופּה, וואָס האָט געזאָלט זיין אויף דעם דאַך פון'ם חסידים־שטיבעל, וואו די מחותנים דאַוונען.

דער עולם איז געווען רייכליך, און ברייטליך, גאָרניט גלות'אַרטיג. די מאַנספּערשוינען, וואָס זיינען ס'רוב געווען פּוילישע, רייכע חסידים, האָבען געטראָגען אויף זייערע אַטלעסענע קאַפּאָטעס מיט פוטער־בענעהטע פּוילישע קאַנטאָשען ביז צו די פּיס אראָב, די אַרבעל איבער די הענד אַריבערגעוואָרפען, און די סויבעלנע שטריימלעך אויף די קעפּ, — אַזוי זיינען זיי געגאַנגען ווי די פּוילישע „וואָיעוואָדצעס" אין די גוטע צייטען. וואָרום הויך און שטרענג זיינען זיי געווען, פון גוטען יחוס זעהט זיך אויס. די ווייבער האָבען געטראָגען זיידענע ווייסע קליידער און זיידענע געהעפטע שפּיצענטיכער; זיי זיינען נאָך זייערע מענער נאָכגעגאַנגען, מיט פרייד און צניעות האָבען זיך זייערע אידישע גע'יחוס'טע פּנים'לעך געוויזען פון זייערע ווייסע שבת־הויבען. געציערט איז די אידישע טאָכטער, אַזוי ווי עס פּאַסט איהר לויט איהר שטאַם און געבורט. מיט שנירלעך פּעריל אויפ'ן האַלז, אין גרויסע בריליאַנטענע אויערינגלעך אין די אויערן — געהען זיי נאָך, די טעכטער פון שבת, הויך און קעניגליך ווי זייערע מענשער, און בעגלייטען די אידישע טאָכטער, זייער שוועסטער, די כלה — צו דער חופּה. ניט מיט געשרייען און אויפגעריסענהייט, ניט מיט הויכער פרייד און טענץ ווערט זי געפיהרט צו דער חופּה אין ירושלים. אין שטילען, בעהאַל־טענעם, ליעבען טרויער, אין דעם שטילען טרויער פון שבת צו שלוש סעודות, אין ליעבען טרויער, ווי עס ווערט געזונגען דער „לכה דודי" פון שבת, הויך און קעניגליך ווי זייערע מענער, און בעגלייטען די צו דער חופּה אין ירושלים — אין יענעם טרויער, וואָס דערמאָהנט דער פּרינצעסין, אַז איהר פּרינץ איז אין געפאַנגענשאַפט...

בעדעקט דער פּלאַץ, וואָס איז אמאָל געווען דער בית המקדש הויף, און ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּלעך, וועלכע לייכטען אויף דער זון, פיהרען צום מאָשיי אַרויף. און אויף דעם אָרט, וואו ישעיה הנביא האָט אמאָל נביאות געזאָגט; וואו אידען פון גליל און יהודה זיינען אין אַן ערב יום טוב ווי עולי רגל פערזאמעלט געווען; אויף דעם אָרט, וואו די אידישע מחנות האָבען געברומט, ווי די וועלען פון ים; וואו די אידישע גבורים האָבען זייער בלוט פערגאָסען, כהנים זיינען אין פייער געשפּרונגען, און מוטהיג און שטאָלץ און גרויס און העלדיש האָט געקעמפּפט דער אידישער גבור פאַר זיין פרייהייט־פאטערלאַנד און בית המקדש, — אויף דעם פּלאַץ, אויף די ווייסע אין זון זיך בארענדיגע טרעפּלעך, ליעגען אויסגעצויגען די מוסולמאַנישע נזירים אין זייערע ווייסע כאַלאַטען און פוילען זיך, און וואַרימען זיך אין דער זון. דאָ און דאָרט שאָקלען זיך איינינגע איבער'ן קאָראַן, שטעקען אָבער אויס די האַנד נאָך אַ באַקשיש, בעטלען פון אַ פאַרבייגעהענדיגען אייראָפּעער און זיינען גרייט איהם אַרומצופיהרען און צו ווייזען זייער טעמפּעל.

און דאָס אָרט איז דאָך דער בית המקדש הויף, וואו יעדער מאָמענט לעבען אין דעם הויף האָט בעשטימט דעם גורל פון אייראָפּאַ אויף טויזענדער יאָהרען. דאָס ווינקעל, פון וועלכען עס איז אַרויסגעגאַנגען די קולטור, וועלכע האָט מנצח געווען אַטהען און רוים, — דאָס ווינקעל איז אַוועקגעגעבען געוואָרען ווילדע נזירים, אַז זיי זאָלען זיך אין דער זון וואַרימען...

און זעה, זיי זיינען דאָך פריינדליכער פאַר יענע; זיי פיהרען מיך אַריין אין זייער מאָשיי אַריין, וועלכער שטעהט אויף דעם אָרט פון אונזער בית המקדש, און ווייזען מיר אַלע היילינקייטען (טאַקע פאַר אַ באַקשיש און אין דער בעגלייטונג פון אַ טערקישען אָפיציער). און וואָס האָב איך דאָרט ניט געזעהן! דעם שטיין, אויף וועלכען דער בית המקדש איז געווען געבויט (אפשר איז עס פון די שטיינער, וואָס יעקב אבינו האָט זיך צו־קאָפּענס אונטערגעלעגט אין בית־אל); דעם סכך, אין וועלכען דער באַראַן האָט זיך פערדרעהט, בעת אברהם אבינו האָט יצחק'ן געבראַכט פאַר אַ קרבן, און אַ זייל פון בית המקדש (אַן ענליכען זייל האָב איך געזעהן אין דער פּעטרוס־קירך אין רוים). און דערנאָך האָט מען אונז אַראָבגעפיהרט אין די קעלערס אַריין, וואו עס

איהרע לאַנדסלייט, און פרעגט אונז פּאָרזיכטיג, צי מיר זיינען אידען.

אויף אונזער תשובה: יא! האָט זיך די שוועסטער אַביסעל געוואונדערט; זאָגט זי צו אונז מיט גרויס ליעבשאַפט, קריסטליך־ערבאַרמענדיג זיך אויף אונז:

— וואָלט איך אייך גערעאטהען, אַז איהר זאָלט ניט אַריינגעהן.

— פאַרוואָס?

— ניט קיין קריסטען שלאָגען די זעלנער.

מיין פריינד רופט זיך אָן:

— מיר האָבען שוין אַזוי פיעל קלעפּ בעקומען צוליעב אונזער געעהרטען מיטבירגער ישו, וועלען מיר נאָך אַ פּאָר בעקומען.

— כדי קריסטוס'ער גרוב צו זעהן, איז כדאי אַ פּאָר קלעפּ צו קריגען. — לעג איך צו.

די שוועסטער האָט זיך פערשעמט און איז ווייטער געגאַנגען.

מיינע ליעבע, זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, נור ווי אַזוי געמער צו דיענען בעדאַרפט איהר זיך ביי אונז לערנען.

און מיר קענען זיך דאָך מיט איהם שוין אַ ביסעל לענגער ווי איהר, אויב ניט מעהר, על כל פנים, מיט 12 הונדערט יאָהר פריהער פאַר אייך!

און ווייל אונזער געעהרטער מיטבירגער האָט אַזאַ פּאָרזיכטיגע שמירה פאַר זיין טהיר, האָבען מיר דאָס מאָל דעם וויזיט אָבגעלעגט, און מיר זיינען ווייטער געגאַנגען...

— מיין פריינד, איך וויל מיין לייב אין בוימאייל וואַשען, מיין יום טוב קלייד אָנטהאָן און צום בית המקדש אַרויפגעהן, מיין קרבן צו ברענגען.

דורך שמאָלע, שמאָלע, וויסטע, פערלאָזטע געסלעך, מיט האַלב־איינגעפאַלענע און מיט מיסט פערשטויבטע הייזער (מיין פריינד זאָגט, אַז דאָ זיינען אַמאָל די חנויות געווען — נאָך אין בית המקדש'ס צייטען, וואו מען האָט פערקויפט טויבען און אייל, און ווייסע זעמעל־כיעך — צו די קרבנות), פיהרט דער וועג צום הר הבית אַרויף. און ברייט און גרויס איז דער פּלאַץ, וואָס רינגעלט אַרום דעם הר הבית. ניט הויך איז דער באַרג פון'ם בית המקדש אָרט, נאָר ברייט און קעניג־ליך, מען דערקענט עס באַלד — דאָס איז דער פּלאַץ פון הערשאַפט, ווער עס שטעהט דאָ, דער רעגיערט... און מיט ווייסען מאַרמאָר איז

דעוויז, און איז געגאַנגען אין פּלשתים־לאַנד און האָט אָבגעקויפט אַ שטיק פּלשתים־ערד און אַ אידישע קאָלאָניע געגרינדעט. פּאָבעדאָנאָס־צעוו און ווילהעלם דער צווייטער זיינען גרעסערע „ציוניסטען“ געווען פאַר דעם חובב ציון: איינער האָט געקויפט דעם הר הזתים, דער צווייטער — דעם הר ציון.

נאָך גוט, וואָס מאָנטעפיאָרע האָט מיט פיעל יאָהרען צוריק די כותל מערבי און די מאַמע רחל׳ס קבר אָבגעקויפט און די אידען געשענקט. אז ניט ווער ווייסט צי וואָלט מען היינט צו דער מאַמע רחל׳ס קבר געקענט צוקומען. צי וואָלט ניט אויף איהר קבר, וואו עס שטעהט היינט דאָס קליינע, צנועה׳דיגע אידישע שולכעל מיט די לעמפּעלעך — צי וואָלט ניט היינט אַ קירך געשטאַנען, און אַ צלם די לופט געשטאָכען, צי וואָלטען ניט היינט אויף דעם אָרט פון דעם כותל מערבי, וועלכער זאַפּט אין זיך אזוי פיעל אידישע טרערען איין, און איז דאָס צוזאַמענקונפט פון אידען פון דער גאַנצער וועלט, — צי וואָלטען ניט היינט טערקישע סאָלדאַטען געשטאַנען און קיין אידען ניט אריינגעלאָזט, אזוי ווי זיי שטעהען ביי דער טהיר פון דער הייל פון אונזער געעהרטען מיטבירגער און ברודער יוסף פון דער שטאַדט עזימתא, נאָס ער האָט אוועקגעשאָנקען אין איהר צו בעגראָבען דעם געקרייציגטען ישו, וואו מען האָט איהם אריינגעלעגט אין אַ נייעם ליילעך, פריוואַג פאַרנאַכט, וואָרום עס איז קיין צייט ניט געווען, מען האָט מורא געהאַט, מען זאָל ניט מחלל שבת זיין.

איך האָב מיך דערמאָהנט, אז איך האָב אַ בעזוך אָבצושטאַטען — דעם קבר פון ישו הנוצרי, וועגען וועלכען מען רעדט אזוי פיעל אין אונזערע מקומות. איך בין צום קבר צוגעגאַנגען. אַן אַלטער אייזער־נער טויער פערשליסט די הייל, וואָס הייסט איצט „די בעגרעבונגס־קירך“, און דעם אריינגאַנג היטען טערקישע זעלנער, וואָרום הייליג און טייער איז דאָס אָרט פאַר אַלע קריסטען — קיין חילוק ניט צו וועלכער קירך ער געהערט אָן, און כדי עס זאָל צווישען זיי קיין מחלוקת ניט אַרויסקומען, — ווי עס איז שוין אָפּטמאָל דער פאַל געווען — האָט מען דעם פּלאַץ איבערגעגעבען צו היטען אבדול־האמיד׳ס זעלנער, אז זיי זאָלען צווישען זיי שלום מאַכען.

מיר שטעהען אויפ׳ן הויף און בעטראַכטען דעם אייזערנעם טויער; צו אונז קומט אָן אַ רוסישע רחמנות־שוועסטער, דערקענט אין אונז

אָבער ניט ווי די, וואָס איז אין בערלין, וואו דער דייטשער סטראַזשניק וואַשט די העלדען אָב צו יעדען פּאַראַד. ניין. קודם כל וויל ער משה׳ן אוועקשטעלען אַ מאָזעלעאום אויף הור־ההר, וואוהין גאָט האָט ארויפגעפיהרט משה׳ן צו ווייזען דאָס לאַנד אין וועלכען ער ברענגט זיין פאָלק אריין. אליין קומט משה אהין ניט אריין... וויל ער איהם דאָרט אוועקשטעלען מיט׳ן פּנים צו ירושלים, און ביינאַכט זאָל דאָרטען אַ גרויס ליכט לייכטען און פון ירושלים זאָל מען עס זעהן. אויף ציון׳ס בארג בעגניגענט ער זיך מיט דוד׳ס סטאַטוע פון דעם פלאָרענטי־נער מיקעל אנזשעלאָ. פאַר דעם וויל ער ישעיה׳ן אויפ׳ן בית־המקדש־הויף אַ סטאַטוע אוועקשטעלען ווי ער טרייבט די קרבנות מיט די פאַלשע כהנים פון גאָט׳ס הויז ארויס, און נאָך אַ סך, און נאָך אַ סך האָט ער דאָרט אוועקצושטעלען: די מכבים, די גבורי ישראל, און היינט די אָבות, און די נביאים, און די תנאים, און די ראשונים און די אחרונים — און וואו איז הלל, בר־כוכבא, די נשיאי בבל, און דער רמב״ם, און בעל שום טוב, און נאָך, און נאָך.

אידען וואָלטען דאָס געהאַט דענקמעלער צו שטעלען!

ער ווייסט נור ניט אויב אידען וואָלטען בעשטאַנען. וואָס וואָלטען זיי מאַכען מיט דעם „לא תעשה לך פסל“. מילא ביי קאַליגו־לעס בילד — אז מען האָט עס געוואָלט אין בית המקדש אריינשטעלען — איז ניט געווען קיין אנדער עצה, האָט גאָט געמוזט אַ נס מאַכען — איז קאַליגולע געשטאָרבען. דאַכט זיך דאָ — וואָלט מען גאָר ניט געדאַרפט צו קיין נס צוצוקומען...

נור דערווייל שטעלט מען אין ירושלים דענקמעלער — איין קירך נאָך די צווייטע, איין צלם נאָכ׳ן צווייטען, און איין פאָלק וויל איבער־יאָגען דאָס צווייטע, און איין קירך וויל איבעריאָגען די צווייטע מיט דער הויך פון איהר צלם. וועמעס צלם עס איז העכער — דער רעגיערט איבער ירושלים.

פאַרצייטענס, דאָס הייסט פאַר אַ יאָהר דרייסיג צוריק — האָט מען די אַלע אידישע היסטאָרישע ערטער, ווי דעם הר ציון, הר הזתים, קברי מלכים און פיעל, פיעל אנדערע געקענט אָבקויפען פאַר בחצי חנם, — נור דער ערשטער חובב ציון, וואָס איז געפאָהרען קיין ארץ ישראל לאַנד קויפען — האָט ניט געוואָלט קוקען אויף די אַלטע „מצבות“ — „ער איז אראָבגעקומען לעבען, ניט שטאַרבען“ — איז געווען זיין

לייכט זיך אין איהרע אייל־לאָמפּען און בעהאלט זיך אין איהרע סע־דער און איהרע פעלדער, און זייערע ליעדער האָבען געקלונגען צווישען גרינס און אייל־ליכט. זעה, היינט זיינען נאָך איבערגעבליבען אייניגע פון די דעמאָלדיגע בוימעלעך, פון דעמאָלדיגע צייטען — שטעהען זיי, האלב פערברענט אין דער זון. עס ווייזט זיך דער בארג אין זונען־שטויב, און די בלעטלעך פון די צווייגעלעך שמאכטען אין דער היץ. דער גאנצער מזרח פון דעם בארג — געגען־איבער דעם הר־הבית — איז בעלעגט מיט ווייסע, ווייסע שטיינער, אין יעדען שטיקעל ערד דאָרט איז א רב בעגראָבען, א טהייערער יוד, אן אלטער יודישער סוחר, אָדער א בעהאלטענער רבי, א ל"ו'ניק — זיי האָבען זיך, די אויסגעדארטע, שטארבענדע קערפּערס מיט די גרויסע יודישע נשמות געשלעפּט פון אלע עקען וועלט איבער די ימים, איבער די יבשות, אום צו ליעגען דאָ אויף דעם הר־הזתים, מיט זייערע פּנים'ער צום הר־הבית, צום בית־המקדש צוגענויגט, אז משיח וועט קומען זאָלען זיי זיך נישט דארפען קייקלען אונטער דער ערד פון חוץ־לארץ נאָך ארץ־ישראל, נור גלייך געגען־איבער דעם בית־המקדש תחית־המתים אויפשטעהן.

הינטען צו די פיס פון בארג אין די „מערות“ פון די נביאים, אויסגעהאקטע אין דער וואנד פון בארג, ליעגען די נביאים „עזרא“ און „נחמיה“ — און דער „יד־אבישלום“ שטעהט דאָרט — און אלע וואר־טען זיי, גרייט אויפצושטעהן צו תחית־המתים, אז ס'זאָל זיך נור דער שופר של משיח דערהערען. און איבער זיי, אויף דעם סאמע שפּיץ בארג הזתים, פון וואנען מען זעהט די גאנצע ארץ־ישראל־ערד, ווי זי שפּרייט זיך אויס מיט איהרע בערג און טהאָלען ביז צום ברעג פון ירדן און ווי צום שיין פון דער זון פינקלען די וועלען פון ירדן — איז דער העכסטער שפּיץ פון ירושלים, און אויבען, על הר ירושלים —

א רוסישער פּראוואָסלאוונער צלם! א סאמע עכטער רוסישער; פּראוואָסלאוונער, א מאָסקוויטישער!

פון די פערציג מאָל פערציג!

און מיר קומען איבער די מויער און רינגלען ארום ירושלים.

מיין פריינד איז א סקולפּטאָר, א יונגער יודישער גייסט, א קאָפּ פול מיט חלומות, — דרעהט ער זיך ארום איבער די חורבות פון ירושלים און חלומ'ט ירושלים צו פערוואנדלען אין — — „א זיעגעס־אלעע“.

טראָפּען און געבעטען, אז מיר זאָלען זיך ביי איהם די שיך לאָזען פּוצען.

די חלפנים ביי זייערע טישלעך זיינען אין דער גאַס געזעסען און די מוכרים זיינען פאר זייערע קליינע חניות געזעסען און האָבען אויסגערופען זייערע סחורות:

„ווער וויל א זילבערנעם פּאַסעק זיין יונג ווייבעל א מתנה קויפען" — רופט אַן אראבער אויס. און שמאָל זיינען די געסלעך פון ירושלים, און מיט פלאכטעס בעשאָטענט פאר דער זון — אין דער מויער זיצען די טרויער־ווייבער און בעטען נדבות.

און אין ירושלים זיינען אַלע ווייבלעך מיט אָבגעגאָלטע קעפּ האָר, אין סאמע בענדער (קיין שייטעל ווערסטו דאָ אין אויג נישט זעהן), אַלע יודען אין אטלעסענע קאַפּאָטעס, אין שיך און זאָקען, מיט פּאות, אין א שטריימעל, יעדער יוד — א רב, יעדע יודענע — א רבי'צין.

און דער גוי שטערט ניט, מיר זיינען דאָך אין ארץ־ישראל, א תחום־שבת — די מאַמע רחל'ס קבר, א ביסעל ווייטער — ליעגען די אבות, אברהם, יצחק, יעקב, קריכסט ארויף אויף די מויער — זעהסט דו דעם ירדן. — א שאָד נור וואָס דער בית־המקדש איז צושטערט.

קריך איך איבער דער מויער און רינגעל ארום ירושלים. צו אונזערע פיס, הינטער דער מויער, ליעגט דער טהאָל גי־הנום, וואו די קרעציגע האָבען זיך אויפגעהאַלטען — אויסער דער מחנה — פאר אונז, — דער בארג ציון, וואָס דוד האָט אוועקגענומען פון מלך שלם, ציון — וואָס שטעהט אין סדור און מען זאָגט אין שמונה־עשרה; דו זעהסט איהם מיט דיינע אויגען, און טאַפּסט איהם מיט דיינע הענד. זעה, אויף דעם סאמע שפּיץ מויערט מען אויף א הויכע דייטשע קירך. זעה, ווי דער דייטשער, בירגערליכער „קרייץ" שטעכט די לופט פון ירושלים אזוי דייטשעריש און אזוי קירכיש, — ווי א בערלינער דייטשע קירך.

פאר אונז — דער בארג הזתים, — אודאי געווען דאָ אויבען דער שעהנסטער שפּאַציער פון ירושלים, די פעטסטע גערטנער האָבען געמוזט אויף דעם בארג זיך בעהאַלטען און די בנות־ציון (זייערע לייבער אין טהייערען אייל בעשמירט), און די בני־ציון, אין טהייערע זיידענע קליידער — האָבען זיך דאָ אויבען געמוזט צווישען די בוימער בעהאַלטען, אראָבגעקוקט אויף די נאכט, אויף די שטאָדט ירושלים, ווי זי

אין זייערע זיידענע פערשיעדען־קאלירטע מאנטלען טראגען פון „שר־הכבשים“ שעפסען־פלייש און רינדר־פלייש, אויף שבת אהיים.

מיין פריינד דערצעהלט מיר, ווענען דער בוכארער גאס, אין וועלכער מיר וואוינען. א בוכארער יוד איז אראבגעקומען קיין ירושלים פאר פינף און צוואנציג יאהר צוריק און האט אבגעקויפט דעם בעסטען פלאץ ארום דעם מויער און האט אויסגעבויט א „בוכא־רער גאס“ — דאס איז איצט דער געזינדסטער טהייל שטאדט אין ירושלים. ער פערדינגט די הייזער נור יודען, קיין גוים לאזט ער נישט אריין.

דאס ערשטע מאל „קראמע חריסטיאן“.

— געלויבט דיר גאט, וואס איך האב כאטש דערלעבט צו א שטיקעלע, א שטיקעלע נקמה, פאר די געלע פלעקען אין פערשיעדענע „תחומים“, אין וועלכע זיי האבען אונז אריינגעלאזט.

און געטריי האלט ער זייןווארט — פאר קיין טויזענד פראנק וועט ער קיין גוי קיין וואוינונג נישט פערדינגען, זיי מוזען וואוינען אין דעם טהייל שטאדט וואס איז אין דער מויער, אין שמוץ און איינ־שאפט — א גוי'איש געהעטא.

געקומען אין די גאס אריין — האבען מיר געפונען א פרעהליכען יודישען ערב־שבת, ווען דער גראשען איז בנמצא און „ברוך המקום בזול“. ערשט נעכטען געקראגען אויסגעצאהלט דעם חלוקה־גראשען, — איז דאס ווייב צום „שוק“ געגאנגען, וואס איז דארט נעבען דער בוכארער גאס, אין חלוקה־טהייל־שטאדט, און איינגעקויפט דאס, וואס דאס הארץ האט געגלוסט.

קאטשקעס האבען געשריען, פעדערען זיינען געפלויגען, און יונג־לעך מיט געגרייזעלטע פאות'לעך האבען אויף אייזלעך ארומגעריטען, פון די פענסטער הערט מען דעם „קול התורה“ אויסגעהן — ווארום שותפות האבען געמאכט יששכר און זבולן, — זבולן ווארט ביי די ברעגען פון די ימים — און יששכר זיצט א גאנצען טאג און לערנט. — —

דורכגעקומען דעם „שוק“ זיינען מיר אנגעקומען צום שער „ציון“ — פון איין זייט געהט אב דער וועג נאך „בית לחם“, און דא איז ארום די מויער פון ירושלים. מיר זיינען דורך דעם טויער און געקו־מען אין די ברייטע גאס. ביי דוד'ס טורם האט אונז אן אראבער גע־

פערשלאָסען", „די „בארות" זיינען לעדיג", „עס איז נישטאָ קיין וואסער". מיין איך ווייטער, אַז „ירושלים במצור" — ירושלים איז בע־לאַגערט, דער שונא לאַגערט ארום די מויער, טיטוס הרשע מיט די רוי־מער שטעלען הינטער די מויער ארונטער די „אייזערנע הערנער". אויף די מויער שטעהען די גבורי־יהודה און האַלטען מלחמה, ווי די לייבען, ווי די לעמפּערטען. און גרויסע פלאַמען פייער זעהען זיך דורכ'ן פענסטער — די שטאָדט ברענט. דאָס האָבען די „ראשי־בריוני" אונטערגעצונדען די שפּייכלערם מיט האָלץ און עסענווארג פון כלבי־שבוע'ס שפּייכלער, וואָס האָבען געקאָנט געניגען אויף איין אין צוואנציג יאָהר. די שטאָדט איז אין א גרויסען הונגער. מאַמעס עסען די אָרעמס פון זייערע קליינע, איידעלע קינדער. און די בנות־נדיבים, די געאיידעלטע ירושלים'ס טעכטער, ווארפען זייער גאָלד און זילבער אין די גאַסען, און קלייבען אונטער דעם קויט פון די פערד. און אזוי איידעל זיינען זייערע פיסלעך, אז קוים ריהרען זיי זיך אָן אין „אַן אויסגעזויגענע פייג" — מוזען זיי פאר איידעלקייט שטאַרבען. און דאָרט פיהרט מען די לויה פון א גרויסען תנא ארוים אויסער די מויער, און איך וויים, אַז ער איז ניט געשטאָרבען, נור ער וויל זיך ארויסכאַפּען פון דעם מויער, מיט'ן שונא שלום מאכען, און מחילה בעטען, מן הסתם וועל איך זיך דאָך אויפכאַפּען, צולויפען צום טויער און דעם תנא נישט ארויסלאָזען (וואָרום איך געהער דאָך אויך עפּים צו די „ראשי־בריוני"), — ערשט עס קומט אריין מיין פריינד, ביי וועלכען איך האלט זיך אויף, און דערצעהלט מיר, אַז דער רייכער בור־כאַרער, ביי וועלכען מיר וואָוינען, האָט מורא, אז דאָס וואסער זאָל זיך נישט אויסלאָזען אין דער „בארה", איידער עס וועלען קומען די „ימי־הגשם" — האָט ער די „בארה" פערשלאָסען און לאָזט קיין וואַ־סער נישט נעהמען, נור איין קווערטעל אויף יעדען נפש, — מיר זיי־נען דאָך אין ירושלים, — ירושלים האָט שטענדיג געהאט צו טהאָן מיט וואסער, — אפשר וועט זיך געפינען א שר, וואָס האָט „בארות" מיט וואסער, לאָז ער זיי עפענען, לאָז מען זיך וועטען מיט איהם: אז איידער די זון געהט אונטער, ווערען איהם די „בארות" וויעדער פול (א תנא וועט צו גאָט בעטען — וועלען זיך באַלד וואָלקענס בעווייזען).

נור דערוויל קוק איך דורכ'ן פענסטער — בוכאַרער יודען אין זייערע זיידענע הויזען, מיט ווייסע פוטערנע היטלען אויף די קעפּ,

לאָזט אין די שטיינער... אין אַ ווינקעל איינער אליין פאַר זיך איז גע־שטאַנען אַן איינזאַמער, איינזאַמער שוואַרצער שאָטען, פערוואָרפען מיט ביידע הענד איבער דער וואַנד, זי צו זיין האַרץ צודריקענדיג, זיין פּנים האָט ער צווישען אַ שפּאַלט פון צוויי שטיינער בעהאַלטען און אַ שוואַכע שטים האָט געברומט אַ שטיל געבעט:

— רבונו של עולם, פערהייליג דיין נאָמען איבער די גאַנצע, גאַנצע וועלט...

און אַ משוגע'נע מאַמע איז דאָרט געבען וואַנד געזעסען, אין ווייסען געהילט, און האָט מיט איהרע אויגען ערגיץ־וואו ווייט, ווייט אין דער וועלט אריינגעקוקט...

איך בין צו דער ערד געפאַלען און די שטיינער געקושט...

.4

# ירושלים.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אין אַ שעהנעם ערב־שבועות־פרייטאַג, אין ירושלים. די זון האָט בעגאָסען מיין שטיבעל מיט ליכט און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין איין ווינקעל שאָטען. איך האָב געוואַרט, ביז איך וועל הערען די שופרות בלאָזען, אַנזאָגענדיג, אז די עולי רגל מיט די בכורים קומען אָן פון בית־לחם (וואו עס איז געווען דער לעצטער „מעמד“) קיין ירושלים. די לוים, די כהנים און די חשובי־ירושלים זיינען דאָך שוין דעם צוג אנטקעגען געגאַנגען, אין שטאָדט אריין זיי צו ברענגען, און די בעלי־מלאכות פון ירושלים שטעהען דאָך שוין גרייט פאַר זייערע הייזלעך, אריינצובעטען די אָנגעקומענע: „ברידער פון דעם און דעם אָרט, שלום עליכם“. און אָט פינקלען זיך דאָך שוין אין דער זון די בעגאָלדעטע הערנער פון דעם אָקס וואָס געהט פאָראויס פאַר דעם צוג, און נאָך איהם גילדען זיך אין דער זון די גאָלדענע און זילבערנע קערב אויף די קעפּ פון די חשובי־ירושלים, אין וועלכע זיי ברענגען זייערע בכורים, און נאָך זיי אזא עולם פערטונקען אין דעם וואָלקען־שטויב, וואָס געהט דאָרט אויף דעם וועג קיין בית־לחם, — מוז איך מיך דאָך אויפכאַפּען, אויך ארויסגעהן, — ערשט איך דערהער דורך די צוויטע טהיר אַ גערודער, — איך הער מיך איין. עפּים דערין אַ מעשה מיט וואַסער: „די „בארות“ זיינען

הימעל פון ירושלים לאָזט זיך נישט אזוי גיך מיט דעם נאַכט־מאַנטעל איינהילען.... דאָרט ווייט פלאַקערט די זון אין מערב־זייט, און אפשר איז שוין דאָרט די גאַלגאָפּע... מיין האַרץ האָט מיט שרעק און פרייד אָנגעהויבען צו קלאַפּען. שטיל, שטיל איז געוואָרען צווישען עולם. אַלע האָבען געוואַרט אויף דער מינוט, וואָס זיי וועלען ירושלים דער־זעהן. די שול־קינדער האָבען זיך ווי די היהנער אַרום זייער לעהרער ארומגעקליבען, די ווייבער האָבען זיך די הויבען אָנגעטהאָן, די יודען — די שבת'דיגע קאַפּאָטעס. און אַלע האָט די דונקעלהייט ארומגע־נומען, און אַלע האָבען מיט שרעק און שטילקייט געוואַרט אויף עפּיס זעהר, זעהר הייליגעס און גרויסעס.

און דער צוג איז שטעהן געבליבען, און דער קאָנדוקטאָר האָט גאַנץ געוועהנליך אויסגערופען: „ירושלים!"

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא! האָב איך הינטער מיר געהערט.

איך האָב אַ וואַגאָן געכאַפּט: „צו דער כותל מערבי."

איך האָב נאָך געוואָלט טרעפען מעריב דאַווענען ביי דער כותל מערבי. איך האָב גאָרנישט געזעהן, מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אין מיר, ירושלים האָט זיך געהילט אין אַ שוואַרצען, שוואַרצען וואָלקען, מיט איינמאָל איז די נאַכט אראָבגעפאַלען און געלעגען איבער ירושלים. ירושלים איז שרעקליך, שרעקליך שטיל געווען, די מענשען האָבען זיך אין די הייזער בעהאַלטען, פון די פענסטער האָבען דאָ און דאָרט אייל־ליכט ארויסגעשיינט, אָנגעזאָגט, אז דער פּועל איז פון פעלד אהיים געקומען און זיצט ביי זיין מאָהלצייט.... עס איז שוין געווען מעריב־צייט. דער טונקעלער, טרויעריגער „והוא רחום יכפּר עון" פון אונזער בית־המדרש'ל אין אַ טרויעריגער הערבסט־נאַכט איז געהאַנגען איבער גאַנץ ירושלים.

ביי דער כותל מערבי איז שוין געווען נאָך מעריב.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכע, הויכע וואַנד, וועלכע איז ווי אַ שוואַרצע זייל אויפגעגאַנגען אין הימעל אריין. קיינער איז שוין ניט געווען ביי איהר, נור דאָ און דאָרט האָבען נאָך אין די שפּאַלטען פון די שטיינער געצאַנקט חלב'נע ליכטלעך, וואָס די יודען האָבען איבערגע־לאָזט פון מעריב דאַווענען, און די פלעמלעך האָבען זיך געדויכערט, בעלויכטען די פּעטע, אין אייל געטונקטע שטיינער, און האָבען אויס־געזעהן, ווי נישט־געענדיגטע תפלות, וואָס מען האָט זיי איבערגע־

טען מיט די רוימער. איך ווייס נישט, אויב ווירקליך אין די הרי יהודה האָט שמשון דעם לייב בענעגענט, נאָר ווער עס האָט געזעהן די הרי־יהודה מיט זייער גרויזאמער שטילקייט, מיט זייערע שטיינערדיגע שפּיצען, מיט זייער טיעף־שרעקענדיגער קאַלטקייט, גלויבט, אז נאָר דאָס איז די היים, אין וועלכער עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אזעלכע גבורים ווי שמשון און בר־כוכבא. גבורה און לייבען־געברום רוהט אויף די שפּיצען פון די בערג...

אין ביתר איז אונזער וואגאָן בעלעבט געוואָרען. קריסטליכע שול־קינדער מיט זייערע לעהרער — פראנצויזישע מיסיאָנערען פון א ירושלים׳ער מיסיאָנערען־שול פאָהרען צוריק קיין ירושלים פון זייער אויספלוג. די קינדער זיינען זעהר פרעהליך געוועזן, אויפגערוימט און האָבען געשטיפּט מיט זייערע לעהרער, וועלכע האָבען זיי פּעטערליך איינגענומען, ארומגעקליבען זיי ארום זיך און זיי מעשיות דערצעהלט. מיר איז זעהר טרויעריג געוואָרען.

איך האָב געזעהען די ירושלים־פעלדער ארום מיר, און פרעמדע קינדער שפּיעלען זיך אויף זיי; איך האָב נישט פיינט געקראָגען זייערע, גוטע, שטילע לעהרער, נור איך האָב מיך דערמאָנט אָן אונזערע, אונזערע אָרימע יודישע קינדער, ווי זיי זיינען איצט ערגיץ־וואו פערשפּרייט און צוזייהט איבער דער גאנצער ערד, אין איינגע חדרים, אין געשטיקטער לופט, און דעם רבינ׳ס קאנטשיק פּאַכט פאר זיי. — קינדער, — וואָס האָט מען צו זיי? — פארוואָס זיינען זיי פערטריבען פון די פעלדער, פון די גערטנער? די עלטערן האָבען געזינדיגט, ליידען די קינדער זייער זינד. גאָט׳ס קללה ליעגט אויף זיי אויסגעגאָסען. אָבער די אָרימע יודישע קינדער, פארוואָס ליידען זיי? פארוואָס נעהמט איהר זיי נישט אהער און לאָזט זיי נישט זעהן די פרעכטיגע נאַטור און די ירושלים־פעלדער, און די ירושלים־גערטנער...

מיט די בערג אין איינעם האָט די טונקעלהייט אָנגעהויבען ארייננצוקוקען אין אונזערע פענסטער אריין. עס איז געקומען די צייט פון מנחה דאוונען. די יודען האָבען אָבער געוואָלט ווארטען מיט מנחה אויף ירושלים, — אז מיט׳ן ערשטען טריט אין ירושלים זאָלען זיי מנחה דאוונען; נור זיי האָבען מורא געהאַט, אז זיי זאָלען נישט פערשפּעטיגען מיט מנחה, און האָבען מיט שרעק געקוקט אויפ׳ן הימעל.... אָבער עס ווייזט זיך נישט, חלילה, נאָך קיין איין שטערן, דער

געקומען די מיטאָג־שעה, און מען דאַרף די שעפּסען אָנטרינקען, האָבען זיך די פּאַסטוכער ארום דעם ברונעם פערקליבען, וואָס איז דאָרט אין מיטען פעלד, און ווארטען, ביז אַלע פּאַסטוכער וועלען זיך צונויפקו־מען און אראָבקייקלען דעם שטיין, וואָס איז איבער'ן מויל פון ברונען, און די שעפּסען אָנטרינקען, און צוריק דעם שטיין ארויפקייקלען. קומט אָן יעקב פון באר־שבע צוגעהן נאָך חרן, צו לבן הארמי, און טרעפט די פּאַסטוכער ארום ברונעם. פרעגט ער זיי:

— ברידער, פון וואנען זייט איהר?

— פון חרן זיינען מיר.

— קענט איהר נישט דאָרט לבן, נחור'ס זוהן?

— מיר קענען איהם.

— געהט עס איהם גוט?

— עס געהט איהם גוט; אָט קומט אָן רחל, זיין טאָכטער, מיט די שעפּסען...

——און זעה, דאָרט געהט רחל מיט'ן קרוג, אויפ'ן קאָפּ, פיהרט איהר סטאַדע צום ברונעם אנטרינקען, וואָרום זי איז א שעפערין, און יעקב קייקעלט דעם שטיין פון ברונעם אראָב...

דער צוג פאָהרט ארוים פון דעם שעהנעם, פעלזענדיגען טהאָל און פאָהרט אריין צווישען די שטיינערדיגע טויערען פון די פעלזען־בערג, פון די שטאָלצע הרי־יהודה.

דער צוג האָט אויסגעבאַהנט א וועג אין שמאָלען גראָבען, וועל־כער ציהט זיך דורכ'ן הארץ פון בארג. פון פענסטער זעהט מען גאָר־נישט, נור ריעזיגע שטיינער, וואָס שטעהען, ווי אָן אונגעהויערע פעס־טונג פאר ירושלים. און עס דוכט זיך, אז דאָ איז אמאָל א ים געוועזן, און דער ים איז אין בארג פערשטיינערט געוואָרען. נור דאָ און דאָרט ברעכט זיך אויס א ברייטער גראָבען און מען זעהט, ווי עס הויבען זיך די בערג איינער איבער'ן צווייטענ'ס קאָפּ און שטייגען שטאָלץ אין הימעל אריין. טהיילמאָל ברעכט זיך אריין אין בארג אַ טיעפע פינס־טערע לאָך, וואָס נאכט און שרעק קוקט ארוים פון איהר. אין איינער פון די לעכער (דערצעהלט מען) זאָל שמשון געטראָפען האָבען דעם לייב, ווען ער איז צו די פלשתים קיין תמנות געגאַנגען, און ער האָט איהם אין צווייען צוריסען. — דאָרט, אין די הרי יהודה, געפינט זיך אויך די שטאָדט „ביתר“, אין וועלכען בר־כוכבא האָט מלחמה געהאַל־

— יאָ, אויך אַ יודיש קינד.

— ער געהט דאָך אָהן אַ הוט, ער עסט דאָך אָהן המוציא ? — וואונדערט זיך די יודענע.

-- ער רעדט לשון־קודש.

— וואָס טויג מיר זייער לשון־קודש, אז זיי זיינען קיין יודען נישט, — קרעכצט די יודענע. אַ יודיש אינגעל אָהן אַ היטעל, אָהן המוציא — און דאָ אויף דער הייליגער ערד, — קרעכצט די יודענע.

נור באַלד ריהרט זיך אונזער צוג אין וועג אריין...

— שלום לירושלים, שלום לירושלים ! — רופען אונז נאָך די קינדער.

— שלום לרחוק ולקרוב ! — זאָגט דער יוד, וואָס זיצט דאָרט, דעם פּסוק ווייטער....

נור באַלד פאָהרט אונזער צוג אריין אין דעם שעהנסטען טהאָל פון ארץ ישראל. טיעף, הינטער די הרי יהודה האָט זיך אויסגעשפּרייט דער טהאָל און האָט אויסגעבעט זיין גאַנצע ברייט מיט די פיינסטע גרעזער, מיט די שעהנסטע אוילבירטען־בוימלעך. דאָ ווערט שוין דאָס אויג דערקוויקט, זעהענדיג ווי אַ טייך זאַנגען־פעלד שלענגעלט זיך אריין טיעף אין טהאָל. דאָרט שטעהט אַ יונגער איילבירטען־וואַלד, שטעהט אין מיטען פעלד און ס׳זעהט אויס, ווי אַ חברה יונגע בחורים מיט מיידלעך האָבען זיך אין פעלד פערזאַמעלט, האָבען זיך ביי די הענד אָנגענומען און טאַנצען זייער בייגעל־טאַנץ...

אָן אַראַביש דאָרף שטעהט אליין אין פעלד. שטיל איז אין דעם אַראַבישען דאָרף. די ווייסע געקאַלכטע דעכער גליהען אין דער זון, דער הויף איז אויסגעשטאָרבען פון מענשען, די קינדער זיינען נעגאַנ־גען די שעפּסען פּאַשען אין פעלד. די ווייבער זיצען אין די געצעל־טען און וואַרטען אויף די מענער, און די זקנים אין די ווייסע העמדער, האָבען זיך אין טויער פון דאָרף פערקליבען, אויסגעזעצט זיך אויפ׳ן פעלד, אין דעם שאָטען פון אַן איילבירטען־בוים, ביי אַ קליינעם טייך, וואָס רינט דאָרט צווישען די שטיינער, זעהן, ווי די ווייבער דרעשען מיט די אָקסען דעם קאָרן פאר זיי, און זיי רעדען גאַנץ לאַנגזאַם מיט אַ שטילער ווירדע וועגן די ענינים פון דער עדה... אַן אלטער לייענט פּאָר פּסוקים פון קאָראַן, און די אלטע לייט זיצען שטיל און שאָקלען מיט די קעפּ... די קינדער פּאַשען די שעפּסען אין פעלד, עס איז

יודען, וואו ער איז דאָרט פערוואָרפען, אין אלע עקען פון דער וועלט, אין גאַס איהם אָבשטעלען, פון האַנדעל־וואַנדעל, פון רעש און טומעל איהם אַ מינוט אָבשטעלען און זאָגען: דו, דיין היימאַט איז פערוויס־טעט געוואָרען, געה אַהיים, און ארבייט אין דיין היים, דיינע פיער־איילען, און דערנאָך געה צוריק צו דיין ארבייט....

באַלד איז אונזער צוג שטעהן געבליבען אויף אַ סטאַנציע. עס איז געוועזן די ערשטע יודישע סטאַנציע „רמלה“.

אויף דער סטאַנציע האָט מען בעגעגענט די שול־קינדער, מיט זייערע לעהרערס פון דער אידישער קאָלאָניע „רחובות“.

דער ערשטער ארץ־ישראל־גרוס.

די קינדער זיינען געוועזן פרעהליך און האָבען פון דער סטאַנציע צוגערופען: „שלום“, „שלום!“ און איינער האָט צום צווייטען גע־זאָגט: קומה ונעלה עמהם ירושלימה....

מיין יודענע קוקט ארויס פון פענסטער, דערזעהט די קינדער, פרעגט זי:

— יודישע קינדער?

— יודישע קינדער פון די קאָלאָניעס.

— זיי רעדען דאָך עפּעס נישט קיין יודיש — וואונדערט זיך די יודענע.

— זיי רעדען לשון־קודש, — ענטפער איך דער יודענע.

לשון־קודש, אוי, אוי, לשון־קודש, קינדערלעך, קינדערלעך, געזונד און לעבען אויף אייך, זיי רעדען דאָך לשון־קודש. שמואל, שמואל, רופט זי צום מאַן, דו הערסט, זיי רעדען לשון־קודש, מיר זאָל זיין פאר אייך, קינדערלעך, זאָגט זי פאר זיך, ע, ע, יונגעל, קריך נישט אויפ׳ן ראָד, קריך נישט, רופט זי צו אַ יונגעל, וואָס האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף אַ וואָגען, אַוועק, יונגעל, מען קאָן דיך נאָך, חלילה, איבערפאָהר־רען. אין דעם קומט אָן צולויפען אַ צווייטער יונגעל, מיט אַן אָבגע־ברענט פּנימ׳ל, מיט לאַנגע שווארצע לאָקען, מיט שווארצע גלאַנצענ־דיגע אויגען, מיט דינע יונגע גליעדער, נור אויסצוקושען אלע זיינע ביינדלעך. פון דעם צווייטענס וועג־זאַק געכאַפּט אַ שטיק פּוטער־ברויט, מיט אַ פול אָנגעשטאָפּט מויל, רופט ער צו:

— למורה... למורה....

— וואָס, אויך אַ יודיש קינד? — פרעגט די יודענע.

קוואל וואסער, וואס נעבען איהר, געטרונקען, אונטער איהרע ציויינען איז דאס חתן־פאר געזעסען און ליעבע זיך געשוואָרען... און דאָ און דאָרט ווייזט זיך א בערגעל, געטאָקט אין זיין הויף, און שטעהט אליין. אפשר האָבען אויף זיין הויף פאקעלען געברענט, און לבנה־נאכט, אנגעזאָגט די ווייטע איינוואוינער, אז דער חודש איז אָנגע־קומען... אפשר האָבען זיך אויף זיין הויף מיינע אור־עלטערן, אז זיי זיינען קינדער געווען, געשפיעלט.... און איצט שטעהט דאס פערוויסט און פערלאָזט ארום.

— ווי דאס ווייגט, ווי וויסט דאס איז נעביך, דער חורבן, דער חורבן — קרעכצט די יודענע.

— עס איז אמאל פעט געווען, — זאָגט דער יוד, וואס זיצט דאָרט, אזוי ווי פאר זיך, נישט קוקענדיג אויף דער יודענע, — עס איז אמאָל פעט געווען; ווען די קינדער פון ישראל האָבען דאָ געוואוינט, האָבען זיך טייכען פון מילך און האָניג געגאָסען מיילען ווייט, און ארץ־ישראל איז ברייט געווען פיער הונדערט מיילען אויף פיער הונדערט מיילען, נור אז מען האָט די קינדער פון ישראל פערטריבען, איז ארץ־ישראל איינגעשרומפען געוואָרען.

— אזוי ווי א מאַמע נעביך, אז די קינדערלעך זיינען דאָ, איז אין אלע ווינקעלעך פרעהליך; אז די קינדערלעך זיינען ניטאָ, איז אין שטוב פוסט און וויסט, — ניט די יודענע צו פערשטעהן אויף איהר לשון.

נור באלד געהט דער קאָנדוקטאָר פארביי און מאכט אויפמערק־זאם ,אז דאָרט, גאנץ ווייט, וואו די בוימער ווייזען זיך, דאָרט איז די יודישע קאָלאָניע „ראשון־לציון", — דער ערשטער נאָמען, וואס האָט מיין הארץ מיט שרעקען־פרייד ערציטערט. מיר האָבען געקוקט דורכ'ן פענסטער — — — — גאנץ ווייט, גאנץ ווייט, צווישען דער ברייטער ים־וויסטע, האָבען איינציגע בוימער געשניטען אין הימעל.

און דו האָסט געהאט דעם געפיהל, אז דאס זיינען די איינציגע בוימער, די איינציגע ערשטע בוימער אין דער ים־וויסטע, און אָט די בוימער האָבען א ו נ ז ע ר ע איינגעפלאנצט; אונזערע זיינען געקומען פון דער ווייט, פון דער פרעמד, און האָבען אין זייער וויסטער היים די ערשטע בוימער געפלאנצט.

און עס האָט זיך געוואָלט געהן צום יודישען פאָלק, און יערען

שיפעל פאלט אריין צווישען די הויכע ריעזיגע שטיינער, וואָס שטייגען דאָרט ארויס פון ים, ביים פאָרט פון יפו.

די יודענע, וואָס זיצט נעבען מיר אין שיפעל, זאָגט: „זעהט, זעהט, דאָס זיינען נאָך די שטיינער, וואָס שלמה המלך האָט נאָך אריינגעשטעלט אין ים. ער האָט זיך דאָ“, זאָגט זי, „אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ געבויט פאר פרעה'ס טאָכטער, זיין ווייב, וואָס ער האָט איהר אַלץ נאָכגעגעבען, וואָס זי האָט נור געוואָלט“.... פון וואנען זי ווייסט דאָס, די יודענע — ווייס איך נישט, זי איז דאָך נאָך קיינמאָל נישט געווען אין ארץ־ישראל, נור זי ווייסט שוין דאָס, זאָגט זי, פון גאַנץ, גאַנץ לאַנגע צייטען.

און איך גלויב איהר.

---

מיין פריינד האָט געוואָלט, אז איך זאָל איבער'ן טאָג אין יפו בלייבען. מיר האָט זיך שטארק געוואָלט נאָך דעמזעלבען טאָג זעהן ירושלים, און נישט קוקענדיג אויף מיין פריינד'ס איינריידען מיר, בין איך מיט'ן ערשטען „צוג“, (ווי ווילד דאָס קלינגט!), וואָס געהט אָב פון יפו נאָך ירושלים, אויף יענער זייט יהודה־בערג אָבגערייזט.

ווייסט און לעער ציהען זיך די פעלדער פון אונזער היימאַטס־לאַנד. דו זעהסט נישט קיין הייזעל, קיין בוימעל, נור ווייס גע־קאַלכט, אזוי ווי גאָט האָט זיי בעשאפען פון ששת ימי בראשית אָן, ווי קיין מענשענס האנד וואָלט זיי נישט געווען אָנגעריהרט, וואר־טענדיג נור אויף דעם, וואָס וועט קומען צו זיי פון ערגיץ־וואו גאַנץ ווייט, קומען צו זיי אהיים. און טהיילמאָל דוכט זיך, אז די פעלדער זיינען איינגעשלאָפען, פערוואנדעלט געוואָרען דורך אַ געהיים גע־שפּרעך אין אַ הארטען שטיין, און ווארטען אויף אַ משיח, וואָס וועט קומען און זיי בעפרייען און וועקען פון דעם געהיימניספאָלען שלאָף... נר דאָ און דאָרט שטייגט ארויס אַן איינזאמע פּאַלמע, איינזאַם און אַליין מיט איהרע טונקעלע צווייגען שטייגט זי אין הימעל אריין, אַ יורש פון אַ יחוס'דיגער פאַמיליע, אַ זכר פון אַמאָליגע צייטען, און זי דערצעהלט, די איינזאמע און אריסטאָקראַטישע פּאַלמע, פון וואַנען זי קומט ארויס, אז עס זיינען אַמאָל דאָ פעטע, געגרינטע פעלדער געווען, אַז עס זיינען דאָ אַמאָל טונקעלע, געהיימניספאָלע וועלדער געווען. און הינטער איהר שאָטען האָט דער וואנדערער גערוהט, און פון דעם

טוב׳דיגע מאַרנאַרקעס, וואָס זיי האָבען געהאַט אין די פּעקלעך, אָנ־געטהאָן. דער קירכען־פּאַטער ווייזט אויפ׳ן באַרג... און די גוים אין אונטערטעניגקייט בויגען די קעפּ פאַר׳ן לבנון און קרייציגען זיך.

אַזוי האָט אונזער שיף בעגריסט דעם געבענקטען ברעג פון ארץ־ישראל.

---

.3

## אויפ׳ן וועג קיין ירושלים.

אַן אַראַבער האָט מיך אַנגעכאַפּט ביים קאָלנער און פון שיף אַראָבגעוואָרפען. איך האָב מיך געפונען אין אַ קליין שיפעל, וואָס האָט זיך געהויבען און גענידערט אויף די רוישענדע געכמאַרעטע וועלען. דער ים פון ארץ־ישראל־ברעג איז דער רוישענדסטער, שטורמדיגסטער פּאָרט פון גאַנצען מיטעל־לענדישען ים. שוין ביי־נאַכט, ווען אונזער שיף איז אריינגעפאָהרען אין ארץ־ישראל־ים, פאַרביי דעם כרמל, וואָס איז אין נאַכט־וואָלקען פערהילכט געווען — האָט זיך דאָס שיף געהויבען אויף די הויכע וועלען און גענידערט אין די טיעפע גראָבען, וואָס אין ים. דער שטילער, אין זיין וועג זיך געהענדער מיטעל־לענדישער ים, איז גאָר־נישט געווען צו דערקענען. ברויזענדיג איז ער געוואָרען און שטורמדיג, די אינדען האָבען זיך אין איהם צוקאָכט אַזוי, אַז די יודענע, וואָס איז דאָרט נעבען מיר אויף דעם אויבערדעק געזעסען, האָט זיך אָנגערופען: „עס איז נישט קיין וואונדער, מיין קינד, וואָס דער ים שטורמט אַזוי, דאָ רינען דאָך אריין אַלע טרעהרען און תפלות פון יודישע קינדער.“

און דאָס שיפעל האָט זיך געוואָרפען, דאָ איז עס אַראָב אין אַ טיעפען טהאָל, נור בעגראָבען צו ווערען הינטער אַ באַרג וואַסער, דאָ האָט עס זיך געהויבען אויפ׳ן הויכען וואַסער־באַרג־שפּיץ. נאָר מיר האָבען גאָרנישט געפיהלט, געזעהן, אונזערע אויגען זיינען געווען אָנגעשטעלט צום ברעג. פאַר אונז האָבען זיך די ווייסע ליימענע דעכער פון יפו געבאָדען אין דער זון, פאַר אונז האָט זיך דער ווייס־געקאַלכטער וועג פון ארץ־ישראל אויסגעצויגען ווייט, ווייט אין דער טיעפער זון אריין....

און איין וואַל וואַרפט אונזער שיפעל צום צווייטען, און אונזער

מאָרגען־ליכט און אין ארץ־ישראל־לופט האָבען זיי זיך אנידערגע־שטעלט דאוונען געגען־איבער דעם בארג לבנון.

— תחת ההר הטוב הזה... אונטער דעם דאָזיגען גוטען בארג.... קנייטשט א יוד און ווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן בארג לבנון, וואָס שטעהט געגענאיבער איהם...

דער יונגער דור, די בחורים פון פלאָנסק, איינינע יונגע־לייט ציוניסטען, בעלי־מלאכות, די מאכען זיך די פעקליך גרייט, לאנדען אין ביירות, די גרעסטע האנדעלס־שטאדט פון סיריען, פון דאָרט אריבערצופאָהרען אין די קאָלאָניעס וואָס זיינען אין גליל.

— און איהר וועט נישט פריהער ירושלים זעהן, די כותל־מערבי, די מאמע רחל'ס קבר? — וואונדערען זיך די אלטע יודען...

— מיר וואנדלען נישט נאָך ארץ־ישראל שטארבען, אז מיר זאָלען קיין ירושלים אויף קבר־אבות קריכען.... מיר קומען נאָך ארץ־ישראל לעבען, אין די קאָלאָניעס ארבייטען, — קלינגט די שטאָלצע אנט־וואָרט.

— אָווא, — וואונדערען זיך די אלטע. א נייע ארץ־ישראל.

עס קומען אָן די קליינע עמפפאנג־שיפלעך צו אונזער שיף. דער פּאָרט איז געעפענט.

— און אז איהר וועט זיין אין ירושלים, גריסט מיר דאָרט דעם „בצלאל“, נישט די אלטע מצבה די כותל מערבי, — ווארפט נאָך א יונגער בחור צו א פּאָר ווערטער, האלטענדיג זיין טשעמאָדאן אויף די פלייצעס.

— וועמען אזעלכעס?

— דעם בצלאל... דער „בית עקד“ און די גני ילדים... זיי, זיי, — הערט זיך פון דער־ווייטענס.

— וועמען דאָס אזעלכעס? וועמען דאָס אזעלכעס? — פרעגט דער אלטער.

— לאָז געמאך, עס זיינען פון די ציוניסטען — זאָגט א צוויי־טער יוד.

אין א ווינקעל ביים קעסעל האָט דער פּאָפּ די גוים צוזאמענגענו־מען, זיי האָבען אויף דעם בארג לבנון בעגעגענט, זיי האָבען זיך אויף לכבוד דעם לבנון זונטאג'דיג אָנגעטהאָן. אויסגעשמירט די שטיוועל, רויטע רובאשקעס איבערגעביטען און די צוקנייטשטע יום־

פון מיינע עלטערן־פּאָר. דו האָסט געהערט די ליעבעס־ליעדער פון מיין מאַמע־כּלה, געזונגען ווען גליקליך איבער די ברכה פון פרובט־באַרקייט, וואָס אונטער איהר ברוסט, איז זי געווען. קום, באָרג, און זאָג עדות איבער מיר. אין דיינע שפּאַלטען ליעגען דאָך נאָך די שבועות פון מיין עלטערן־פּאָר פון זייער חתונה־צייט. דו האָסט דאָך דאָס פריידען־געשריי פון זייער שעפּפונגס־גליק געהערט.

און פאַרוואָס שווייגסטו?

פעראיינזאַמט קום איך צו דיר, — פערוואָגעלט פון אַ פרעמדען הוימאַטס־לאַנד, וואָס איז מיר צו מאַמע געוואָרען און וואָס איך האָב מיין קאָפּ הינטער איהר ברוסט בעהאַלטען און איהר אַלעם פערטרויט... פון מיין פרעמדען היימאַטס־לאַנד קום איך צו דיר, נאָך עדות צו דיר....

און וואָס שווייגסט דו, באַרג? ווען זוכט דיין שטאָלצער בליק? דו דערקענסט מיך נישט, באַרג? איך בין דאָך אַן אָב־שטאַם פון דיין חתן־כּלה־פּאָר, וואָס האָבען אונטער דיינע צעדערען גערוהט.... זייער עדות ביסט דו, זעה, איך בוק דעם קאָפּ פאַר דיר, איך וואַש מיין לייב, אז ער זאָל מעגען דיין שטויב בעריהרען. פער־צעהל, באָרג.... זאָג עדות איבער מיר, באַרג, עדות זאָג.

הינטער מיר שטעהט אַן אַלטע יודענע, איינע פון די אַלטיטשקע, וואָס האָט בייגאַכט דעם שיף מיט תהלים־זאָגען בענליים. לכבוד ארץ־ישראל האָט זי זיך אָנגעטהאָן די נייע שבת'דיגע קאָפּטע, מיט די ווייסע שפּיצען און קלאָר־סאַמעט־בענדער, שטעהט זי הינטער מיר, די ברילען אויף די אויערען מיט אַ גראָבען קרבן־מנחה־סדור אין האַנד.

— איהר זאָלט מיר לעבען, דאָס איז ער, דער באַרג פון חומש?

— דאָס איז ער, באָבעשי, דער באַרג פון חומש ארויס, לבנון....

— אוי, פון חומש ארויס, אוי, באַרג לבנון, זאָלסט דיך לויפען מיהען פאַר'ן כּסא־הכּבוד פאַר דיין דיענסט אָענען יענטע בת לאה, און פאַר איהרע קינדערלעך, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער־היים, און פאַר כּל־ישראל, אמן סלה...

באַרג לבנון, לויף דיך מיהען פאַר'ן כּסא־הכּבוד. דו ביסט אַ גרויסער, גרויסער חשוב....

און די אַלטע יודען, אויסגעפּוצט אין די שבת'דיגע קאַפּאָטעס לכבוד דעם באַרג לבנון, האָבען אָנגעטהאָן טלית און תפילין און אין

א וואָרף צו די ראנדען פון שיף — טהייל האָבען די הענד אין דער הויך געהויבען... טהייל די קעפּ אין שטילקייט געבויגען — דאָרט שטעהען די גוים און קרייציגען זיך — און אַלע שווייגען: דער בארג לבנון.

די זון באָדט זיך אין זיינע שנייען, איידער זי געהט ארויס אי־בער דער וועלט צו שיינען.... באָדט זיך און הייליגט זיך אין איהם, און שניי פלאַקערט אין דער זון. און שניי־ליכט און הימעל־ליכט קו־שען זיך אין איין העלע פלאַם צוזאמען, און זיי בעגיסען דעם גאנצען שטח מיט ליכט ארום... ווי שטיקער געפּאַלענע וואָלקענס זעהט דער גאַנצער בארג אויס, — זיין קאָפּ שטייגט אין הימעל אריין, און עס יאָגען די וואָלקענס איינער נאָכ'ן אַנדערען איבער'ן הימעל בּרייט ארום און זיי קומען אָן צום בארג־שפּיץ און גליטשען זיך איבער איהם אראָב, און ליעגען אויף איהם ווי געבראָכענע שטיקער הימעל, און די זון צולאָזט מיט איהרע שטראהלען וואָלקען און שניי צונויף און זיי גי־סען זיך אין איינעם ווי א פלאַמענדיגער העלער שניי־טייך, שניי־וועל אין זון־וועל און פאלען פון דערהויך און צוברעכען זיך אויף טויזענדער שטראָמען און מיט זון־לאַכען און מיט שטראהלען־געשריי לאָזט זיך דער זון־טאַנץ שטראָמענדיג איבער'ן בארג אין ברייטען ליכטיגען ים אריין.

און פריי און ליכטיג ליעגט דער ים אויסגעצויגען צו דעם לויכ־טענדיגען בארג'ס פיס. אוועק איז די שווארצע נאכט־חיה, וואָס האָט געהאַרט איבער'ן ים די גאנצע נאכט, און בעפרייט איז געוואָרען וועל־לען־גלאַנץ פון איהר שווערער וואסערדיגער קאָלטענעס־ברוסט און אי־בער דער ברייט און לענג פון מיין היימאט'ס־ים לאכט פרייע זון און לופט....

און מיר שטעהען אויף דער אויבער־דעק פון שיף און קוקען צו דיר, בארג לבנון....

זיי געגריסט, זון איבער מיין היימאט!

זיי געגריסט און זיי געבענשט היימאט!

ווי שטאָלץ בין איך אויף דיר, איך דיין פערוואָגעלט אונרוהיג קינד, איבער דיר, בארג לבנון.... איך בין געקומען צו דיר מיין יחוס זוכען... איך בין געקומען צו דיר מיין שטאַם געפינען — פון וואנען קום איך? ווער בין איך?

דו, ווינקעל פון מיין היימאט, אויף דיר האָבען מיינע עלטערן שפּאַצירט אין זייער חתן־כלה־צייט... דו ביזט דאָס ווינקעל געוועזן

לעך, געקומען צו פֿאָהרען פון פּלאָנסק, א שטעדטעל אין פּוילען. מיט הערצער פול האָפנונג, מיט ליעבע פול די בריסטען — פאָהרען זיי נאָך ארץ־ישראל, די ערד אין די קאָלאָני׳עס צו בעארבייטען און זינגען שוין לשון־קודש׳ע ליעדער. צו זיי האָבען זיך בעהאָפטען די מיידלעך, וואָס האָבען זיך אויפ׳ן שיף געפונען, און בעגלייטען זיי מיט זייערע ווייכע יודיש־מיידעלשע שטימען... אויף דער אויבערדעק דרעהט זיך דער „געלעהרטער" ארום (פאָהרט נאָך ארץ־ישראל שוין נישט צום ערשטען מאָל), קוקט אויף אונז אלע, ווי אויף ליעבע קינדערלעך: „פרעהען זיך די קינדערלעך מיט ארץ ישראל", קומט אָבער אויך צום סוף אהער, שטעלט זיך אין א ווינקעל (מען זאָל איהם נישט בעמער־קען) און הערט זיך אויך צו די ליעדער איין... פון דער־ווייטענס שיינט זיך ארויס דאָס ליכט פון „געצעלט", וואָס דער פּאַשאַ פון דמשק האָט אויפגעשטעלט אויף דער אויבערדעק פון שיף פאר זיין הארעם, וואָס ער פיהרט מיט זיך... דער קאַפּיטאַן וואכט אויף זיין פּאָסטען און לענקט דאָס שיף, און דער הויכער שווארצער מאסט־בוים ווארפט זיין ריעזען־שאָטען איבער דעם דונקעלען ים.... און איך און אלע פיהלען מיר זיך ווי פערוואָגעלטע קינדער, וואָס זיינען געווען ער־גענץ־וואו געפאנגען אין דער פרעמד... און קומען צוריק אהיים נאָך א צייט מיט יאָהרען צו דער מאמען אין שטוב ארייז... און איך קען נאָך מיין מאמע נישט...

אזוי האָבען מיר אלע געוואַרט, יעדער שטאַם און גלויבען אין אן אנדער ווינקעל, אויף די זון וואָס וועט צום ערשטען מאָל בעלויכטען די ברעגען פון אונזער היימאַטס־לאנד...

פון דער ווייטענס האָט מען שוין בעמערקט, ווי דער טאָג בלייכט זיך אין דעם נאַכט־ים פון הינטער א דונקעלען ריעז, וואָס ווארפט שרעקענדיג און מעכטיג זיין שאָטען אין דעם ים ארייז — און וואָס אמאָל מעהר דער טאָג האָט זיך געבלייכט, איז דער ריעז־בארג בולט׳ער געוואָרען און אויסגעשניטען זיך פון שטח ארויס מיט זיינע שארפע ברעגען — שוין בעלייכט דער טאָג גראָהע שניי־בערגער, וואָס הענגען אין דער לופטען... שוין באָדט זיך דער טאָג אין שניי און ווארפט א זונען־גלאַנץ איבער שניי־הויך. און איך ווייס נישט פון וועמענס ברוסט עס האָט זיך פריהער ארויסגעבאָפּט: „ד ע ר ל ב נ ו ן."

און אלע, ווי גרויס, ווי קליין, ווי יוד, ווי גוי האָבען זיך געגעבען

נור רוהיג און זיכער, ווי געשטיצט אויף גאָט'ס חסד, האָט אונזער שיף געשפּאַנט זיין וועג צווישען טיעף בעשטערענטען הימעל און דונקעלען וואסער, ווי א שטילער געהיימניספאָלער שליח, וואָס וואַנדעלט פון עק וועלט צו עק וועלט אַ פּערבאָרגען שליחות אויסצופיהרען; ער האָט אויסגעשטרעקט פאר זיך זיין ווייטען האלז, געזוכט זיך אַ וועג אין דער אונזיכערער אונענדליכקייט. ווייניג מענשען זיינען געשלאָפען די נאכט אויף דעם שיף. עס איז געוועזן די לעצטע נאכט ווי אונזער שיף איז ארויסגעפאָהרען פון די גריכישע ברעגען צו ווארפען זיין אנקער אין דעם סירישען פּאָרט. דאָ און דאָרט האָבען זיך איינצעלנע געשטאַלטען ארומגעדרעהט, אָדער בעהאַלטען פעדערטיעפט אין בענקען — געוואַרט אויף דער מאָרגען־זון, וואָס וועט ארויסגיסען פון הינטער דעם לבנון...

און אַ גרויס בענקעניש האָט ארומגענומען די, וואָס זיינען געוועזן אויף דעם שיף, צו זעהן די ברעגען פון הייליגען לאַנד. זעה, אין ווינקעל שיף זיצען די אַלטע יודען, וואָס פאָהרען נאָך ארץ־ישראל מיט'ן הזתים־באַרג געגען־איבער הר־הבית אויסצומישען זיך. און ביים שיין פון קליינע ליכטלעך זאָגען זיי תהלים, און די אַלטע ווייבער שטעהען אַ ביסעל אָבגערוקט פון זיי, — זינדיגע יודענעס, נעביך, קאָנען אין דעם כאָר קיין אנטהייל ניט נעהמען — און רייבען זיך די הענד אין די נאַסע לאַסטען פון שיף, וואָס זיינען בעהויכט מיט ים־פייכטקייט, און זאָגען וואָס זיי קענען, איינע אַ תחינה, די צווייטע דערמאָנט זיך אַ פּאָר פּסוקים פון דאַוונען, די דריטע זאָגט גלאַט ברכות אין דער וועלט אריין... און איינע, גאָר אַ קליינע און אַן אַלטיטשקע און אַ פּראָסטע, האָט גאָר נישט צו זאָגען, קלאַפּט זי מיט די אַלטע אָהן־צייהנדיגע יאַסלעס „די הייליגע אבות“, „די הייליגע אמהות“, און די „מאַמע רבקה“ און די „מאַמע רחל“, און קוקט מיט גרויס ערנסט און כבוד אויף די אידען וואָס זאָגען תהלים. אין צווייטען ווינקעל האָט דער אַלטער פּאָפּ ארומגענומען ארום זיך אַלע גוים און אַלע גויעס, וואָס פאָהרען צום הייליגען קבר, און זיי זינגען אין כאָר הייליגע קירכען־ליעדער און די שטימען פון די קירכען־ליעדער קומען אַהער צובלאָזען מיט'ן ווינד און מישען זיך אויס אין איינעם מיט די יודענס תהלים־זאָגען. און די תפלות מישען זיך אויס און שווימען אין איינעם איבער'ן דונקעלען איבערפלעך פון ים.... אויף דער דעק שטעהען יונגע בחורים מיט מייד־

בער'ן מיטלע־לענדישען מעער, און טראָגען זייער וועה צו אלע איהרע ברעגען און פערפיהרען שיף און מענש מיט זייער בענקשאפט. און עס יאָגען זיך אלע ווינטען איבער'ן ים און הערען זייער געזאנג, און ס'צופליהען זיך די שטערען און בעשטראהלען מיט בענקשאפט די נאכט און די וועלט.

ווי א שטיל געבעט שווימט אונזער שיף פארביי די גריכישע אינזלען און מיידט אוים וויהרוף און בענקען־געזאנג, און ווי א שווארצער פליעגעל פון א שווארצען פויגעל באהנט ער זיך צווישען די לייכטע, פון בענקען דורכגעזאפטע און פון געזאנג־בעהויכטע וועלען. זיין וועג פיהרט צו א ווייטען ברעג אין א ווייטען לאנד די בענקענדע נאָך גאָט, צו זוכען גאָט, צו געפינען גאָט.

און דאָך געפינען זיך צוויי מענשען אויף דעם שיף, דער „יוד“ און דער „רוס“.

---

.2

## לבנון.

דער ים ארום און ארום איז געלעגען אויסגעצויגען אין זיין דונקעלען געהיימניספאָלען שלאָף, געלאגערט ווי א שווארצע שרעק־ליכע חיה, וואָס איז געקומען צו לויפען און האָט זיך אראָבגעלאָזט אי־בער דער ווייטער אונענדליכקייט, אריינגעהמענדיג הינטער איהר ברוסט דעם גאנצען לאנגען ברייטען שטח און פערשטעלט איהם מיט איהרע שווארצע וואסערדיגע קאָלטענעס, וואָס זי האָט אויף זיך. און עס האָט זיך געדאכט, אז יעדע מינוט כאפט זיך דאָס טהיער אויף פון זיין געלעגער און טרייסעלט אלין פון זיך אראָב. נור דערוויל איז דאָס טהיער — דער ים געלעגען אין פעסטען שלאָף, נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך געוואָרפען א וואסערדיג ליכט פון איבער זיינע שימער־דיגע קאָלטענעס, אָדער א טיעפער שטערן אין הימעל האָט טיעף שפיעגעלט אין זיין דונקעלען אויבער־דעק זיין דונקעלען ליכט גע־ציעלט.... און עס האָט זיך דערהערט פון דער־ווייטענס דאָס שווערע ערנסטע ניסען פון כוואליע אין כוואליע, ווי דאָס שווערע אָטהעמען פון א חיה, און האָט געשראָקען פון דער־ווייטענס מיט זיין גרויזאמער געהיימניסקייט.

קען איבער'ן וואַסער, און שיינט קוים, קוים, ציטריג־מיידעלש, ווי די קאַלטע ציטערנדע ברוסטען פון דער כלה, צו וועקען דעם שטילען וואַל, דעם שטילען טראַפּ. און עס וועקען זיך די וועלען און הויבען זיך לייכט און שווימענדיג, און קושען זיך צום וואָלקען אויף — און עס גלאַנצט און בלישטשעט טראַפּ און וואַסער, צו פּערל פערוואַנדעלט און צו בריליאַנט פון וואַסער אין'ם ליכט געשליפען. און עס שלאָפט איין שטיל הימעל און ים און חלום'ט פון ליכט און גלאַנץ און פערפיהרט אין חלום און שלאָף א שיף אויף זיין וועלען־גלאַנץ. און עס פערשלייערט זיך הימעל און ים אין ליכטיגע, דורכזיכטיגע נעבעל־שלייער. דער הימעל וועבט זיי צום ים, דער ים — צום הימעל, און זיי פערוויקלען לופט און ליכט, און שטיל, פער'חלום'ט פיהרען די וועלען דעם שיף פון וואַל צו וואַל, פון שלייער צו שלייער, ביז עס פאַלט, ווי א חתונה־רעגען, נאַכט־ליכט און שטערן־ליכט איבער ים און שיף. און ס'קריכט אַרויס פון זיין געהיימען בעהעלטעניש דאָס שאָטען־שיף און שווימט ווי א חלום נאָך דעם שיף איבער די וועלען, און די וועלען פערשווימען און פערפיהרען אין די טונקעלע נאַכט זיין זעגעל־בוים. און עס פאַלט א שרעק איבער שיף און ים, איבער דעם אונהיימליכען שאָטען, וואָס שווימט נאָך טריט ביי טריט אונזער שיף — ווי א שווארצע חיה פון דעם טיעפען ים, פון דער טיעפער נאַכט געצויגען.

און אזוי בלאָנדזשעט אונזער שיף אויף דעם מיטעל־לענדישען ים פון איין גריכישען אינזעל צו דעם צווייטען, וואָס שטעקען, בערע־גענט פון נאַכט־ליכט און שטערען־ליכט, פערפאַלען און בעהאַלטען אין דער טיעפעניש פון מיטעל־לענדישען מעער. און ס'האָבען זיך אויפ־געוועקט די געטער פון זייער שלאָף, אין די טעמפּעל, און האָבען פער־פיהרט זייערע נביאים מיט זייערע נביאה'טעס אין די טיעפע אינזלען אריין. — און זיי האָבען זיך פערשטעלט פון מענשען'ס אויג אין נאַכט און ים. און פערשמעקען און טריקענען זייערע נאַקעטע לייבער אין ווייררוך־געשמאַק, וואָס רויכערט זיך אויף די קליינע ווייסע מזבחות. און עס טאַנצען אַרום די געטער מיט די פּראָפּעטען, און עס בענקען די געטער נאָך די מענשען, און עס בענקען די מענשען נאָך די געטער און קאָנען איינער דעם צווייטען נישט געפינען. זיי זינגען אויס זייער בענקען אין שטילע מעלאָדיען — און עס ציטערען די געזאַנגען און שווימען איבער'ן ים און עס פערפיהרען די וועלען די געזאַנגען אי־

מיט דעם טאָג איז אונזער שיף אריינגעשוואומען אין די דארדאנעלען, נאָך בעהויכט מיט דעם נאכט־טוי, ווי שבת־מאמע־טראָפען, און ער לויכט זיך אין די יונג־זומער שטראהלען, וואָס קומען געשפראָצט פון ים און זון, און ער וויגט ים און ברעג, וואסער און לאנד. ס'שטעהט הויז און מויער, מיט טוי־טראָפען בעהויכט, איבער נאכט איז עס, ווי דאָס בוימעל און גרעזיל, פון טויט שפראָצענדיג געוואָרען, און ס'טריקענט זיך אויף דער ליעבער זון. און קירשען־בוימיל און מירטען־בוימיל, אין טוי אויסגעבאָדען, צום טריקענען אויף די זון געשטעלט, קוקט אויף דעם פרעמד פערביישווימענדען שיף, ווי חדר־יונגלעך, וואָס ווערען — נאָך דער שלאָף אין די אויגען, די טראָפען אין די פאות'לעך — מיט בייגעל און סדור פון בעהעלפער געפיהרט. און ס'בעגלייט אונז מיט א בליק און פיהרט אונז פון הייזיל צו הייזיל, פון בוימיל צו בוימיל, און עס רוקען זיך די הייזלעך איינס צום אנדערען, איבער'ן אנדערען, אויפ'ן אנדערען, ביז עס פערשטעלט בוימיל און וועלדיל, גרעזעל און בלעטיל. און עס פאלט די זון, ווי א יונגע־התן, איבער שטיין און מויער, קופעל און דאך. און עס ברעכען זיך די שטראהלען און פאלען פון דאך צו דאך און טראָגען זיך פון בלעך צו בלעך. עס ברענען די קופעלען, עס בלישטשען די שטראהלען פון גאָלדען־בלעך צו זילבער־בלעך, און עס גלאנצט הימעל־שטראהל צו קופעל־שטראהל, און עס שטראהלט גלאָז־שטראהל צו שארבען־שטראהל, און עס לויכט שויבען־שטראהל צו שויבען־שטראהל, און עס קושען זיך די מעטשעט־שפיצען אין שטראהל און ליכט. און עס גיסען זיך צונויף די ליכטער, און עס ווערט איין שרייענדער שטראהלען־שטרייטענדער זונען־מאָרגען איבער דעם גאָלד־האָרן פון קאָנסטאנטינאָפאָל.

און ווי א שטיל געבעט שווימט שיף און מענש פון דעם שמאָלען באָספאָר אין די ברייטע ליכטיגע וואסערען פון דעם מיטעל־לענדישען מעער.

דאָ איז שוין נישט קיין ים, דאָ איז הימעל, וואָלקען און טוי־שטראהל דורכגעוועבט אין איין שטילען ליכטיגען קוש. ביבליש שטיל ליגט דער הימעל איבער'ן ים, און עס ציהען זיך די ליכטיגע וואָלקען איבער'ן הימעל, ציהען זיך לאנג איבער'ן הימעל, פון הימעל און וואסער אריין, און ווי א ליכטיג יונגעליש־לייב שוועבט דער וואָל־

פון דער אָרימער ליטאָ איז דער אַלטער יוד אָנגעקומען. אַט זיצט ער דאָ אויף דעם צווישען־דעק מיט זיין קליין איניקעל. דער לעצטער זעהונגס־בליק, וואָס ער האָט געוואָרפען צו די איבערגעלאָזטע אויפ'ן ברעג קינדער, צום לעצטען מאָל פאר זיין טויט, הענגט נאָך אויף זיינע לעפּלען. ער פאָהרט אהין א קבר זיך אויסקלייבען אויפ'ן הר־הזתים ביי'ם לעבען, און אין בית־המדרש ווארטען, מיט דוד'ס תהלים אויף די ליפען, אויף דעם בעשטימטען טאָג. א קליין יונגעל פיהרט ער מיט זיך — אַן איניקעל. ער פיהרט מיט מיט'ן טויט דאָס לעבען. מיט'ן לעצטען טאָג פון אלטען — דעם ערשטען טאָג פון נייעם יאָהר. „א נשמה — אָבגעשטאָרבען — זאָגט ער, א נשמה — אויפלעבען.“ און עס זיצט דאָס יונגעל מיט דעם אלטען מאַן אויף דעם צווישען־דעק און קוקט מיט די קליינע אויגען דורך דעם קליינעם פענסטעריל אין ים אריין. א קליינער ים קוקט אין א גרויסען ים אריין.... א חוואליע קומט אָן, א חוואליע געהט אוועק, און די וועלען שווייגען אַלץ. אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער שוין אין ים דורכ'ן פענסטערעל אריינגעוואָרפען: דעם אַלטען'ס כשר מעסער און גאָפּעל... און דער ים שווייגט אַלץ, און איהם ציהט אַלץ אהין טיעף אריין... וואו דער „גאָפּעל־מעסער“ איז פערזונקען.

און דאָך געפינען זיך צוויי מענשען אויף דעם שיף, דער „יוד“ און דער „רוס“.

פון איין לאַנד קומען זיי צו ציהען, אויף איין שיף געפאָהרען, צו איין ברעג געציעלט, צו צ ו ו י י געטער געוואַנדעלט — איינער פון די צוויי פערגינט ניט זיין חבר'ס גאָט אין הימעל. דער אַנדערער פערגינט איהם נישט זיין לעבען אויף דער ערד. און יעדער בעזונ־דער אין זיין ווינקעל שיף, אויף די ליפען דיזעלביגע פסאַלמען, וואָס פון איין הארפע זיינען זיי געוואָרען געשפּיעלט, און זיי זאָגען דאָס אייגענע קאַפּיטעל תהלים אויף צוויי שפּראַכען צו צוויי געטער.... אין מיט'ן פסאַלם אויף זייערע ליפּען שווימט די שיף טאָג אוים, נאַכט איין, זונען אויפגאַנג, זונען אונטערגאַנג, ביז עס גילדעט זיך אין בליץ און שטראַהל דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער „גאָלדענער האָרן“. און ווי א יונגער חתן פאַלט די זון איבער איהר כלה־לייב. און פאַלט דער שטראַהל און ברעכט און בעלויכט ים און שיף, און קאַהן און זעגעל, און מענש, און ברעט.

# די פּאַלעסטינא רייזע

.1

## אויף די שיף.

ווי א שטיל געבעט, אזוי שווימט אריין אונזער שיף אין דעם ברייטען, אונהיימליכען „שווארצען ים“. ווי א שווארצע שרעקענדע מאסע ציהט די נאכט פון די בעוואָלקענטע וואסער־טויערען און נעהמט אריין אין איהרע שווארצע פליגלען הימעל, ים און שיף.

עס בענקט זיך.

אין א הייליג לאנד שווימט אָב אונזער שיף. און נישט קיין מלחמה־פּאָהן, און נישט קיין פריעדען־פּאָהן פלאטערט פון אונזער שיף אראָב.

אונזער שיף פיהרט אריין אין דעם ברייטען שווארצען שטח פון נאכט און ים די פּאָהן פון בענקען.

און דאָך געפינען זיך צוויי מענשען אויף דעם שיף, דער „יוד“ און דער „רוס“. פון די ווייטע סטעפּען, פון די סיבירישע שנייען, שלעפּט דער „געוויסען־ביסען“ דעם אלטען מוזשיק צום הייליגען קבר צו דערצעהלען זיין „לעבענס“־זינד, וואָס ער האָט קיין מענשען־אויער נישט געקאָנט פערטרויען, פאר די שטויב פון דעם, וואָס האָט אלעס געקאָנט פערגעבען. אין די לאָרען פון א הייזעל ביים ברעג וואָלגע האָט גאָט אריינגעקלאַפּט אין דער נאכט פון זיין געבוירען ווערען, און די אלטע גויע זאמעלט שוין א גראָשען צו א גראָשען פון איי צו איי, פון טראָפּען מילך צו טראָפּען מילך, צו געהן פון גובערניע צו גובערניע, צו פּאָהרען איבער ימים ווייט, צו קלאפּען דעם שטערען אויף דער שוועל פון יוסף אריסאטהיא׳ס פעלזען, וואו ער האָט פרייטאג צו ליכט צינדען דעם געפּייניגטען קערפּער פון מענשליכען גאָט, און ווייסע ליילעכער געהילט. בעגראָבען.

ברענגען, און פון אונטער זיינע חורבות וועל איך דעם מענשען'ס הארצען האָבען.

— און וואוהין ער וועט ניט קומען, — זאָגט לילית, — דאָרט וועט קיין צושטערונג אפילו ניט זיין, עס וועט קיין פינסטערנים ניט זיין, ווייל עס איז קיין ליכט דאָרט דאָ. קיין לעבען וועט ניט זיין אין זייער לעבען, קיין גלוסטונג ניט אין זייער טהון. טויט וועלען זיי זיין אין זייער לעבען. ווי שאָטענס וועלען זיי זייערע טעג דורכגעהן אָהן נוצען פאר זיך און פאר אנדערע. זייערע תפילות, זייערע לויב־געזאנגען וועלען צו דיין אויער ניט דרינגען, וועלען דיין געמיטה ניט ריהרען, ווייל עס איז קיין גלוסטונג ניטאָ אין זייער געזאנג. זייער לויב איז ווי אויסגעדרעשעטע זאנגען, וועלכע דער ווינד דערהויבט מיט דעם שטויב פון דער ערד. אָבער וואוהין ער וועט יא קומען, דאָרט וועט דער „ווילען" הערשען. פערצוקען וועלען די מענשען זייערע לעבענס־טעג אין שטראָמענדיגער לוסט. וועלען טרינקען און פער'שכור'ען זיך אין זייער לעבענדיגעם לעבען; וועלען אוים די געצעהלטע מינוטען, וואָס דו האָסט זיי מיט אַ קארגער האנד אהין געוואָרפען, אייביגקייטען זיך מאַכען; עס וועט זיי ניט ארען דער ראנד פון פינסטערען אונטערגאנג, וואָס דו וועסט זיי שטענדיג ווייזען פאר זייערע אויגען, כדי זייער ווילען צו צוברעכען. מיין זוהן, דער קעניג פון ווילען, וועט דעם קלאַנג פון זייער צייט־זייגער מיט רוישענדיגען מוזיק־שאַל פערקלינגען; וועט דעם ראנד פון אונטערגאנג מיט בליהענדע רויזען פערזעען, אַז זיי זאָלען זיין שווארצע טונקעלהייט ניט זעהן, און שכור'דיג פון גליק און „ווילען" וועט ער זיי אויפ'ן וועג צו דיין אונטערגאנגס־ראַנד פיהרען.

און גאָט איז געווען מיט איהר די דאָזיגע נאַכט, און האָט פון איהר אַ זוהן געהאַט, און האָט זיין נאָמען גערופען: שטן, דער קעניג פון „ווילען".

און פון דענסטמאָל אָן איז אַ בעשטענדיגע מלחמה צווישען גאָט און דעם קעניג פון ווילען — ווער עס זאָל דאָס מענשען־הארץ בעזיעגען.

ווי אַ געטרייער געפאַנצערטער פּרינץ שטעהט דער קעניג פון „ווילען", דער שטן, און וואַכט איבער דעם מענשען'ס הארץ — איבער דעם „ווילען".

ברידה מיך צו ריהמען אָדער שענדען. איך וויל זייער „ווילען“ האָבען.
האָט אונזער מוטער, די קעניגין לילית, געענטפערט אזוי:
— איך וויל מיט דיר גערן א מענשען בעשאַפען וואָס זאָל ווילען האָבען, אָבער אַז דער מענש וועט אַליין זיין און עס וועט קיינער ניט זיין וואָס זאָל איהם בעשיצען, וועסטו איהם לייכט קענען גובר זיין, וועסט איהם מיט דיינע דונערען דערשלאָגען, מיט דיינע בליצען דער־ציטערען, וועסט אויף איהם די ימים פון די ברעגען ארויסשיקען, און מיט א ציטער פון דיינע וואָלקען וועסטו זיין הארץ דערשרעקען און דו וועכסט איהם בעזיעגען, און וועסט איהם אונטערטהעניג מאַכען אונטער דיין מאַכט — ניט אַזוי, גאָט. ווילסטו א מענשען בעשאַפען, וויל איך א זוהן פון „ווילען“ האָבען, וואָס זאָל מיר העלפען דאָס מענשליכע צו שיצען, וואָרים איך בין א פרויענצימער, און איך בין צו־שוואַך דעם מענשען׳ס ווילען אָבצוהיטען, און דו ביזט א גאָט, און שטאַרק איז דיין מאַכט, און דו האָסט מיך שוין באַלד מיט דיין שטענדיגען קומען צו מיר אונטערטהעניג געמאַכט, און וואָס וועט דאַן זיין, אַז דו וועכסט דעם „ווילען“ אונטערברעכען, אַז ער וועט פון דעם וועלט־קרייז אין גאַנצען פערשווינדען?
— דו האָכט רעכט, — זאָגט גאָט — איך וויל מיט דיר א פרוכט פון ווילען האָבען, אַז ער זאָל דאָס מענשליכע אין מענשען אָבהיטען. ווילינסט דו איין?
— אַז דו וועסט איהם פאַר א גאָט מאַכען; אַז דו וועסט איהם די הערשאַפט פון דער וועלט איבערגעבען. — טהייל און טהייל זאָל זיין קראַפט זיין מיט דיר, די וועלט און מענש צו רעגיערען, וועל איך מיט דיר און פון דיר א זוהן האָבען.
— טהייל און טהייל, — ענטפערט גאָט — און איך וועל איהם איבער דער וועלט פאַר א הערשער מאַכען, איבער יעדענס הארץ און יעדענס געפיהל. און ער זאָל זיי איינריידען צו ווידערשפּענסטיגען מיך, און צו לעסטערן מיך. פון די בעצויבערונג פון זיין וואָרט־קראַפט וויל איך זייער ווילען, פון אונטער זיינע הענד וויל איך דעם מענשען׳ס הארץ האָבען. געגען זיך און געגען זיין הערשאַפט זאָל צו מיר דער מענש קומען. — איך וויל „ווילען“ ברעכען. און וועל איהם, דיין זוהן, שיקען צו פערניכטען און צו צושטערען, די פערדאַרבונג אין מענשען אונטער־

זיי זינגען דיר לויב — דו האָסט זיי קיין ווידערשפּענסטיגונג ניט געלערענט; וואָס איז דיר א לויב פון מלאכים־קנעפּלעך, וועלכע דו האָסט ניט אַנדערש נור לויבען געלערענט, וואָס איז דיר א בעשאַפונג פון טויזענדער וועלטען? זיי דרעהען זיך און קריגען דאָס ליכט איינס פון דאָס צווייטע, ווייל זיי קענען ניט אַנדערש — דו האָסט זיי ניט אַנדערש געלערענט, אָבער איך האָב מיר „עפּעס" געשאַפען, דאָס וואָס דו האָסט מיר ניט געגעבען, איך האָב מיך אליין געטליך געמאַכט — דאָס איז מיין ווילען — דיך נישט צו לויבען.

— גיב מיר דיין „ווילען" — זאָגט גאָט.

— נעהם דיר איהם, אויב דו קענסט.

האָט גאָט געפּרופט איהם צו נעהמען, האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד — און די קעניגין, דער מלאך, האָט צו ברענען אָנגעהויבען.

— דו נעהמסט נור צוריק דאָס פייער, וועלכעס דו האָסט מיר געגעבען, דאָס פייער וועלכעס דו האָסט געגאָסען אין מיין פאָרם אריין, אָבער מיין „ווילען" קענסטו דיר ניט נעהמען! — האָט זי אויסגערופען ברענענדיג.

האָט זי גאָט בעהויכט, איז זי צוריק געשטאַנען פאַר איהם. און גאָט האָט צו איהר געזאָגט:

— איך וויל דיין „ווילען", מיך רייצט דיין „ווילען".

פון יענעם טאָג אָן האָט גאָט מעהר ניט געקענט צוהערען דעם געזאַנג פון די מלאכים, האָט מעהר ניט אויף זיין וועלט געקענט אָנקוקען, — וואָרים, וואָס זיינען דען די אַלע געטליכע בעשאַפונגען און געזאַנגען פון מלאכים געגען איין ווילען?

און ער האָט זיך פון די מלאכים אוועקגע'נב'עט, און יעדע נאַכט איז ער צו לילית געקומען און ער האָט געקוקט אויף איהר — און עס האָט איהם זעהר געררייצט איהר ווילען, נור ער האָט איהר גאָר נישט געקענט טהון.

זאָגט גאָט אַזוי אַמאָל צו איהר: — קום! לאָמיר בעשאַפען א מענש אויף די וועלטען וועלכע דרעהען זיך אין מיין שטח. איך וועל איהם געבען מיין געטליכעס, און דו גיב איהם דאָס געפיהל פון ווילען, וואָרים פער'מיאוס'ט זיינען מיר שוין געוואָרען די לויב־ליעדער פון די מלאכים, וואָס קענען ניט אַנדערש נור לויב־ליעדער מיר זינגען. איך וויל הערען דאָס געזאַנג פון מענשען, וועלכע ווילען האָבען די

— מיר האָבען זי פערשיקט נאָך די גרענעצען פון דיין שאַפונגס־שטח, ווייל ניי און ווילד איז געוועזן פאַר אונז די בענעהמונג פון דער קעניגין.

אין טונקעלער נאַכט האָט גאָט זיך אין זיין שווארצען וואָלקען־מאַנטעל געהילט און איז אַליין, אָהן בעגלייטונג, געגאַנגען איבער די הימלען, איבער דעם בעשאַפונגס־שטח, און איז ארויסגעקומען אויף יענער זייט פון זיין וועלט־קרייז. און אויף דעם ראַנד פון אונענדליכע שווארצע נאַכט־ימים און נאַכט־תהום'ען, איז געזעסען א פרוי, און האָט זיך איהרע צעפּ געפלאָכטען.

— ביזטו עס, לילית, וועלכע האָט מיך נישט לויבען געוואָלט?

— איך בין עס. — האָט זי אין די נאַכט אריינגעזאָגט, ניט צו־קעהרענדיג איהר געזיכט צו גאָט.

— ווייסטו ניט, אַז איך בין גאָט, וואָס האָט בעשאַפען די הימלען, און האָט בעשאַפען דעם שטח אין וועלכען עס קרייזען די מיליאָנען זונען, קאָמעטען און וועלטען?

— איז וואָס? — פרעגט די פרוי אין די נאַכט אריין — צו דיין צייט־פערטרייב האָסטו זיי בעשאַפען, אַז זיי זאָלען נור טהאָן דאָס וואָס דו האָסט זיי בעפוילען, אָבער קוק זיך צו צו זייער טהון, — זיי ווייסען ניט, אַז זיי בעוועגען זיך, ווייל קיין ווילען איז נישטאָ אין זייער טהון. און אַזוי וועלען זיי זיך דרעהען יאָהר איין, יאָהר אויס, מיליאָנען, מיליאָנען דורות, און לאַנגווייליג וועט דיר ווערען פאַר זייער אייביגעס קרייזען, — ווייל זיי ווייסען ניט, אַז זיי טהוען דאָס וואָס זיי טהוען.

— און ווער ביזט דו?

— איך בין דער גאָט פון מיר אַליין. איך האָב מיך אַליין בעשאַ־פען, און האָב מיר געגעבען דאָס וואָס דו האָסט מיר ניט געגעבען, — וואָס דו האָסט מיר ניט געקענט געבען.

— וואָס אַזעלכעס האָסטו זיך געגעבען?

— איך האָב מיר געגעבען „ווילען“. דו האָסט מיך פון א שטיקעל ליכט דורך דיין מלאכים־פאָרם אויסגעגאָסען, און איך בין ארויסגעקו־מען איינער פון די מיליאָנען מלאכים וועלכע ווערען אויסגעגאָסען פון דער פאָרם, און קענען ניט מעהר, ווי נור געהן אין דעם וועג וועלכען דו האָסט זיי אָנגעוויזען, און טהאָן דאָס וואָס דו האָסט זיי געהייסען.

וועלכען ער האָט בעשטימט, — איז איהם זייער פּינקטליכקייט א ביסעל איבערדריסיג געוואָרען, — וואָרום ער, גאָט, דער בעשעפער האָט גע־וואוסט דאָס, וואָס זיי, זיינע בעשאפונגען, האָבען ניט געקענט וויסען, — אז עס איז דאָ „ווילען". דאָס געפיהל „ווילען" האָבען אָבער די לבנות מיט די שטערען, זונען און קאָמעטען ניט געקענט האָבען, ווי אויך ניט זיינע מלאכים, — ווייל זיי זיינען געווען בעשאפונגען, געמאכט, געזעצט און בעשטימט פון אַן אַנדערען, און האָבען נור געקענט אויספיהרען דאָס, וואָס איז זיי געווען בעשטימט אויסצופיהרען.

זיינען איהם געקומען די מלאכים פּרייזען און לויבען, האָט ער מיט זיין געטליך אויג געקוקט אויף זיי, און האָט געזעהן ווי יעדער פון זיי לויבט, זינגט און פּרייזט, ווייל ער איז צו דעם בעשטימט, אָבער קיין ווילען איז נישטאָ אין זייער טהון, — און זיי טהוען נור דאָס, וואָס זיי מוזען; איז איהם לאנגווייליג געוואָרען הערענדיג זייער געזאנג, און ער האָט זיך פון זיי אָבגעקעהרט.

דאַן האָט זיך גאָט ארומגעדרעהט אין זיינע הימלען, האָט פון אונטען געזעהן דאָס טאַנצען פון די ליכטער, וועלכע האָבען אַהער־געדרונגען צו איהם פון דעם אונענדליכען שטח, און האָט מיט פּער־אַכטונג אָוועקגענומען זיינע אויגען דערפון. דאָס איז ניט קיין שאַפען, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט, וואָרום קיין ווילען איז נישטאָ. און גאָט האָט געזוכט דעם ווילען.

איז גאָט בעטריבט געווען די גאַנצע צייט פון יענע טעג.

איז אמאָל געקומען צו לויפען דער מלאך „גבריאל" (שטענדיג דער מלאך „גבריאל") און האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענד צום הימעל, און האָט אויסגערופען: אונזער שעפער, א זאך איז געשעהן אין דיינע הימלען! איינער פון דיינע מלאכים, די קעניגין לילית, האָט דיין לויב ניט געוואָלט זינגען, און ווען מיר זיינען אין מחנות צו דיין טהראָן געדרונגען, האָט זי זיך אָבגעקעהרט פון אונז. מיר ווייסען ניט וואָס דאָס בעדייט.

א גרויסע פרייד האָט דעם בעשעפער ארומגענומען. ער האָט דערפיהלט דאָס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט צייט ער איז גאָט, דעם ווילען פון א צווייטען, און האָט אויסגערופען מיט פרייד:

— וואו איז די קעניגין? איך וויל זי זעהן.

# די געבורט פון שטן

אז גאָט האָט שוין געהאַט אַלעס בעשאַפען, איז נאָך דער ווילען ניט געווען בעשאַפען. און גאָט איז געזעסען אויף דעם אויב פון דעם בעשאַפונגס־שטח, און וועלכען עס האָבען געוואַנדעלט די זונען, שטערען, קאָמעטען, אויסגעלאָשענע און ברענענדע, און ער האָט געזעהן ווי זיי מאַכען זייערע אומקרייזונגען אַרום זיך מיט אַן אונגעהייערע אייליגקייט, כדי ניט אויסצוגיכען די ימים, וואָס זיינען אויף זיי, און וואַרפען זייערע ליכטער, אָדער בעשאָטענען מיט זייערע טונקעלע טהיילען אַנדערע זונען, ליכטער, קאָמעטען. און אַלעס לויפט און אײַלט אַרום זיך, דורך חדשים, יאָהרען, צעהנדליגע און הונדערטער יאָהרען, און איינס רוהרט ניט אָן אָן צווייטען, און עס קומט צו צו דער מינוט, צו דער צייט, צום יאָהר און חודש, צום פּינקט לויט וועלכען ער האָט בעשטימט, לויט זיין שעפּפונגס־רעכענונג. איז ער שטאָלץ געוואָרען אויף זיין ווערק, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין טהראָן, וועלכער האָט געהאַנגען איבער דעם שאַפונגס־שטח, און האָט אָנגענומען די לויב פון די מלאכים, וועלכע זיינען געקומען איהם פּרייזען פאַר זיין ווערק.

און מיט האַרפען־שפּיעלען און מיט געזאַנג זיינען אָנגעקומען הונדערטע, טויזענדער מחנות מלאכים, ברענענדע און אויסגעלאָשענע, טהייל אין שוואַרצען פייער, טהייל אין ווייסען פייער, טהייל האָבען געהאַט פליגלען אין שווערדען, טהייל האָבען געהאַט ליליען און האַרפען אין די הענד, — און זיינען געפאַלען פאַר איהם, און געבוקט זיך פאַר איהם, און געזונגען זיין לויב.

און גאָט האָט ווידער געוואָרפען אַ בליק אויף זיין שאַפונגס־שטח, און האָט דערזעהן אין דער אונגעהייערער פינסטערניש פון דעם שטח די בעוועגליכע ברענענדע ליכטער, וועלכע דרעהען זיך אַרום אַנדערע ליכטער מיט אַן אונגעהייערע אייליגקייט. און קומען צום פּינקט,

און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פריה, און איז געלאָפען יעדען טאָג אין שאַפּ, ניט קיין איין טאָג פערפעהלט, און געאַרבייט, און געאַרבייט, אַ גאַנצען, גאַנצען ווינטער. אויפ׳ן פריהלינג, אין „ספרינג“ — ניט אַנדערש אַ זיידען־קלייד, אַ זיידען־קלייד פאַר פופציג דאָלאַר, אַזאַ, ווי זי האָט געזעהן אין אַ שאָו־ווינדאָו אויף גרענד סטריט, מיט אַ ברייטע קאַרענקע פון הינטען, און אַ גרויסען הוט, דעם מיט די „פלאַוערס“ — וואָס איז אויף די שאָו־פיגור׳ס קאָפּ, און אַ פּאָאַר געלע פאַנטאָפּעלעך, און זי וועט אין דעם, אין ספרינג נאָך קוני איילאַנד ארויספאָהרען — מען וועט שוין וויסען ווער חנה׳לע איז.

און זי האָט געאַרבייט דעם ווינטער פאַר וויפיעל עס איז, אָבגע־שפּאָרט פון מויל און געלעגט אַ סענט צו אַ סענט, און אַלץ זיך גע־טרייסט: אין ספרינג — אין ספרינג.

אַז עס איז געקומען דער ספרינג און חנה׳לע האָט שוין געהאַט זיך די אַלע זאַכען איינגעשאַפט, האָט זי זיך אַמאָל אויף דער נאַכט דאָס קלייד אָנגעמאָסטען מיט׳ן הוט, אין שפּיגעל זיך געשטעלט, זעהן ווי זי זעהט אויס.

— זעה, וואָס פאַר אַ שפּיגעל דו האָסט! שטענדיג ווייזט עס געל, איך וועל דעם שפּיגעל פון שטוב ארויסוואַרפען! — האָט זיך חנה׳לע געבייזערט.

די מוטער האָט בעהויכט דעם שפּיגעלע און געווישט עס מיט׳ן שירץ.

נור בחנם איז געווען חנה׳לע׳ס בייזערען זיך אויפ׳ן שפּיגעלע, בחנם דער מוטער׳ס ווישען. נישט דאָס שפּיגעלע איז שולדיג געווען, וואָס האָט חנה׳לען געוויזען אין איהר זיידען קלייד מיט דעם נייעם הוט אַ געל פּנים, ווי די פיגור אין שאָו־ווינדאָו ביי זיך אין שטעדטעל. — נישט דאָס שפּיגעל איז שולדיג געווען, וואָס די ליפּען, דער שעהנער שטריך הינטער איהר נעזעל פון איהר קינדיש געזיכט, זיינען גראָב געוואָרען און געשפּאָלטען, און די באַקען געל, אויסגענאָגט, און די אויגען איינגעפאַלען און אויסגעלאָשען — דאָס פּנים איז טאַקע מיט אַן אמת׳ן געל, און חנה׳לע האָט אויסגעזעהן אין שפּיגעלע, ווי די שאָו־פיגור אין שאָו־פענסטער, אין די שעהנע קליידער אויסגעציערט, מיט דעם געלען פּנים.

ניט דאָס שפּיגעלע איז שולדיג געווען...

קינד, — א גראַף, א רייכער סוחר, — און „טאַטע־מאַמע נאָך גליקליך מאַכען" — וועניג לעזט מען פון אזעלכע זאַכען!

אראָבגעקומען קיין ניו יאָרק, האָט זיך חנה'לע גענוואונדערט וואָס מען קוקט איהר דאָ ניט אזוי נאָך, ווי אין דער היים. אן אנדער מדינה, דאָ לויפט מען, יעדער איז פערנומען, און עס איז ניטאָ קיין צייט אויף אזעלכע נאַרישקייטען.

געקומען פון שאַפּ דאָס ערשטע מאָל, איז חנה'לע טרויעריג געוואָרען. די מוטער האָט זי אויסגעפרעגט די סיבה, נור דער מוטער האָט זי ניט געזאָגט פאר וואָס זי איז טרויעריג.

דאָ האָט זי געזעהן, אז זי איז ניט אליין. אין שאַפּ האָט זי געטראָפען א סך שעהנע מיידלעך, ווי זי, — און אפשר נאָך שעהנערע — און אלע זיצען און ארבייטען, און קיינער קוקט זיך ניט ארום.

אז עס איז דורכגעגאַנגען א קליינע צייט, און מיט חנה'לען האָט זיך גאָר נישט „געמאַכט", מאַכט די מוטער אמאָל אזוי צום פאָטער א געוויסען אויף דער נאַכט, ווען חנה'לע איז אין דער היים ניט געוועזן:

— עפּעס גאָר ניט קיין מדינה, דאָס אמעריקא! קיינער קוקט זיך אויף קיינעם ניט ארום.

— מיינסט, אז דאָ ביזטו אליין? דאָ איז ניט „סאָבאָטע", אין „סאָבאָטע" האָבען מיר געקענט זיין מורנות מיט חנה'לען. דאָ זיינען דאָ א סך שעהנע מיידלעך. דו ביזט דאָ ניט אליין.

די מוטער אָבער, וועלכע איז שטאָלץ געוועזן אויף איהר חנה'לען, האָט דאָך אינערליך געגלויבט, אז חנה'לע איז ניט איינע פון די הונדערט אנדערע שעהנע מיידלעך, וואָס ארבייטען אין שאַפּ; עס איז דאָך איהר „חנה'לע" — און איהר חנה'לע וועט מען דאָך בעמערקען פון טויזענדער, פון צעהן טויזענדער. נור דאָ דאַרף מען זיך אויספּוצען, שעהן זיין געקליידעט. דורך דעם האָט זי געזעהן אָבצושפּאָרען, אבי ניט קיין סך אראָבצונעהמען פון חנה'לעס וויידזשעס, אז דאָס קינד זאָל זיך האָבען שעהן אויסצוקליידען.

און חנה'לע האָט אויך אזוי געדענקט. אז זי האָט געזעהן פאר־נאַכט די מיידלעך אויף גרענד סטריט מיט זייערע אריינגעשטיפּטע האָאר, אין ברייטע קאַפּעלושען, אין די מאַנטעלעך, האָט זי געטראַכט, — אז זי וועט זיך אזוי אויסקליידען, וועט מען זי שוין בעמערקען, וועט מען שוין...

יום־טוב נאַכט, אַבי פאַר חנה'לען די שיכלעך פאַרטיג צו מאַכען — און אַז חנה'לע האָט צו מאָרגענס געגעבען אַ געה אַרויס אין געסעל אין די נייע פאַנטאָפּעלעך — נו, נו, — איז דאָס געווען אַ געקוק.

נור דאָס קליידעל, דאָס קליידעל.

און ניט איינמאָל איז חנה'לע געשטאַנען פאַר דעם שוי־פענסטער פון דעם גרויסען געשעפט ביי זיך אין שטעדטעל און געזעהן ווי מען פּוצט אויס די גרויסע פּאַרצעלייענע שוי־פיגור, וואָס שטעהט אין שוי־פענסטער פאַר אַ יום־טוב; אין דעם שעהנסטען און אין דעם בעסטען, מיט די טהייערסטע שטאָפען פּוצט מען די פיגור אויס. און אויף יעדע צייט פון יאָהר האָט זי נייע קאָסטיומען. קוים ווערט נאָר פריה־יאָהר, די פיגור טראָגט שוין אַ פריהלינג־הוט, — קוים ווערט נור ווינטער — די פיגור טראָגט שוין דעם שעהנסטען ווינטער־הוט, אין פוטערנע קראַגענדלעך געפּוצט, — נור איהר געל פּאַרצעלייענע געזיכט קוקט אַרויס פון דעם פוטער, פון דעם זיידענס און עס איז אַזוי מיאוס, אַזוי מיאוס...

האָט זיך חנה'לע געטראַכט, ווען מען וואָלט איהר אַזוי אויסגעפּוצט, און איהר דין איידעל העלזעל וואָלט אַרומגענומען דער טהייערער פוטער קראַגען — ווען זי וואָלט געטראָגען דעם ווינטער־הוט, און וואָלט דערמיט אין געסעל שפּאַצירט, וואָלט זי געווען אַ שעהן מיידעל, — אַך, ווען מען וואָלט זי, חנה'לען, מיט איהר שעהן פּנים'ל אויסגעפּוצט אין די אַלע שעהנע קליידער, וואָס די פיגור אין שוי־פענסטער...

נור מענשען האָבען ליעבער אַ פּאַרצעלייענע פיגור געפּוצט...

---

שוין דריי יאָהר ווי חנה'לע געפינט זיך אין „לאַנד". חנה'לע איז אויסגעוואַקסען אַ זעלטענע שעהנהייט, נור קיין פּאַסענדעס האָט זיך אַלץ ניט געמאַכט. „יאַ אַ שעהן מיידעל, ניט קיין שעהן מיידעל, — און נדן האָט יעדער געוואָלט".

מענשען האָבען געטענה'ט: — ווי האַלט מען דאָס אַזאַ בריליאַנט אין אַזאַ קליין שטעדטעל בעהאַלטען, דאָס דאַרף די ליכטיגע וועלט צו זעהן, טאַטע־מאַמע קען נאָך דעריבער בעגליקט ווערען, — חנה'לע האָט געוואָלט פאָהרען נאָך לאָדז אין „פּאַבריק" אַריין. טאַטע־מאַמע האָבען מורא געהאַט, און דאָ האָט זיך געמאַכט, אַז דער פעטער יענקעל האָט געשריבען אַ בריעף פון אַמעריקאַ, — און קיין פּרנסה איז אויך ניט געווען, און אפשר ווער ווייסט קען זיך טאַקע טרעפען אַ גליק מיט'ן

# אַ שאָו-פיגור

חנה׳לע איז געווען אין איהר שטעדטעל פעררעכענט פאר א שעהן מיידעל, און ניט בחינם. אלס קינד נאָך, ווען זי האָט זיך אין דעם געסעל ארומגעוואלגערט מיט אנדערע קינדער אין דעם שמוציגען קליידעל, אין דעם צוריסענעם שירצעל, האָבען איהרע צוויי שעהנע שווארצע אויגע־לעך ארויסגעשיינט פון איהר שמוציגען פנים׳ל, האָט איהר מיילעכעל, וועלכעס האָט געמאכט די ערדלסטע ליניע הינטער איהר נעזעל, זי אויסגעצייכענט פון די קינדער און ניט איינמאָל, ווען די מאמע האָט חנה׳לען פרייטאָג נאָכמיטאָג מיט געוואלד הינטער די שיסעל גענומען און איהר קעפעל אויסגעצוואָגען און איהר א ריין שירצעל אָנגעטהאָן, האָט די מוטער געקרעכצט: „וואָלט איך פאר איהר א שעהן קליידעל געהאט, א שעהן קליידעל געהאט!"

און א שכן׳טע, וועלכע איז געשטאנען דערביי און האָט חנה׳לען מיט׳ן אָבגעצוואָגען קעפעלע געזעהן, האָט צוגעלעגט:

— אן ארעמאן האָט קיין מזל ניט, ווען דאָס וואָלט געווען ביי א נגיד אין די הענד, א מלכות׳דיג קינד וואָלט עס דאָך געווען.

נור דאָס איז גאָר גישט געגען דעם, וואָס פון חנה׳לען איז געוואָ־רען ווען זי איז אויסגעוואקסען. אז זי האָט א שבת נאָכמיטאָג געגעבען א גהע ארויס אין געסעל שפאצירען, האָבען איהר א האלבע געסעל נאָכגעקוקט. די מוטער האָט איהר תמיד אין טאש א שטיקעל ברויט מיט זאלץ אריינגעלעגט, אז מען זאָל איהר חלילה קיין עין־הרע ניט געבען. און די בחורים, די בחורים אין שרה׳לעס גאָרטען האָבען גאָר פאר איהר די מפלה געקראָגען.

נור חנה׳לע האָט נעבעך ניט געהאט וואָס ארענטליכעס אָנצוטהאָן. דער פאָטער, א שוסטער, האָט געהארעוועט אויף א שטיקעל ברויט, זיך פון מויל אָבגעשפּארט, אבי חנה׳לען אויף א יום־טוב א קליידעל צו מאכען. נור ניט תמיד האָט ער זיך געקענט פערשאפען דאָס פערגעניגען — זעהן חנה׳לען אין א פסח אין א נייע קליידעל, אָבער א פּאאר שיכלעך האָט תמיד געמוזט זיין. א גאנצע נאכט אויף געווען, די ערב

געפּרופט שלום מאַכען צווישען מאַן און ווייב — עס איז אַ גוט מצוה. — ביים גוט איז געווען אַזאַ געוויין ווי ביי אַ מת, און אַלע ווייבער הינטער דער שוהל האָבען מיטגעוויינט.

נאָכ׳ן גוט. מען דאַרף אַהיים פאָהרען. טאָר מען דאָך שוין ניט זיצען אין איין פוהר, — איז ער אַהיים געפאָהרען מיט שלמה בעל־עגלה, און זי האָט געוואַרט אויף אַ צווייטע פוהר, און אַז יודעל איז געזעסען אויפ׳ן וואָגען, האָט זי איהם נאָכגעשריען:

— פערבינד דיר דעם האַלז, יודעל, זאָלסט זיך חלילה ניט פער־קיהלען.

— וועה איז מיר, אַ פרעמדען מאַנספּערשוין! — זאָגען די ווייבער וואָס שטעהען דערביי, — עס איז דאָך שוין נאָכ׳ן גוט!

— איך ווייס דען וואָס איך טהו? — קלאָגט די גע׳גט׳ע — אַ פרעמדען מאַנספּערשוין!

און האָט די האַנד אויסגעשטרעקט און האָט זי געגלעט איבער די האָאר, איבער די באַקען, איבער די אַקסעל, ניט קוקענדיג אויף איהר.

— דו ביזט דאָך אַ כשר אידיש ווייבעל — זאָגט ער ווייטער — איך וויים דאָך, אַז דו ביזט אַ צנועה און גאָט וועט דיר העלפען — און אודאי וועט ער דיר העלפען — און טרעהרען קאַפּען איהם פון זיינע אויגען אויף איהרע האָאר.

זי איז געשטאַנען נעבען איהם. זי האָט זיך געלאָזט טרייסטען, האָט שטיל אָבגעהעשעט — דאָס ערשטע מאָל צייט זייער חתונה, רעדט ער צו איהר אַזוי ליעב און טרייכט זי, און איהר איז גוט געוועזען, האָט זי שטיל געוויינט:

— אוי, יודעל, יודעל, מיין יודעל, מיין איינציגער, איינציגער יודעל!

און ער האָט זי געגלעט איבער'ן פּנים, איבער די האָאר, איבער די פּלייצעס אָהן ווערטער, אָהן ווערטער...

נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עס איז אַן אשה, און נאָך פּאַר אַ גט, איז ער פּלוצלונג אַוועק ,געזעצט זיך צו דער גמרא און געלערענט מיט אַ הויכען זינגענדיגען ניגון.

„אמר אביי!“...

און זי איז שטיל געזעסען אין אַ ווינקעל, איינגעהאָרכט זיך צו זיין גמרא־נגון און שטיל געוויינט.

---

אין איינינגע טעג אַרום האָט זיי שלמה בעל־עגלה'ס וועגעלע גע־פּיהרט צו דעם נאָהענטסטען שטעדטעל, וואָס איז ביים טייך סובאָטנע (הורך דעם מעג מען זיך דאָרט גט'ן), צום רב, צום גט. זי איז געזעסען אין איין ווינקעל און האָט געוויינט. און ער איז געזעסען אין אַ צווייטען ווינקעל און האָט געוויינט. און ווייבער זיינען אַרום דעם פוהרעל געשטאַנען און האָבען זיך די הענד געבראָכען, און האָבען געקוקט איינע אויף די אַנדערע, ווייזענדיג מיט די פינגער אויף שרה'לען, אויף דעם אונגליק וואָס האָט איהר געטראָפען, און שלמה בעל־עגלה מאַכט צו די ווייבער אַרום פוהרעל:

— זעהט, זעהט אַז איהר זאָלט זיך ניט מיטבאַפּען מיט מיר אויף מיין וועגעל אין שטעדטעל אריין צום גט.

אָנגעקומען אין דעם שטעדטעל, צום רב, — דער רב האָט גאָר ניט

מאָל, געבעטען אויף קינדער — האָט מען איהם געהייסען וואַרטען, און אַז עס זיינען פול געוואָרען די צעהן יאָהר, האָט דער רבי זיך גט'ן געהייסען, נאָכ'ן אידישען דין. אַז דער רבי האָט געהייסען, און דער דין איז אַזוי — וואָס איז דאָ אַ סך צו קלערען? מיר זיינען דאָך אידען — און מילא! און זי — דאָס ווייבעל, פערשטעהט דאָך אויך גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט אַנדערש צו מאַכען, והא ראיה, זי איז דאָך מקבל באהבה, אַ אידיש ווייבעל... נור אַ גרויס רחמנות איז איהם געווען אויף איהר, אויף זיך — האָט ער געלערענט מיט אַ הויך קול, געזונגען די גמרא, אום אַ ביסעל זיך צו פערגעסען, און גלאַט אַזוי, מיט אַ אשה אין שטוב. — — —

זי האָט זיך איינגעהערט צו זיין גמרא־נגון און דאָס האַרץ האָט איהר נאָך מעהר געקלעמט. דעם גמרא־נגון האָט זי געהערט צייט ער איז ביי איהר פאָטער צו גאַסט געווען, און יעצט וועט ער איהר זיין אַ פרעמדער, אַ ווייטער. דער גמרא־נגון איז שוין ניט איהרער, ניט איהר מאַן'ס. און זי איז אַרויס מיט אַ נייעם געוויין.

— פאַר וואָס האָב איך דאָס דערלעבט, טאַטע אין הימעל! וועניג בושה האָב איך געהאַט וואָס איך בין אַן עקרה, וואָס דו האָסט מיר קיין קינדער נישט געגעבען — דאַרפסטו מיר דעם מאַן צונעהמען? מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פערזינדיגט ביי דיר?

דעם יונגען מאַן האָט געשניטען אין האַרץ איהרע ווערטער. ער האָט אויף איהר גרויס רחמנות געקראַגען. צעהן יאָהר אָבגעלעבט מיט אַן אשה, אַ אמת אידיש ווייבעל געווען, אַ צדקת — האָט איהם אָבגע־היט ווי אַן אויג אין קאָפּ — האָט ער אַרויפגעלעגט דאָס טיכעל אויף דער גמרא און האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען איבער דער שטוב, און גערעדט צום ווייב:

— וויין נישט, שרה'לע, וויין נישט, מסתמא איז עס דאָך אַ גאָט־זאַך. מיר זיינען דאָך אַלע אין זיין האַנד, וואָס זאָלען מיר טהאָן? און אפשר איז עס גאָר צום גוטען, אפשר בין איך ניט דיין זיווג, און גאָט וועט דיר נאָך העלפען, און דו וועסט דיין זיווג געפינען, און וועסט נאָך האָבען כשר'ע קינדער, אידישע קינדער, ווי דו האָסט עס פערדיענט.

ער האָט ניט בעמערקט ווי ער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר,

מיט טרעהרען אין די אויגען, און מיט דעם זעלבען כליפּענדיגען קול האָט זי צום טיש געגרייט, געהייסען יודעל'ן ער זאָל זיך וואַשען. יודעל האָט עס געטהאָן, שטיל, שווייגענדיג, ווי א פרעמדער און האָט זיך ביים טיש אוועקגעזעצט.

די שכן'טע האָט נאָך עפּעס געזאָגט, געקרעכצט און איז ארויס פון שטוב.

אז דער יונגער מאַן איז געזעסען ביים טיש, האָט זיך דאָס ווייבעל אוועקגעזעצט געגען איהם, און האָט אָנגעהויבען צו ריידען מיט דעם זעלבען כליפּענדיגען קול:

— וואָס וועט זיין פון געשעפט? ווער וועט דאָס האַלטען?, און מיט די „שטעדט“ אין די שוהל, — וועה איז נאָך מיר! ווער וועט דאָס אַלעס, די כלים, דאָס ווירטהשאַפט — האָט די אידענע געוויינט, ווייזענדיג ארום אויף דער בעל־הבתי'שקייט, וואָס איז אין שטוב.

— מילא, עס וועט דאָך זיין א דין תורה, ווי דער רב וועט פּסק'ענען אַזוי וועט זיין, — האָט דער יונגער מאַן אָבגעענטפערט מיט דעם זעלבען שטילען טאָן.

— און, מיט דיר, יודעל, און מיט דיר? — שאָקעלט די אידענע מיט'ן קאָפּ און א נייער שטראָם טרעהרען גיסען זיך איהר ארויס פון די אויגען. באַלד דערמאָנט זיך אָן עפּעס די אידענע, אַז ער איז א מאַנספּערשוין — פאַר'ן גט... און האַלט זיך צוריק.

דער יונגער מאַן האָט הויך געבענשט.

נאָכ'ן בענשען האָט ער גענומען די גמרא און אָנגעהויבען צו לערנען. איהם איז געווען שלעכט צו קוקען אויפ'ן ווייבעל, ווי זי ליידעט, — ריידען מיט איהר האָט ער ניט געהאַט וואָס. צייט נאָך דער חתונה האָט ער מיט איהר ווייניג וואָס גערעדט. וואָס איז דאָ צו ריידען מיט אַן אשה? געלעבט ווי א אידיישער חסיד'ישער יונגער מאַן דאַרף לעבען מיט אַן אשה, אין צניעות, אין ריינקייט — מן הסתם איז עס געווען א גאָט־זאַך, זיי האָבען קיין קינדער ניט געהאַט. אייגענטליך האָט ער גאָר ניט אַזוי זעהר געוואָלט האָבען קיין קינדער. קינדער — יא, ווי הייסט? מען איז דאָך א איד, א איד מוז האָבען קינדער, — אָבער די קינדער האָבען איהם ניט געפעהלט, דאָס ווייבעל איז געווען א כשר אידיש ווייבעל, דעם דין געהאַלטען אין ליעב געהאַט דעם מאַן, ווי דער אידישער דין איז. איז ער געפאָהרען איין מאָל צום רבי'ן, א צווייטען

— א בראָך איז נאָך מיר ! — וואָס האָב איך דערלעבט ! — און מיט אַ פּנים פול מיט טרעהרען, און כליפּענדיג אויפ׳ן קול האָט די אידענע די נאָז זיך געווישט און געזאָגט צום מאַן :

— האָסט אודאי ניט געזאָגט, יודעל, — אוי, האָסט אודאי ניט געזאָגט. —

— געזאָגט, גערעדט, גע׳טענה׳ט — מאַכט דער איד מעהר מיט די הענד ווי מיט׳ן מויל, אַ בפירוש׳ער דין — האָט דער רבי געזאָגט, — אַז מען וואוינט מיט אַן אשה צעהן יאָהר אָהן קינדער, מוז מען זיך גט׳ן, — אפשר וועט זי אויך געהאָלפען ווערען, — אפשר איז עס ניט געווען קיין גלייכער זיווג.

— געהאָלפען ווערען — האָט די אידענע געכליפּעט, — אַ בראָך נאָך מיינע יאָהר ! ווי קען איך געהאָלפען ווערען ? ווער קען מיר העלפען ? אַ פערוויסטע גרושה — ווער וועט מיר העלפען ? אָבגעלעבט מיט אַ מאַן צעהן יאָהרען — אוי, טהו אוים, יודעל, דעם פעלץ, וועסט דיך נאָך, חלילה, פערקיהלען — זאָגט זי מיט דעם זעלבען כליפּענדען טאָן, בעמערקענדיג ווי איהר מאַן זיצט אין פעלץ.

יודעל האָט זיך אויסגעטהאָן דעם פעלץ אָהן ווערטער, — ער איז געבליבען שטעהן אַ חסיד׳ישער יונגער מאַן, מיט אַ שווארץ־רונדיג בערדעל, — כמעט נאָך אַ בחור נאָכ׳ן אויסזעהן — און האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף זיין פריהערדיג אָרט, שטיל, ווי אַ פערמעדער.

פון איהר געוויין איז די שכנה אריינגעקומען, האָט נאָך געהאַלטען אַ טעפּעל אין האַנד, און מיט אַ נייגיעריגע מינע האָט זי געוואָרפען אַ בליק אויף יודעל׳ן און געפרעגט די וויינענדיגע אידענע :

— וואָס האָט ער געזאָגט, דער רבי ?

— גט׳ן, אוי נעחע־קרוין, גט׳ן, וועה איז נאָך מיר, גט׳ן, — האָט די אידענע געכליפּעט.

— אוי, מאַמע קרוין ! — האָט די שכנ׳טע די באַקען געקניפּען, — אזא אונגליק ! אזא אונגליק ! — אָבער אין אַ מינוט ארום דערמאָנט זי זיך, — זעהט, איהר זאָלט מיר לעבען, וואָס לאָזט איהר זיצען אייערען, ער איז דאָך פון וועג אָנגעקומען, ער האָט דאָך אודאי היינט גאָר נישט אין מויל געהאַט.

— איך וויים דען וואָס עס טהוט זיך מיט מיר ? נאַ, ווערט דאָס יאַכעל פערברענט — איז די אידענע צוגעלאָפען צום קיך.

# אַ גט

— אין דיין פּנים דערקען איך עפּעס ניט גוטעס, — האָט די אידענע אויסגערופען, ווען איהר מאַן, יודעל, איז אריינגעקומען אין טהיר, נאָך אין שאָפּען־פּעלץ, איינגעהילט און אין שאַל ארומגע־וויקעלט.

יודעל האָט גאָר נישט אָבגעענטפערט, האָט זיך אוועקגעזעצט אין פּעלץ און אין פוטער־היטעל, אין די טיעפע קאַלאָשען אויף דעם ערש־טען, בעסטען שטוהל וואָס ער האָט געטראָפען; געזעסען, געשוויגען, געקוקט ערגעץ־וואו מיט די אויגען, ווי דאָס וואָלט ניט זיין היים געווען, נור ווי אַן אָפענע אכסניא, וואו מען וואַרט אויף אַ פוהר.

— וואָס שרעקסטו מיר אָב דאָס האַרץ — פאַר וואָס זאָגסטו ניט?

— האָט דאָס ווייב מיט איין אָטהעם אויסגערופען. — די באַקען איהרע זיינען רויט געוואָרען, און די ווייסע האָרלעך אויף די צוויי ווערצעלעך, וואָס זי האָט געהאַט ביים ווינקעל פון די אויבערשטע ליפּ האָבען זיך אויפגעשטעלט.

דער מאַן האָט נאָך אַלץ געשוויגען.

— איך שרעק דאָך מיך טאַקע — האָט דאָס ווייב מיט האַרץ־קלאַפּען געזאָגט, — וואָס זאָל עס הייסען — חלילה — דאָך נישט „דאָס“! האָט די אידענע ניט מיט אַ מענשען־קול אויסגערופען.

דער מאַן האָט טרויעריג מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט, קוקענדיג אויף אַן אנדער ווינקעל.

— אוי מאַמע! — האָט די אידענע אויסגעשריען און זיך אויך אוועקגעזעצט אויפ'ן ערשטען בעסטען שטוהל.

אַזוי זיינען זיי ביידע זיצען געבליבען אַ פּאָר מינוט ניט ריידענדיג איינער צום צווייטען אַ וואָרט, און ניט קוקענדיג איינער אויפ'ן צווייטען.

נאָך דעם ערשטען אויגענבליק איז די אידענע ארויס אין אַ שטראָם טרעהרען:

אויף דעם האָט נחה שוין קיין אַנטוואָרט נישט צו געבען און מוז אָבטרעטען דאָס אָרט פאַר רחל לאה'ן.

און רחל לאה האָט אָהן דעם חולה געהאַט אַ גוטען עלטער. די באַקען האָבען איהר אָנגעהויבען רויטליכער צו ווערען, און די ביינער זיינען איהר אויסגעגליכען געוואָרען, און אז עס איז געקומען אַ שבת, אַ יום־טוב, האָט מען רחל לאה'ן געזעהען אין אַ נייער הויב אין שוהל געהן.

איז נאָך פופצעהן יאָהר, אז עס איז געקומען י"ז בשבט, האָט זיך אין רחל לאה'ס געסעל געהערט אַ גרויסער יאָמער, ווי עס וואָלט, חלילה, אַן אונגליק געשעהען.

און, אז מען האָט זיך ארומגעקוקט און געפרעגט: „וואָס איז גע־שעהען?"

האָט מען געזעהען רחל לאה'ן זיצען פאַר די שוועל פון איהר טהיר, מיט אַ געוואַלד און אַ געשריי:

— איך האָב דאָך היינט יאָהר־צייט נאָך מיין „חולה"!

האָט רעבט. וואָס איז זיך דאָ צו בעריהמען מיט א קראַנקען מאַן! יעדער האָט זיין „אונגליק" — און האָט פאר ליעב גענומען איהר גורל — ווי א גאַנץ נאַטירליכע זאַך, און האָט נישט מעהר גערעדט דערפון.

---

מיט אַמאָל האָט זיך ביינאַכט אין דעם געסעל, וואו רחל לאה וואָהנט, געהערט א גרויס געשריי, שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפען מיט א געוואלד: „וואָס איז?" — רחל לאה'ס שטימע פערהילכט דאָס געסעל:

געוואלד, איהר „צרה" שטאַרבט!

און איהר „צרה" איז טאַקע געשטאָרבען.

ארויסגענומען איהר „חולה" און בעהאַלטען אין דער דר'ערד, האָט איינגענטליך רחל לאה אויפגעלעבט. דער קעלער איז געוואָרען גאַנץ אַנדערש. אז רחל לאה האָט פריה־מאָרגענס אויסגעקעהרט דעם קעלער און צוגערוימט, איז נישט געווען ווער עס זאָל אָנשפייען און איינריכטען. ער איז געווען צוגערוימט א גאַנצען טאָג. — אז רחל לאה האָט טאַקע די ערשטע נאכט איבער־גענעכטיגט אין דעם חולה'ס בעט, האָט זי זיך אויפגעהויבען צו־מאָרגענס מיט גלייכערע ביינער, און אז זי האָט פאַרנאַכט זיך אהיים געבראַכט א האַלב פונט פלייש, און זיך צוגעשטעלט א יאָיכעל, האָט זי טאַקע דאָס בעסטע שטיקעל פלייש אויפגעגעסען.

רחל לאה איז געוואָרען עפּעס א חשוב'ער מענש אין גאַס, אין נגיד'ישע הייזער. ווייבער האָבען אויף איהר געקוקט און געשאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ אויף איהר: נעבאך, אַן אונגליקליכע „אלמנה". און זי אליין האָט זיך אויך אָנגעהויבען אַנדערש צו בעטראַכטען, רחמנות געקראָגען אויף זיך, און פלעגט זיך טהיילמאָל, אין א שעה־נעם העלען טאָג, פאר די ווייבער ביי די פויערישע פוהרען אוועקשטעלען און אָנהויבען צו וויינען: „איך בין דאָך נעבעך אַן אונגליקליכע אלמנה!" און, אז נחה וויל איהר די אייער פון די פויערטע אויסקויפען, אָדער ביי די גביר'טע אין שטוב, אז נחה ברענגט אריין א הוהן, רופט זיך רחל לאה אַן:

— בעל־הבית'טע, — איך בין בין דאָך נעבעך אַן אונגליקליכע אלמנה! קויפט עס ביי מיר!

שפרייז איבער׳ן שטוב און עס איז געגאַנגען, געפּרובירט ווייטער און עס איז געגאַנגען. אַ גרויס ליכט האָט ער מיט אַמאָל דערזעהען — און ווייטער געפּרואווט, און פּלוצלונג בלייבט ער שטעהן. דער קער־פּער ווערט שווער, ער וואַרפט זיך אין גאַנצען אויף זיין שטעקען — און ער פאַלט אום.

אַז רחל לאה איז אויף דער נאַכט אַהיים געקומען, האָט זי איהם געטראָפען אויף דער ערד, וואו ער איז געלעגען אויף אַלע פיער — צו־גערוקט צום בעט. זי האָט איהם געפרעגט, וואָס עס איז געשעהען, ער האָט נישט געוואָלט זאָגען. — דאָס איז געוועזען זיין געהיימנים, — און היינט נאָך, אַז ער ליגט אין בעט, קלעהרט ער נור פון דעם, וואָס ער האָט זיך אַמאָל אויפגעהויבען און איז „געגאַנגען" — און ער רעדט צו זיך אַליין:

— פאַר־וואָס האָב איך געקענט? — פאַר־וואָס האָב איך געקענט? פאַר־וואָס?

אַז רחל לאה הערט איהם טהיילמאָל אַזוי אַליין רעדען צו זיך, פערשטעהט זי נישט וואָס ער מיינט, זאָגט זי צו איהם:

— וואָס רעדסט דו דאָס צו דיר?

דער חולה ענטפערט איהר נישט. ער בעהאַלט דאָס פאַר זיך, דאָס איז זיין סוד....

---

און קיינער האָט זיך אויף רחל לאה׳ן נישט אַרומגעקוקט. אין גאַס, און אין די בכבוד׳ע הייזער, וואו זי האָט די קערב אַרומגעטראָגען, האָט מען זי פאַר דעם, וואָס זי האָט אַ קראַנקען מאַן, נישט מעהר גע־שעצט ווי אַנדערע. זי האָט איהר צרה — יעדער האָט זיין צרה. און אַז רחל לאה האָט טהיילמאָל גענומען רעדען וועגען איהר מאַן, אַז זי האָט, למשל, אין אַ גביריש הויז גע׳טענה׳ט:

— בעל־הבית׳טע, נעהמט פון מיר די אייער, — איך האָב דאָך אַ קראַנקען מאַן, וואָס איך דאַרף צו דערנעהרען, אוי, מיין צרה אין דער־היים!

האָט איהר איהר קאָנקורענטקע אַזוי אָבגעענטפערט:

— גיב נאָר אַ קוק, וואָס זי גיט אָן מיט איהר קראַנקען מאַן! יעדער האָט אַ קראַנקען מאַן, — אַלעם קומט איהר, אַ קראַנקען מאַן!

און רחל לאה אַליין האָט טאַקע איינגעזעהען, אַז די קאָנקורענטקע

זי האָט געמיינט, אז עס וועט אדורכגעהן א פּאָאר וואָכען, א פּאָאר חדשים א פּאָאר יאָהר, — ער ריהרט זיך אָבער נישט, אזוי ווי ער האָט זיך צום ערשטען מאָל ארייגגעלעגט אין בעט, אזוי ליגט ער פּופצעהן יאָהר. היינט געדנקט זי שוין נישט דערפון. זי איז שוין געוואָרען צוגעוואוינט דערמיט — אזוי ווי עס וואָלט געווען שוין פון אייביג אָן — און זי האָט דאן גענומען די פּרנסה אויף זיך.

און א לעבען האָט זי געהאַט א שווערס. געלאָפען מיט די קערב אייער, פּוטער, היהנער, וואָס זי האָט איינגעקויפט ביי די פּויערים, איבער די גביר'ישע הייזער — און אז זי איז אהיים געקומען, האָט זי קיין היים נישט געהאַט. דאָס „בעט" האָט ער פערנומען. אָרט אויף א צווייטע בעט איז אין קעלער נישט געווען, און זי האָט בעדאַרפט זיין אָן אייביגער משרת ביים חולה, אלעס איהם צום מויל דערלאַנגען, איי־ניגע מאָל בייגאַכט אויפשטעהן, איהם אויפדעקען און צודעקען און איהם זאכען צו דערלאַנגען. — אין מיטען טאָג, ווי זי האָט די קערב ארומגעטראָגען, פלעגט זי זיך דערמאָנען אָן איהר „צרה", איז זי אהיים־געלאָפען א טעפּעל צושטעלען. דעם בעסטען ביסען פלעגט זי פאר איהם אָבשפּאָרען. און דער „חולה" איז געלעגען — און עסען האָט ער דוקא געוואָלט. ער איז נישט קראַנק געווען, — נור נישט געקענט ריהרען נישט מיט די הענד און נישט מיט די פיס, און רחל־לאה האָט אלץ צו איהם גע'טענה'עט:

— א מענש זאָל ליגען איבערזאמען! פּרוביר דיך אויפצוהויבען — פּרוביר דיך, אז דו וועסט פּרובירען, וועסטו קענען — א מענש זאָל נישט געהן, נור ליגען.

און העניך לעהרער האָט פּרובירט, מיט'ן גאנצען הארצען האָט ער געוואָלט אויפשטעהן, נעהמען א שטעקען און ארויס אין די גאַס, נור די הענד' — ווי שטיינער, די פיס — ווי שטיינער, און ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי די אברים זיינע געהען שוין נישט צו איהם: מען האָט זיי אָבגעשניטען פון איהם און זיי ליגען ביי איהם און געהערען צו אן אנדערען.

נור איין איינציגעס מאָל, — ער געדענקט נישט ווי אזוי עס איז געווען — האָט ער זיך מיט א מאָל גענעבען א הויב אויף, גענומען דעם שטעקען און אָנגעהויבען צו שפּרייזען, און ער האָט געמאַכט צוויי, דריי

איילט זיך שטענדיג פריהער פאר איהר צו די פוהרען פון די פויערים און קויפט איהר אויס אלע היהנער, פוטער און אייער.

זי האט שוין געכאפט דאס טוך אויף זיך מיט די קערב, בערייט ארויסצולויפען — אבער זי האט געווארפען א בליק אויפ'ן אלטען, וועל־כער האט זי אנגעקוקט מיט זיינע אויגען, ווי ער וואלט איהר מיט די בליקען געוואלט זאגען דאס, וואס זיינע שטאמעלדיגע ווערטער האבען איהר נישט געקענט געבען צו פערשטעהן. האט זי אויף איהם רחמנות געקראגען — האט זי די קערב אוועקגעשטעלט און איז צו צום אלטען און ארויסגענומען דעם טלית און איהם ארומגעוויקעלט, ארויסגענומען די תפילין און איהם די רצועה ארומגעוויקעלט אויף די אונמעכטיגע האנד, וועלכע איז יעדען מאל צוריקגעפאלען, און אנידערגעלעגט דעם סדור פאר איהם. זי האט נאך געוואלט ווארטען ביז ער וועט אב־מורמלען דאס ערשטע בלעטעל פון דאוונען, איהם איבערמישען דאס צווייטע, אז ער זאל זיך נישט דארפען איינבויגען און מיט די צייהן עס טהאן, — נאר זי האט זיך באלד דערמאנט אין נחה'ן, וועלכע מוז שוין אודאי יעצט ביי די פוהרען זיין, און זי האט געזעהן ווי נחה האלט אין ארויסלעגען אייער פון א פויערטעס קארב אין איהר קארב אריין, האט זי אלעס שטעהן געלאזט, צוגערוקט נור דאס ווארימע טעפעל מיט די זעמעל נעהנטער צום „חולה“ צו — און צוגעווארפען איהם א ווארט: „איך וועל באלד אהיים קומען“, איז זי ארויס אין גאס.

---

אזוי האט שרה לאה אבגעלעבט מיט איהר „צרה“ פופצעהן יאהר. שוין פופצעהן יאהר ווי זי איז נישט געלעגען אויף א בעט און זיך דיביינער אויסגעגלייכט, נור געלעגען אויפ'ן פארלאגע, צוגעדעקט ווינטער און זומער מיט איהרע טיכער. יועץ זי האט חתונה געהאט, האבען איהר מענשען מקנא געווען. זי האט גענומען העניך דעם לעהרער, וועלכער האט געלערענט מיט מיידלאך עברי אין ארענטליכע הייזער. זי איז גור געווען א פראסטע דיענסט דאן. און טאקע נאך דער חתונה איז איהר גאנץ גוט געגאנגען, — האבען זיך גוט געלעבט — כאטש קיין קינדער האבען זיי נישט געהאט. נור וואס קומט ארויס, — באלד איז געשעהען דאס אונגליק... דער מאן האט אמאל, אין א שעהנעם העלען זומער־טאג דעם שלאג געקראגען און נישט געקענט בעוועגען נישט מיט קיין האנד און נישט מיט קיין פוס.

# די אלמנה

ווען עס האָט אָנגעהויבען גרויען אין קעלער אריין, דורך דעם איינגעזונקענעם פענסטערל, האָט רחל לאה'ס „צרה“ אָנגעהויבען צו קרעכצען: רחל לאה! רחל לאה!

רחל לאה, וועלכע איז געלעגען אין אנדער'ן ווינקעל מיט דער טוך צוגעדעקט, האָט נאָך פון שלאָף ארויס אָבגעענטפערט: „באלד, באלד“, האָט זיך אויך דאַן באלד אויפגעהויבען, עפּעס געגראבעלט ביים ווינקעל קיך און איז מיט'ן טעפּעל צוגעגאנגען צום „חולה'ס“ בעט און עס איהם דערלאנגט.

באלד דערויף האָט זיך וואָס אמאָל מעהר געגרויט דאָס פענס־טער'ל, און רחל לאה האָט זיך גענומען אָנטהון. אין דעם קעלער האָט זיך געהערט א מורמלען „מודה אני“.

— אודאי באלד אלע פוהרען אויסכאפּען, די טויבעכניצע, די גאנ־צע וועלט איז איהר צו ווענינ, אלע פוהרען בעליינען, און אלע פּויערים אָבוואַרטען! — האָט רחל לאה ווערטער געוואָרפען אין מיטען „מודה־אני“.

דער חולה אין בעט האָט עפּעס דאָרט געשטאמעלט אונפערשטענד־ליכע ווערטער.

שוין פערטיג געווען מיט'ן אָנטהון, האָט זי האָלץ צוהאקט און באלד דערויף האָט א פייער'ל אין קיך געקנאקט.

— צרה מיינע — האָט רחל לאה גערעדט צו איהר מאַן אין בעט, וועלכער איז געווען א חולה שוין פופצעהן יאָהר, און האָט איהם דער־לאנגט דאָס הייסע טעפּעל און צוגעוואָרפען איהם דעם טלית און תפילין אין בעט אריין — איך מוז מיך איילען, — וועה איז מיר, נחה מוז שוין אודאי ביי די פוהרען זיין.

דאָס האָט זי געמיינט איהר קאָנקורענטקע, נחה טויבניצע, וועלכע

שטערטעל, — דער היגער טאָלער איז דאָרט צוויי רובעל — און ניו־יאָרק איז דאָך ניו יאָרק.

עצה'ט מען זיך אהין, עצה'ט מען זיך אהער, מען לעגט זיך צוזאמען, מען נעהמט דער מאמע'ן א שיפסקארטע און מען שיקט זי אהיים, די קינדער וועלען איהר שיקען יעדער נור א האלבען טאָלער א וואָך, וועט זי האָבען איהר הוצאה בריות. און וואָס איז א האלבער טאָלער? און א „הויז" אויפהאלטען אין ניו יאָרק איז דאָך ניט קיין קלייניגקייט.

* * *

אין א שעהנעם דיענסטאג נאָך א פורים־טאָג האָבען זיך די קינדער מיט די אייניקלעך צוזאמענגעקליעבען ביים האפען פון די האמבורג־אמעריקאן ליניע בעגלייטען די מאמע אויף די שיף. די מאמע, אנגעטהאָן אין דעם שווארצען שלייפעל אויפ'ן קאָפּ, וואָס זי האָט זיך נאָך פון דער היים געהאט מיטגעבראכט, איז געשטאנען ביים אָנלעהן פון די שיף און האָט געקוקט אויף די קינדער און אייניקלעך, וועלכע זיינען געשטאנען אין אָפענעם פענסטער פון די האָלל אויף דעם אמערי־קאנישען ברעג. עס זיינען געווען איהרע קינדער, וועלכע זי האָט מיטגעבראכט פון דער היים און האָט זיי דאָ איבערגעלאָזט, און די אייניקלעך איהרע האָבען אריבערגערעדט צו איהר, אין א פרעמדע שפראך, וועלכע זי האָט ניט פערשטאנען, און האָבען געפאָכערט צו איהר מיט די אמעריקאנער פענדלעך, וועלכע זיי האָבען געהאלטען אין די הענד. און די אידענע האָט געקוקט אויף איהר גאנצעם לעבען, וועלכעס זי לאָזט דאָ איבער אויף דעם ברעג, און די שיף האָט זיך פּאמעלעך, מיט א שטילע ערנסטקייט דערוויטערט וואָס אמאָל מעהר פון דעם פענסטער, פון וועלכען עס האָט נאָך געפאָכערט דאָס אמערי־קאנער פענדעל פון איהרם אן אייניקעל, זי צו ברעננגען צוריק פון וואנען זי איז אהערגעקומען, דאָ איבערצולאָזען איהר נאָכקומענשאפט.

צו איהר ענגליש; די באָבע האָט גערעדט צו זיי — זיי האָבען די באָבע יא פערשטאַנען.

די קינדער האָבען גערעדט וועגען זייערע זאַכען — „סאָסייעטיס“ און „יוניאָנס“, און די מאַמע האָט געשטעלט עפּעס אויפ׳ן טיש, און האָט זיך דערמאָנט אָן דער היים, און אַ קרעכץ געגעבען „יואל“, און געגעבען אַ גלעט אַ קינד איבער׳ן קעפּעל, און דאָס שטיבעל איז גאָר בעלעבט געוואָרען. די קינדערלעך האָבען אָנגעפאַנגען צו וויינען, שלעפריג געווען, אין דער מאַמע׳ס שטיבעל איז אַ גאַנצע רייהע קינדער־וועגעלעך געשטאַנען, האָט מען די קינדער שלאָפען געלעגט, און דער עלטערער זוהן האָט נאָך ביער געשיקט, און אַ צוויי לאַנדסלייט זיינען אויך אריינגעקומען, האָט מען זיך דערמאָהנט פון דער היים, פון קליינעם שטעדטעל, און דערצעהלט מעשיות, און אָנגערופען פערגאַנ־גענע נעמען פון אַ „מאיר מלמד“, „שלמה וואסערטרעגער“ — און די אַלטע אידענע האָט פון צייט צו צייט געקרעכצט „יואל“.

אזוי האָט דאָס שטיבעל געלעבט פון זונטאג צו זונטאג.

איז אָבער געקומען, און דער אינגערער זוהן יצחק האָט אויך געוואָלט חתונה האָבען. און ניט קיין וואונדער, שוין אויך אונטער־געוואקסען, און מיט אַ מיידעל געגאַנגען אַ פּאָאר יאָהר. באַלד אריינ־נעהמען די מאַמע צו זיך, קען ער ניט. אזאַ טראָבעל, און קיין פער־דיענער איז ער אויך ניט קיין גרויסער, און „סלעק“ מאַכט זיך אויך — און גלאַט אזוי — ווי האַלט מען אַ מאַמען באַלד נאָך דער חתונה — אַ יונג ווייבעל. און דער עלטערער זאָגט אויך דאָס זעלבע: „ענג אין די רומס“, און פון די טעכטער איז דאָך אָבגערעדט, שלעפּט מען זיך אָב פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך, און יעדען זונטאג רעדט מען דעריבער. און די מאַמע פיהלט זיך שוואך. מילא דער ווינטער, ווי דער ווינטער, אָבער די זומערס אין ניו יאָרק האָבען פון איהר אַ תל געמאַכט. און דער אינגערער זוהן קען ניט אויפהאַלטען דאָס „הויז“ אליין, און חתונה האָבען וויל ער.

און פון דער היים שרייבט מען, אַז דעם עלטערן ברודער געהט עס ניט שלעכט, און גלאַט אַן אַלטע אידענע וועט זיך אין דער היים בעסער פיהלען, איהרע היימיישע מענשען, און דער מאַן, איהר „יואל“ ליעגט דאָרט... און וואָס דאַרף מען אין דער היים? אַ קליין

שטוב ארויסגעהן. נור געלויבט צו גאָט דערפאַר. אבי פּטור געוואָרען. און מיט די אינגערע האָט זיך אויך באַלד עפּעס געמאַכט. א גאַליציאַנער, א גאַנץ פיינער מענש, פון זעהר אַן אָרענטליכען טאַטע'ן א פרומען איד. געלויבט איז גאָט, האָט שויןביידע טעכטער ארויסגע'פּטר'ט פון שטוב, און מיט די יונגען איז פערזאָרגט.

נור, אז זי האָט די מוידען ארויסגע'פּטר'ט פון שטוב, איז די פּרנסה אין שטוב קלענער געוואָרען. דיביידע יונגען האָבען אויסגעהאַלטען די שטוב. פּופּצעהן טאָלער א מאָנאַט רענט און „געז“, איז אביסעל שווערליך געווען, האָט דער עלטערער באַי געוואָלט זיינס א פריינד זאָל אריינמופען אַלס „באָרדער“, האָט דער אינגערער ניט געוואָלט, און די טעכטער האָבען אויך ניט געלאָזט, די מאַמע זאָל נאָך ארבייטען אויף פרעמדע... געזאָגט האָבען זיי — נור געלד געבען האָבען זיי ניט גענעבען. די אינגערע נאָך די חתונה האָט נאָך אמאָל אונטערגעשטעקט די מאמען א טאָלער און צוויי, אבער נאָכ'ן ערשטען קינד — האָט זי ניט געקענט. די מאַמע האָט נאָך גערארפט אָבשפּאָרען און דער עלטערער טאָכטער, וועלכע האָט שוין געשוואַנגערט מיט'ן צווייטען קינד — אונטערשטעקען. נור דאָס איז נאָך גאָר ניט געווען. דער עלטערער יונג, ברוך'ל, וויל חתונה האָבען (שוין צייט געווען, אַן אכט און צוואַנציגער), און ער האָט טאַקע חתונה געהאַט, און ארויסגעמופט פון שטוב. איז די גאַנצע שטוב געפאַלען אויף יצחק'ן, דעם אינגערען.

טאַקע מען האָט געמופט אין קלענערע רומס, נור צוועלף טאָלער מוז מען צאָהלען און „געז“ אויך, און א מאַמען אויפצוהאַלטען אויך, — האָבען די קינדער זיך צוזאַמענגענומען אמאָל, און גע'טענה'ט: „א מאַמע קען אויסהאַלטען צעהן קינדער, און צעהן קינדער קענען ניט אויסהאַלטען איין מאַמען“ — האָבען אָבגעמאַכט, יעדער זאָל עפּעס געבען. ברוך'ל האָט געגעבען א דאָלאַר א וואָך, ביידע טעכטער אויך א דאָלאַר, און „הויז“ זאָל בלייבען „הויז“.

איין טאָכטער האָט געוואוינט דאון־טאַון, די צווייטע אפּ־טאַון, דער זוהן גאָר אין די בראָנקס. נור זונטאַג נאַכמיטאַג זיינען זיך אלע מיט די מענער און די קינדער צוזאַמענגעקומען אין „הויז“, פערבראַכט מיט דער מאַמען א פּאָאר שטונדען. די באָבע האָט זיך געפרעהט מיט די אייניקלעך, נור זי האָט זיי ניט פערשטאַנען, זיי האָבען גערעדט

און ניט געוואָלט איין מינוט אָבטרעטען פון ווינקעל און צו אַלעס זיך איינגעהאָרכט וואָס ער רעדט מיט די טעכטער. איין מינוט זיי ניט אַליין געלאָזט.

מילא, זי האָט זיך שוין צו אַלעס צוגעוועהנט. שבת אין דער פריה הויבט זי זיך אויף און וועקט די קינדער אויף. זי הויבט זיך אויף און נעהמט דעם סדור און געהט אין שוהל אַריין דאַווענען. די קינדער אָבער נעהמען דעם אָנבייסען און — אין שאַפּ אַריין אַרבייטען. פיעל מאָל האָט זי זיך געזאָגט: „וואָלט איך מיר דאָס געקענט אין דער היים פאָרשטעלען, אַז שרה־לאה, ר׳ יואל׳ס ווייב, וועט זעהן ווי איהרע קינדער געהען שבת אַרבייטען!“ נור צו צרות געוועהנט מען זיך צו, — האָט זי אין שוהל, ביים סדור, איהר ביטער האַרץ אויסגעגאָסען, און פאַר די קינדער געבעטען, און מן הסתם רוהט יואל אין קבר אויך ניט. נור פאַר איינס האָט זי מורא געהאַט, מורא געהאַט ווי פאַר דעם טויט, ווי פאַר אַ מגפה, — דאָס איז דאָס, וואָס מאַכט זיך אין די גרויסע שטעדט מיט מיידלעך. ערוואַקסענע מיידלעך, אַ גאַנצען טאָג ניט אונטער די מאַמע׳ס אויג, און אַמעריקאַ איז אַ פרייע לאַנד... האָט זי נאָכגעשפיערט, און נאָכגעשפיערט. און אַז עס איז געקומען אַ זונטאָג און די מיידלעך זיינען אין גאַס אַרויס שפּאַצירען — האָט זי זיך ניט געפוילט און נאָכגעגאַנגען, נאָכגעגאַנגען פון דער ווייטענס. און עס האָט זיך אַמאָל שוין געטראָפען, זי האָט אַ באָי אויסגעפּאַטשט אין מיטען דער גאַס, ווען ער איז געגאַנגען מיט די טעכטער, און די מיידלעך אַהיים געשלעפּט. אַ געלעכטער איז אין גאַס געוואָרען. אַן אַלט־מאָדישע אידענע, זי איז אַ „גרינע“, אַמעריקאַ איז אַ פרייע לאַנד... דאָ גיבען די קינדער די מאַמעס צו עסען... ברייגגען די „ווייִדזשעס“ אַהיים. נור „ווייִדזשעס“ אַהין, „ווייִדזשעס“ אַהער, — און מיט קיין באָיעס וועט זי זיי ניט לאָזען געהן. אַן אַלט־מאָדישע אידענע.

נור לאַנג דאָס האַרץ האָט זי זיך ניט געהאַט וואָס אָבצועסען. מיט! די עלטערע האָט זיך באַלד געמאַכט אַ היימישער שדוך, אַ לאַנדסמאַן,' גאָר אַ גליק. ער — אַ פערדיענער, זי — אַ פערדיענערקע. נאָך דער חתונה — האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז עס איז ניט געוועזן אַזוי אײַ־אײַ. קוים האָט זי אָנגעהייבען צו שוואַנגערען, און האָט ניט געקענט געהן אַרבייטען — האָט געפעהלט אַ האַלבע פרנסה, און נאָכ׳ן ערשטען קינד האָבען, — איז פון איהר גאָר אַ תל געוואָרען. ניט געקענט פון

נדן איז ניט אָנגענומען. די אידענע האָט זיך עס געלייגט אויפ'ן שכל, און וואָס טאַקע וועט זיין דער סוף? בלייבען זיצען אַלטע מוידען ביז אין גראָהען צאָפּ אריין?

אָבער פאָהרען, ווי אזוי? — טאַקע די קינדער שרייבען, זיי האָבען ארויסגעשיקט צוויי שיפּס־קאַרטען (האָבען גענומען אויף אויסצאָהלען) מיט א פּאָאר טאָלער אויף הוצאות, — אָבער וועט זי לאָזען צוויי ערוואַקסענע מיידלעך פאָהרען אליין אין דער וועלט אריין, אין א פרעמדען מקום? שכנים טענה'ן: א וועלט מיט מענשען פאָהרען, זיי וועלען ניט פערפאַלען ווערען, — אָבער וואָס איז זי חיים'קע שניי־דער'ס ווייב, וואָס וועט לאָזען אליין ערוואַקסענע מיידלעך אין דער וועלט אריין? איהר מאַן איז דאָך געווען יואל זשאַבלינער. „זי וועט זיך איינשטעלען דאָס לעבען" און וועט מיטפאָהרען, קינדער וועט זי ניט אליין לאָזען, און דאָרט, אין אמעריקא, — ערוואַקסענע מיידלעך אָהן א טאַטען און אָהן א מאַמען, שעהנע לייט קען דערפון ווערען?

אַן אויסגעגעבענעם זוהן מיט אַן אויסגעגעבענע טאָכטער האָט זי שוין אין שטעדטעל געהאַט, די איינציקלעך ליעב געהאַט א געוואַלד, — אָבער פערפאַלען, זי וועט די קינדער ניט לאָזען אליין פאָהרען, און עס האָט נאָך ניט געהאָלפען. די אינגלעך פון אמעריקא האָבען געמוזט צושיקען נאָך א טיקעט פאַר די מאַמע'ן. זי האָט דאָס געוועלבעל איבער־געגעבען דעם אויסגעגעבענעם זוהן, איז געגאַנגען מיט די טעכטער אויפ'ן בית־עולם געזעגענען זיך מיט יואל'ן.

אַראָבגעקומען קיין אמעריקא, האָט מען זיך געדונגען א דירה, און די קינדער האָבען געוואוינט ביי די מאַמע. די מיידלעך האָבען באַלד אָנגעהויבען צו פערדיענען, און „העטס" זיך געקויפט. די מאַמע האָט געפיהרט דאָס בעל־הבתיש'קייט אויפ'ן אַלטען שטייגער, ווי אין דער היים. פרייטאַג־צו־נאַכטס האָט ברוך'ל, דער עלטערער זוהן, קדוש געמאַכט, און כאָטש אמעריקא איז א פרייע לאַנד און דאַ האָבען עלטערען איבער קינדער גאָר ניט צו זאָגען, דאָך האָט שרה־לאה ניט גערוהט. מילא די אינגלעך זיינען אינגלעך, נאָר די מיידלעך האָט זי געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. א האַלבע שעה שפּעטער אהיים געקומען פון שאַפּ — די אידענע האָט ניט גערוהט, אויסגעפרעגט, וואו און ווען ביזטו געוועזן? און אז א יונגער באַי איז אין שטוב אריינגעקומען, — האָט זי זיך אָנגעקוועטשט אין א ווינקעל און האָט איהם גוט בעטראַכט,

# אַ צופיהרטע הויז

שרה־לאה האָט אין איינעם מיט איהרע קינדער, ערוואַקסענע מיידלעך, די היימאַטה פערלאָזט און קיין אַמעריקאַ אַראָבגעקומען.

אין דער היים איז זי טאַקע געווען אַ שעהנע בעל־הבית'טע, אַמאָל געהאַט אַן אייגענע מויער, נור בעל־הבית'טע אַהין, בעל־הבית'טע אַהער, דאָך אַז עס איז געקומען צו אַ שדוך טהאָן האָט מען נדן געוואָלט. און די בחורים'לעך זיינען אויך אונטערגעוואַקסען, אין חדר ביים מלמד האָט זי זיי ניט געקענט מעהר האַלטען. ניט געווען פון וואַנען. דאָס גוי'אישקע קרעמעל, וואָס דעם גלח'ס מוטער האָט זיך אין געסעל אויפגעמאַכט געגענאיבער איהר'ס, האָט איהר אַלע קונים צוגענומען. דעם גלח'ס מוטער — זיינען אַלע פויערים אַהין געגאַנגען. איהרע עלטערע צוויי אינגלעך זיינען אַוועק פריהער נאָך לאָדז — פון דאָרט האָבען זיי די מאַמע'ן אַ בריוועל געשריבען: „ליעבע מאַמע, בלייב געזונד, מיר פאָהרען אַריבער קיין אַמעריקאַ צום „פעטער בענ־דעד". דער „פעטער בענדעד" — איהר געשטאָרבענעם מאַן'ס אַ ברודער — איז שוין געהאַט אַוועק אַ צייט מיט יאָהרען. האָט טיילמאָל אַ בריוועל געשריבען, טיילמאָל אויף אַ יום־טוב אַ פּאָר דאָלאַר געשיקט — האָבען די קינדער שטענדיג גערעדט פון „פעטער בענדעד" אין אַמעריקאַ. אַבי וואָס, האָט מען די מאַמע'ן געסטראַשעט: „איך וועל אַוועק צום פעטער אין אַמעריקאַ" — ביז זיי האָבען טאַקע גענומען און געפאָהרען.

צוערשט האָט זי זיי בעוויינט, ווי מען בעוויינט אַ טויטען — ביז צום ערשטען בריוועל. אויף פסח האָבען זיי די ערשטע פּאָר רובעל אַהיים געשיקט, אין געשריעבען, אַז פאַר רחלה'ן און דבורה'לען — זייערע שוועסטער — איז דאָ אַ לעבען, אַז פאַר מיידלעך איז דאָ אַ בעסער אָרט ווי פאַר בחורים, אַז מיידלעך פערדיענען דאָ פיעל מעהר — און אַ שדוך קען זיך אויך פלינקער מאַכען דאָ ווי אין דער היים.

לוציאָנס־טעג. די מאַסען האָבען אין די גאַסען מאַניפעסטירט מיט רויטע פאָהנען. האָבען זיי די קינדער נאָכגעמאַכט. אין אַן ענגע, שמוציגע אידישע גאַס האָבען זיך צוזאַמענגענומען אַ סך קינדער. די בעקלעך דאַר, בלייך, קיין איין טראָפּען בלוט ניט, אויסגעדאַרט פון די פייכטע קעלערס, מיט די דינינקע קראַנקע ביינדעלעך, פעררשפּיעטע אויגעלעך, וואָס דאָס האָט קיינמאָל קיין זונען־ליכט פון זיין וויעגעלע נישט געזעהן, אין צוריסענע הויזעלעך מיט די תחתונים אַרויס, האָט זיך דאָס צוזאַ־מענגענומען, איינס איז געגאַנגען פאָראויס און האָט געהאַלטען אַ רויט שטיקעל שמאַטקעלע אין די הענד, און מיט אַ פערכריפּעט קול פון שקאַרלאַנטין־קראַנקהייט, האָט דאָס געשריען:

— רעוואָלוציע, רעוואָלוציע, מיר מאַכען די רעוואָלוציע.

איך בין דאַן צוגעגאַנגען צו די קינדער, און האָב זיי אָנגענומען:

— קומט מאַניפעסטירען, אָבער ניט מיט דעם רויטען שמאַטקעלע, וואָס איהר האַלט אין האַנד, נור מיט אייערע דאַרע ביינדלעך, — אייערע מוטערס האָבען אייך ניט געגעבען זייערע מילך צום טרינקען, וואָס איז געווען אין זייערע בריסטען פון גאָט פאַר אייך בעשערט, האָבען פער־קויפט אייער קינדישע נאַהרונג צו פרעמדע קינדער, קומט — מאַניפעס־טירען, מיט אייערע פעררשפּיעטע אויגעלעך, וואָס מען האָט פון אייך די זונען־שטראַהלען גערויבט, וואָס איז פון גאָט פאַר אַלע בעשעפעני־שען בעשערט — קומט מאַניפעסטירען, מיט אייך —

אָ, עס איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט געמאַכט דער־ציטערען.

און האָט אויסגערופען, „יאַ ווער וואַש סטאָרי דאַווידאָוו" (איך בין דאָך אייער אַלטער דאַווידאָוו), און די קינדער האָבען זיך אַזוי דערפרעהט, זייער שמחה איז מיט טרעהרען אויסגעבראָכען, דאָס די מעשה איז נישט וואהר.

שפּעטער האָב איך געזעהן די קינדער אין דעם סקוועער פון די „פושקינסקאַיאַ אוליצאַ", וואו פושקין'ס דענקמאַל שטעהט. די קינדער האָבען זיך אַרומגעשטיפּט אין גאָרטען, און געלערענט זיך זיינע געדיכטע אויף אויסענווענינג, וואָס מען האָט זיי אין דער שוהל אויפגעגעבען. איין אינגעל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף פושקין'ס אַקסלען רייטענדיג און האָט זיך פון זיין ביכעל געלערענט פושקין'ס „פּטיצאַ", און אַז ער האָט ניט געדענקט ווי עס געהט ווייטער, האָט ער פושקין'ען אין די נאָז געשנעלט.

— פושקין, סקאַזשי דאַליע ! (פושקין, זאָג ווייטער).

דאָס זעלבע האָב איך אויך געזעהן, ווען איך בין געוועזען אין אַמסטערדאַם. אין אַ קינדער־גאָרטען שטעהט רעמבראַנדט'ס דענקמאַל. די קינדער קומען צו־געהן, אויף זייערע שירצלעך איז אויסגעמאָלט רעמבראַנדט'ס בילדער „די נאַכט־וועכטער", און שפּיעלען זיך מיט איהם.

אַז דער דיכטער שטאַרבט ווערט ער נאָך אַמאָל געבוירען אין יעדען קינד'ס פאַנטאַזיע, אין יעדען קינד'ס לעבען.

דאָס זעלבע האָב איך אויך געזעהן דאָ אין ניו יאָרק, ביים לעצטען וואַשינגטאָן־פעסט אויף יענער זייט וויליאַמסבורג בריק. וואַשינגטאָן'ס דענקמאַל איז געוועזען בעפלאַגט מיט'ן אַמעריקאַנישען פאָהן. קינדער זיינען געשטאַנען אַרום דעם דענקמאַל, און זיינען געקראָכען אויף די לייטער, וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט ביים דענקמאַל דעקאָראַציאָנען אָנצוהענגען. איינער פון די קינדער האָט זיך גאָר אַרויפגעכאַפּט, כאַפּט זיך אָן ביים עק פון וואַשינגטאָן'ס פערד און רייט מיט.

ווי וואָלט איך געוואָלט זעהן אויף די איסט סייד, אין דעם סוארד פּאַרק אַ דענקמאַל פון אַ אידישען דיכטער, וועמעס געדיכטע די אידישע קינדער זאָלען אין סקול לערנען, און דערנאָך קומען אַרומרייטען אויף זיינע פּלייצעס און זיינע געדיכטע לערנען אויף אויסענווענינג.

אָבער ביי אונז ? ביי אונז דאָרט אין דער היים —

וואַרט ! איך דער־מאָן מיך אַ בילד. עס איז געוועזען אין די רעוואָ־

דעם שאפּ, וועלכע איהר גיט אוועק די גאַנצע טעג פון אייער לעבען — איז דאָ נאָך עפּעס אַנדערעס: פריהלינג, זון און קינדהייט.

ניין, ניין, עס איז מיר ניט קיין אונטערשיעד, וואָס וועט אויס אייך ווערען. היינט זייט איהר קינדער, היינט זייט איהר שעהן און יונג.

איך בין אַמאָל אין פּעטערסבורג אויף אַ קינדער־פאָרשטעלונג געווען, וואָס מען האָט געגעבען אַ זונטאג נאכמיטאג פאַר אַ שולע, וועלכע ציהט אויף טשינאָווניקעס. מיין חבר, אַ רוסישער שריפט־שטעלער, וועלכער איז געזעסען נעבען מיר (מיר האָבען זיך צופעליג געפונען אויף דער פאָרשטעלונג) האָט מיר געוויזען אויף דעם קינדער־געפּאַקטען אַלעקסאַנדראָווסקי טהעאטער און זאָגט: „אָט דאָס זיינען די צוקינפטיגע בלוט־זויגער פון גאַנץ רוסלאַנד. מען וועט דאָס דערנאָך איבער אַלע פּראָווינצען צושיקען, און דאָס וועט דאָרט פון דעם אָרימען פויער און אידען זיין מארך אויסטרינקען.“ איך האָב ניט געהערט זיינע ווערטער, אין מיינע אויערען האָט אָבגעקלונגען זייער לאַכען און הענד־קלאַטשען, וואָס האָט זיך געגאָסען פון אַלע פּלעצער און גאַלערעען ווי ריינעס קוואַל־וואַסער. מען האָט געשפּיעלט אָסט־ראָווסקי'ס אַ זאַך, ווי אַ רייכער רוסישער קופּעץ שדכנ'ט זיך צו אַ בעל־בתי'שע מיידעל, וועלכע האָט אַ געליעבטען. דער פאָטער צווינגט זי, אַז זי זאָל חתונה האָבען מיט דעם אַלטען רייכען קופּעץ און פערלאָ־זען איהר יונגען, אָבער אָרעמען געליעבטען. גאָט! ווי האָט די נאַאיווי־טעט געווירקט אויף די קינדער. זייערע הערצער זיינען געווען ווי די זונן אונבעפלעקט. די מיידלעך האָבען אין דער שטיל טרעהרען פערגאָ־סען, און די אינגלעך האָבען די ליפּען געביסען. איינער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון די גאַלערעע און האָט אַראָבגעשריען: „טי סטאַרי דוראַק“! (דו אַלטער נאַר!). אַז איך בין צווישען די אַקטען אין דאַווידאָוו'ס גאַרדעראָב געווען, האָט ער געהאַט אַ קאַמפּף מיט דעם רעזשיסאָר. ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגעהן שפּיעלען די ראָלע ווייטער פאַר די קינדער. „די קינדער האָבען מיך פיינד“ — האָט ער געזאָגט. און צום סוף אַקט טאַקע, אַז די טראַגעדיע האָט דערגרייכט צום שטאַרק־סטען, אַז די קינדער האָבען פּשוט פון די גאַלערעע אַראָבגעשריען, האָט דער אַלטער דאַווידאָוו זיך ניט געקענט איינהאַלטען. ער האָט אַראָבגעריסען פון זיך די מאַסקע און געוויזען זיין אַלט גוט געזיכט,

איך וויל מיך בּאַדען אין אייער קינדיש לאַבען, איך ווער אינגער, איך ווער אינגער.

און איך בענקֿ דאָן אַמעריקאַ. אַמעריקאַ, וואָס איז געוואָרען די היימאַטה פון די קינדער, ניט פון די עלטערן. זעה — זייערע עלטערן דרעהען זיך אַרום אין דעם זעלבען סקווער, אויף יענער זייט אייזערנעם פּלויט, וואו די קינדער שפּיעלען זיך, און טראָגען זייערע הענד אויף דעם מאַרק צו פערקויפען, — אבער די קינדער לעבען דאָ אויס זייער קינדישעס לעבען מיט די גאַנצע פרייהייט פון זייער יוגענד. און, אַז איך זעה זיי, דערמאָהן איך מיך אָן זייערע קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך דאָרט אין דער היים — אין די קליינע פּוילישע און רוסישע שטעדטלעך, וועלכע שטיקען זיך אין דער שלעכטער לופט פון די קליינע ענגע חדרים'לעך, און די שמוציגע רבי'ס שטעהען פאַר זיי מיט די קאַנטשיקעס אין די הענד, און פון קליינערהייט אָן רויבט מען פון זיי אוועק דאָס ביסעלע פרייהייט, לופט, ליכט, וואָס די גוטע ליעבע זון שענקט אונזער ערד־קוגעל, צו ערפרעהען יעדעס בעשעפעניש און יעדעס וואַקסענדע וואָס איז אויף איהר.

אַמאָל בין איך אויף עסעקס סטריט געגאַנגען. איך זעה דריי קליינע בני יעקב'לעך, אונזערע אידישע אויסגעדאַרטע פּנים'לעך מיט די כשר'ע אידישע אויגען שטעהען ביי אַ פּאָליסמאַן און נעהמען איהם אָן ביים שטעקען, וואָס ער האַלט אין די הענד, און שטיפען מיט איהם אַרום. איך האָב מיך דערמאָהנט אָן אונזערע קינדער אין דער היים, וועלכע מען סטראַשעט מיט דעם קאָזאַק און מיט דער נאַגייקע — און דער פּאָליסמאַן פון עססעקס סטריט איז דאָך איינער פון די אַמעריקאַ־נער קאָזאַקען. און, זעה, אידישע בני־יעקב'לעך שפּיעלען זיך גאָר מיט דעם קאָזאַק'ס נאַגייקע!

איך ווייס ניט, וואָס עס וועט אויס זיי ווערען — ווען זיי וועלען גרויס ווערען; וויפיעל קרעפטען גוטע און שלעכטע ליעגען פערבאָרגען צווישען די קליינע מענשעלעך, וועלכע מאַכען פרעהליך און היימיש די טונקעלע שוואַרצע גאַסען פון דעם אייזערנעם קאַסטען — ניו יאָרק, וואו די לייטערס פון די עלעווייטעדס פערשטעלען פון אייערע אויגען דעם הימעל און זיין ליכט. דאָס זיינען דאָך די איינציגע שוואַלבען אין דער גאַס, וועלכע קלאַפּען מיט זייערע פּליעגלען, און זאָגען איך אָן מיט זייער לאַכען און פרייד, אַז אויסער אייער ביזנעס, אויסער

קיין זאַך מאַכט מיך ניט אַזוי היימיש און אָנגעבונדען צו אַן אָרט, ווי דער שעהנער זונען־טאָג און דאָס קינדער־שפּיעל אויף דער גאַס. אָפּטמאָל דרעה איך זיך אַרום איבער די גאַסען פון ניו יאָרק און האָב דאָס געפיהל אַזוי ווי איך בין אַ פרעמדע פלאַנצונג, וואָס איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין אַ פרעמדען קלימאַט. און אַ טיעפע בענקעניש נעהמט מיך אָן צוריק אהיים, צו דער אַלטער פּערוויסטער רוסלאַנד, נאָך וואַרשאָ, צו מיינע אַלטע פריינד, צו מיינע אַלטע בעקאַנטע. און איך פרעג מיך אַליין ; צו וואָס און ווען ? וואָס טהו איך דאָ ? איך געה אַראָב צום ברעג פון ים אין באַטערי פּאַרק און קוק ווייט, ווייט אין ים אריין, און זעה די ווייסע כמארעס, וואָס ליעגען אין דעם שטח, און פערהילען פון מיר דאָס אָפענע הארץ פון ים, און טראַכט מיר : „ווען וועט מיך די שיף, וואָס האָט מיך אהער געבראַכט צו דעם ברעג, אַוועקפיהרען פון דעם ברעג“ — נור קוים שיינט די זון איבער דעם ניו יאָרקער הימעל, און דער פריהלינגס־דופט, וועלכער שטיקט זיך דאָ צווישען די הימעל־קראַצערס, פּאַכערט איבער מיין פּנים, אָדער ווען איך זעה די קינדער, די פרייע אַמעריקאַנער קינדער, אין די גאַסען זיך שפּיעלען, און זייער יונגעס לאַכען קלינגט אָב צווישען דעם ליאַרם פון די עלעוויטעדס — ווער איך היימיש און אָנגעבונדען צום אָרט, און ס׳ווילט זיך מיר נעהמען דעם שטעקען אין האַנד אריין — און געהן, און געהן ווייט איבער׳ן לאַנד. אָדער ווען איך בין אויף איסט בראָדוויי, אין די צוועלפטע שטונדע מיטאָגס, און איך זעה די כוואַליעס קינדער לאָזען זיך אַרויס פון די סקולס, וואָס זיינען ביי דעם אויסגעטריקענטען סקווער אין די אידישע איסט בראָדוויי, און איך הער זייער קינדערש לאַכען, וואָס קלינגט אָב ווי דאָס גיסען זיך פון קלאָרעס וואַסער אין שטיינער־קוואַלען, — נעהמט מיך אָן אַן אינערליכע פרייד, און איך האָב דאָס געפיהל ווי דער פריה־לינג לייכט אויף אין מיין הײמאַטהס־לאַנד, און איך בין גליקליך, און לאָז מיך אריין צווישען די קינדער, וואָס פילען אָן מיט זייער יוגענד און פרייד דעם אָרימען אידישען סקווער, און בעהעלען זיין טונקעלען טרוקענעם באָדען, זיין שמוציגע ווינטער־ערד, בעלעבען די אויסגעטרי־קענטע פּאָאר בוימעלעך, וואָס שטעהען דאָרט, און אַרום און אַרום קלינגט אָב די יוגענד פון פריהלינג, די פרייד פון פריהלינג, און איך בין צווישען זיי... אָ, קינדער, בעגיסט מיך אויך מיט אייער פרייד,

# קינדער

איך בין אמאָל מיט מיין פריינד נאָמבערג, דעם אידישען שריפט־שטעלער, אין א קליין דייטשע שטעדטעל געװען. קיינע בעקאַנטע האָבען מיר דאָרט ניט געהאַט, און קיינער האָט אונז ניט געקענט. פערלאָזט און עלענד געשטימט האָבען מיר דאָרט אין דער קליינער שטעדטעל, אויף א פרעמדער ערד, אונטער א פרעמדען הימעל, צווישען פרעמדע מענשען זיך ארומגעדרעהט, און מיר האָבען געבענקט אהיים. אמאָל, אין א שעהנעם פריהמאָרגען, קום איך צו מיין פריינד, איך געפין איהם פאר דער טהיר, שטראַהלענדיג פאר נחת, אין דער האַנד „א שטרויסכען פיילכען", און זינגט א דייטשעס קינדער־ליעד.

— גוטען טאג, מיין העדר! — בעגריסט ער מיך, נייגענדיג זיך פאר מיר מיט רעספעקט.

— וואָס איז מיט דיר די שמחה?

— דאָס קינד פון מיין שכן, די זיעבען־יאהריגע, בלאָנד־האָריגע לואיזע, האָט מיך היינט בעגעגענט אויף דער שוועל פון מיין טהיר, האָט מיר „א שטרויסכען פיילכען" איבערגעגעבען און האָט מיר „גוטען טאָג" געזאָגט.

דאָס איז דער איינציגער מענש וואָס גריסט מיך, אין דער פרעמדער שטאָדט, מאַכט ניט קיין אונטערשיעד אויב איך בין א היגער אָדער א פרעמדער, און היינט, דעם ערשטען פריהלינגס־טאָג, האָט זי מיר דאָס „שטרויסכען פיילכען" איבערגעגעבען, און האָט מיך דאָס קינדער־ליעד אויסגעלערנט.

און דער יונג איז פרעהליך געװען א גאַנצען טאָג, און ווען מיר האָבען אויף דעם וועג בעגעגענט, האָט ער בעגריסט:

— גוטען טאג, מיין העדר!

דאָס זעלבע איז אויך מיט מיר.

— מיר וואוינען דאָך עפּעס אין קאָלומבוס לאַנד, אַז אויסגעריסען האָט ער געדאַרפט ווערען דער קאָלומבוס אין גאַנצען מיט זיין „לעדע פאָרס“. דאָ שלאָגט מען ניט, ברודער, דאָ לאַכט מען.

— ווי הייסט?

— איך האָב איהר אַמאָל געגעבען אַ זעץ אין קאָפּ אַריין, שטעל דיר פאָר, האָבען זיי דאָך מיך גענומען און איינגעזעצט.

— „דאָ שלאָגט מען ניט“ — מאַכט צו מיר דער שופט — „נו, זאָג איך, געהט איהר וואוינען, שופט לעבען, מיט דער מרשעת און ווייזט מיר אַ קונץ און שלאָגט זי ניט.“ ווייסט, זיי האָבען מיך אָב־געהאַלטען פיער וואָכען, קוים מיט צרות, דער יונג האָט מיך ארויס־גענומען. נו, אַז מען טאָר ניט שלאָגען — שלאָג איך ניט. זאָלסטו זעהן אַ לעבען, זאָלסטו זעהען ווי איך קום דורך מיינע פאָאר טעג. איך בין דאָך שוין באַלד משוגע, איך וועל יונגערהייט אין דר׳ערד אַריין געהן צוליעב איהר.

— וואָס, זי דריקט דיר אָב די גאַל?

— אָבער נאָך ווי! קומסט דיר אַהיים פון דער ארבייט, דאָס עסען איז ניט אָבגעקאָכט. „פאַר וואָס האָסטו ניט אָבגעקאָכט דאָס עסען?“ „יענקעל בענקערט, ענטפערט זי מיר, האָסט געדאַרפט אַ מיתה משונה איינגעהמען בעפאָר איך האָב דיך דערקענט“. „פאַרוואָס האָסטו ניט אָבגעקאָכט דאָס עסען?“ „יענקעלע בענקערט, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיינע יונגע יאָהר? פאַרוואָס האָסטו מיך אונ־גליקליך געמאַכט?“ ענטפערט זי מיר. „פאַרוואָס האָסטו ניט אָב־געקאָכט דאָס עסען?“ „יענקעלע בענקערט, האָסט געדאַרפט די פיס צוברעכען בעפאָר איך האָב דיך בעגעגענט.“ — דו הערסט אַן ענטפער? איך בין הונגעריג, קום אַהיים פון דער ארבייט, און זי האָט פרעטענ־זיעס צו מיר פון פאַר פינף און דרייסיג יאָהר!

— און וואָס טהוסט דו?

— איך לאַך, ברודער, די גאַל ווערט דיר צוזעצט און איך לאַך. איך וואָלט איהר אָנגענומען דאָס דינע העלזעל און וואָלט עס איהר אַזוי אַרונטערגעדרעהט; איך, איך לאַך, איך שמייכעל, די גאַל צוגעהט דיר, אַז די „כאָלערע“ נעהמט דיך, — און איך לאַך. האָסט עפּעס אַנאַנדער עצה? אדרבה, זאָג.

רב געגאַנגען זיך גט'ן, זיינען די טעכטער אַנגעקומען אין בית־המדרש אריין מיט א געוויין און א געשריי:

— געוואלד, דער טאַטע וויל זיך גט'ן מיט דער מאַמע!

זיינען די זיהן געקומען צו לויפען:

— טאַטע, אהיים געה!

און דער רב האָט צוגערעדט צו שלום.

און יאנקעל האָט געשריען:

— אוי, רבי, א מרשעת! אוי א מרשעת!

און דאָס פּאָר פאָלק איז ווידער אהיים געגאַנגען לעבען.

אמאָל, אין א שעהנעם פריהמאָרגען כאַפּען מיר זיך אויף, און מיר ווערען געוואָהר, אז הינדעלע איז איבערגעבליעבען אן עגונה. יאנקעל האָט צוגענומען ביינאַכט א פּאָאר העמדער און איז אוועק קיין אמעריקא.

פון דענסטמאָל האָב איך איהם ניט געזעהן.

יעצט אויף דער פינפטער סטריט בעגעגען איך איהם ווידער, דער זעלבער יאנקעל מיט דעם שמייכעל אויפ'ן פּנים, נור די באָרד האָט ער געשוירען און קנייטשען, קנייטשען ארום די אויגען, — פון אַלט־קייט, זאָג איך, — פון דער „מרשעת“, זאָגט ער. נור דאָס בעקערנע פּאַפּיער־היטעל האָט ער ניט אויפ'ן קאָפּ און דאָס פּנים איז ניט מיט מעהל איינגעשמירט. ער בעריטעלט זיך שוין ניט מעהר.

— און ווי געהט? — פרעג איך.

— געהען געהט עס שוין איינמאָל גוט, נור די „מרשעת“.

— ווי הייסט?

— דער יונג האָט איהר געשיקט א שיפסקאַרט און האָט זי מיר אהער געבראַכט, דאָ אהער.

— און וואָס טהוסט דו?

— גאָר ניט, איך לאַך, — גיט ער א שמייכעל, און גיט א מאַך א גרימאַסע ווי ער וואָלט א פראָש אראָבגעשלונגען.

— ווי הייסט?

— גאָרניט. איך וואוין דאָך דאָ מיט איהר. זאָלסט דו זעהן א לעבען!

— וואָס, איהר שלאָגט זיך ווידער ארום?

— ווער שלאָגען, וואָס שלאָגען, דאָ איז דאָך עפּעס „לעדע פּאַרס“

וואָרום אַ מיאוס'ע נאַטור האָט ער געהאַט, דער יאַנקעל לעקעך־בעקער פון דער היים אויס. ער האָט זיך טאָג און נאַכט ארומגעשלאָגען מיט'ן ווייב. מען זאָגט טאַקע, ער האָט אַ ווייב אַ מרשעת, „רע הינדעלע“ האָט מען איהר אין געסעל אַ נאָמען געגעבען. געוועזען איז „דאָס“, געדענק איך, אַ קליינס, אַ דארס, מיט אַ מאָגער פּנים'ל און מיט שפּיציגע אויגען און מיט אַ שפּיציג נעזעל און אַ שפּיציג געמבעלע, און אַז עס האָט גערעדט האָט עס צוגעקוויטשעט מיט אַ דין שפּיציג קול'כעל און האָט געוואָרפען מיט די הענד, און די אויגעלעך זיינען תמיד געשטאַנען אויף איין אָרט — האָבען זיך קיינמאָל ניט בעוואויגען, און דארע בלאַסע ליפּעלעך האָט דאָס געהאַט, און קיינמאָל האָט מען דארויף קיין שמייכעלע ניט דערזעהן, און, אַז מיר אינגלעך זיינען געגאַנגען אין קעלער אריין לעקעך קויפען, האָט מען שטענדיג גאָט געבעטען, אַז מען זאָל יאַנקלען טרעפען — און ניט די הינדעלע. ווארום יאַנקעל איז געוועזען אַ גוטער איד מיט אַ שמייכעלע; מיט אַ פּאַפּיערען היטעלע אויפ'ן קאָפּ און מיט מעהל בעשמירט דאָס פּנים, האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ „פּורים־שפּיעלער“ און האָט שטענדיג געגעבען אַ שטיקעל לעקעך צו „פּאַר'ן וועג“ און האָט דערביי געשאָלטען דעם רבי, און האָט געמאַכט אזוי:

— געה ניט אין חדר אריין, שלום, וואָס טויג דיר דאָס חדר. האָב'ן אין דר'ערד דיין רבי'ן, דעם „פּראַנצאָל“.

און האָט מען אָבער געטראָפען „רע הינדעלען“, פלעגט זי אין דער שטיל, מיט שטילע טריט ווי אַ קאַץ, ארויסגעהן פון הינטער דעם פּאַר־הענגעל און האָט געקוקט אויף דיר מיט איהר געלע שפּיציגע אויגען, וועלכע האָבען זיך דיר ניט אַ ריהר געגעבען, אַז אַ קעלט איז דורך אין אַלע ביינער:

— וואָס ווילסט דו?

— פאַר אַ צווייער לעקעך־פּאַפּיער.

— ניטאָ.

און דו האָסט שוין ניט וואָס צו מאַכען און געהסט ארויס פון קעלער און שרייסט אראָב:

„רע הינדעלע מיט די קאַצען־אויגען“.

און מיט דער מרשעת האָט יאַנקעל אָבגעלעבט 35 יאָהר, און קינדער נאָך געהאַט, און יעדען מאָנטאַג און דאָנערשטאַג איז ער צום

# ער לאַכט

איך האָב איהם בעגעגענט אין גאַס, פון דערווייטענס האָב איך איהם שוין ערקענט, ער מיך אויך, מיר שטעהען אזוי איין מינוט און קוקען איינער אויפ'ן צווייטען, איך אויף איהם, ער אויף מיר: „איז עס יא דערזעלבער, איז עס ניט דערזעלבער", און מיט אמאָל געהען מיר צו איינער צום צווייטען מיט אויסגעשטרעקטע הענד:

— איך זאָל דיך אזוי לעבען! — מאַכט ער צו מיר — שלום! הע?

— איך זאָל דיך אזוי לעבען! — מאַך איך צו איהם — יאַנקעל לעקעך־בעקער! הע?

— האָסט דיך דאָך גאָר ניט געענדערט! — מאַכען מיר ביידע צוזאַמען, און ער מיך און איך איהם בעקוקען זיך פון קאָפּ ביז צו די פיס.

און איך ערקען איהם טאַקע, יאַנקעל, דערזעלבער יאַנקעל פון אונזער שטעדטעל, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן מאַרק און האָט לעקעך־בעקלעך פערקויפט, און וואָס יעדען נאָכ'ן אָנבייסען אז איך בין געגאַנגען אין חדר־אריין האָב איך ביי איהם געקויפט פאַר'ן „צווייער" וואָס די מאַמע האָט מיר געגעבען „לעקעך־פּאַפּיער". אָט געדענק איך דאָך נאָך איהם — ווי עס ווערט אַ געשריי אין געסעל, מען לויפט פון די הייזער, פון טהויער און טהירען מיט שרעק. ווייבער און מיכער איינגעהילט כאַפּען די קליינע קינדערלעך פון די וויגען, אידען אין די אונטערהויזען פון די בעטען און אַלע פרעגען מיט שרעק, און קוקען אין הימעל אריין: וואו ברענט? און באַלד געהט ווער דורך און שטילט איין דאָס געסעל: „שרייט ניט, לויפט ניט, דאָס שלאָגט שוין יאַנקעל ווידער אויס דאָס ווייב; דאָס שרייט שוין ווידער די יאַנקעלאַווע אויפ'ן קול". און אַ אידענע, אויף אַ שוועל פון אַ טהיר, שפּייט אויס דריי מאָל און רייבט זיך די הענד אָן וואַנד: געלויבט צו גאָט דערפאַר, אָבגעקומען מיט שרעק, — אָטהעמט די אידענע אָב — און וואָס האָט מיר גע'חלומ'ט די נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאהר זאָל אויסגעהן אויף זייערע קעפּ און אויף זייערע הענד און פיס. האָסטו געהערט אַ שרייען?!

ברודער׳ל. ציטערנדיג צוטהיילט זי דאָס ברויט צווישען די קינדער, היט איהר ברודער׳ל זאָל זיך ניט פון פענסטער ארויסבויגען. וויקעלט זיין דין, דאר קערפער׳ל אין טוך איין, אום עס זאָל זיך ניט פערקיהלען. און טיעף אין זיך איז בעהאַלטען איהר ליעבע צו די איהריגע.

זי איז אַ קינד פון איהר פאָלק. ביי אונז מוזען די קינדער רייף זיין. זי פיהלט די פליכט אויף זיך. און דאָס צווייטע שוועסטערל, דאָס דרייצעהן־יעהריגע, וויים שוין גאַנץ גוט, אז זי מוז זיין א דערוואקסענע; נור דאָס קליינע אינגעל מיט דעם דארען, דארען קערפערל און די גרויסע שווארצע אויגען, וואָס דאכט זיך קוטליטשען זיך צווישען די ביינער פון זיין פנים׳ל, איז ניט רוהיג, וויל דוקא שטעהען ביים פענסטער, און זיינע גרויסע אויגען קוקען ערנסט אויף די פעלדער.

לאָז איהם, מיידעלע, קוקען, אפשר וויל ער מיט זיך אין זיין לעבען מיטנעהמען דעם בליק פון די פעלדער, אויף וועלכע ער איז געבוירען געוואָרען, ערצויגען געוואָרען, און וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט ווידער זעהען.

נור אידען זיינען בני רחמנים. באלד ווערען די הערצער דער־ווארעמט איבער די קינדערלעך. די ווייבער ציהען פון זייערע קוישעלעך פרוכטען ארויס, עסענווארג, שאָקאָלאַד און טראָגען די קינדער אונטער, רעדען מיט זיי, טרייסטען זיי, און לערנען דאָס מיידעלע, ווי אַ מוטער צו זיין צו די קינדער. די אידען גיבען עצות — ווי זיי זאָלען זיך האַלטען, זאָלען מיט קיינעם ניט רעדען אויפ׳ן וועג, זאָלען זיך קיינעם ניט פערטרויען. נאָר דאָס מיידעלע וויל נור איין זאך וויסען — צי וועט מען זיי צום פאטער אין אמעריקא אריינלאָזען.

עס געהט צו אַ יונגערמאַן אין אַ קאַפעליוש׳ל, בעטראַכט די קינדער, בעטראַכט זיי גוט פון קאָפּ ביז די פיס, קוקט זיי אין די אויגען אריין, פרעגט זיי אוים פערשיעדענע זאכען, טאַפּט זיי די הענטלעך, און ווי אַ גרויסער מבין, וואָס קען זיך אויף דעם ארטיקעל גוט, זאָגט ער מיט זיכערהייט:

— גוט, מען וועט אַריינלאָזען!

דאָס קינד — די מוטער, האָט לייכט אָבגעקרעכצט.

מאַמע רחל, האָסט געדאַרפט קומען און צוזעהן, ווי מען בעטראַכט דיינע קינדער, ווי מען וועגט זיי אויף דער וואָג, ווי מען מעסט זיי מיט דער מאָס — אויב זיי זיינען גוטע סחורה.

די יונגע, וועלכע איהר האָט ערצויגען, האָבען זיך אויף אייך ניט געקענט דערהאַלטען, און זיינען אין דער וועלט געגאַנגען. אַלע שיפען האָבען זיי איבער אַלע ימים צו די ברעגען געפיהרט און יעצט פאָהר איך דאָך צו זיי, איך זעה אייך — וואָס זאָל איך זיי זאָגען פון אייך? איך וויל מיך אין אייך איינקוקען, און דאָרטען זיי דעם טאָן פון אייער טרויעריג געמיטה איבערגעבען. איך וועל אַ פויסט ערד אין מיין פאַלע איינבינדען און זיי מיטברענגען — זייט געגריסט היימאַטליכע פעלדער, איהר זיינט מיר אַזוי פרעמד און דאָך אַזוי נאָהענט...

און געגענאיבער מיר זיצען קינדער, קינדער וואָס פאָהרען נאָך אַמעריקאַ.

דאָס עלטסטע — דאָס מיידעל איז אַלט אַ יאהר זעכצעהן. זי איז די מוטער פון איהרע צוויי אינגערע שוועסטער און אַכט־יעהריגען ברודער. אַ קינד נאָך איז די מוטער. אין אַן אַנדער פאָלק, אין אַן אַנדער לאַנד, וואָלט עס אפשר יעצט אויף דעם אייז געגאַנגען זיך גליטשען — זי פיהרט די איהריגע איבער די ימים אַריבער.

דער פאָטער איז אין אַמעריקאַ, געהמט ער זיי אַראָב, ער האָט געשריעבען, געשיקט אַ שיפסקאַרטע. די מוטער איז קראַנק, קראַנקע אויגען, מען וועט זי ניט „אַראָבלאָזען“, האָט זי געמוזט בלייבען אין דער היים, האָט די מוטער פערלאָזט די קינדער אויף איהר, אויף איהר זעכצעהן־יעהריגע טאָכטער.

און זי האָט זיך אויף איהר פערלאָזען. אַ קינד איז עס נאָך, מיט טהוי נאָך בעהויכט זיינען איהרע בלייכע מיידעל־באַקען — און אונ־בעריהרט, ווייס, איז דער מיידעל־האַלז, וואָס קוקט פון דעם טוך אַרויס. נור זעה די אויגען! אין די יונגע שוואַרצע אויגען פון דער אידיישער מיידעל ליעגט אויסגעגאָסען דער טרויער, ניט בלויז פון איהר אונגליקליך יתום'דיג לעבען — עס ליעגט אויסגעגאָסען דער טרויער פון איהר פאָלק, דער צייכען פון איהר נאַציע. דאַכט זיך דורות לאַנג האָבען געמוזט גלות ליידען און פיהלען אין זיך די לייד פון גלות, אַז דער שטילער צניעות'דיגער טרויער זאָל אין די אויגען פון זיינע קינדער ליעגען...

און אַ מוטער איז זי שוין אַ רייפע. אַליין נאָך אודאי קיינמאָל מיט מוטער־צערטליכקייט ניט זאַט געווען, געבענקט נאָך מוטער־צערטליכקייט, ווייזט זי עס אַרויס צו איהרע שוועסטערלעך און

די מוהמע רחל־לאה פון אונזער שטעדטעל.

די מוהמע רחל־לאה האָט דאריבען אין אמעריקא דעם מאַן געהאַט, אכטצעהן יאהר איז ער שוין דאריבען געווען. אויף יעדען יום טוב האָט ער דאָלארס געשיקט מיט א פאָטאָגראַפיע, אין גאָלדענע קייטען איז ער געווען געמאָהלט, און האָט געשריעבען, אז די מוהמע רחל־לאה זאָל איהם אויך איהר בילד שיקען.

נור די מוהמע רחל־לאה איז וואָס אמאָל עלטער געוואָרען: איהרע באקען איינגעפאלענער, איהרע אויגען טיעפער אין די אויגען־לעכער אריין — איז זי צום פאָטאָגראפיסט געגאנגען און געלאָזט זיך אבמאָה־לען אין א קאפעלוש.

— זאָל ער זעהען אז מען קען זיך אויך דאָ פוצען אין קאפעלושען, אפשר וועט ער זעהען און אָנהויבען צו בענקען...

נור דער קאפעלוש איז שוין געווען אביסעל צו יונג פאר איהר.

פלעגט זי זיצען אין די שעהנע זומערדיגע פרייטאג־צו־נאכטסען פאר דער טהיר פון איהר הייזעל, די לבנה האָט אין הימעל שפאציערט, דער בעז האָט אין דעם סטעלמאָר׳ס גאָרטען געבליהט, און פאר דער טהיר, דאָרט אין ווינקעל, איז דער קצב ליב מיט זיין יונג ווייבעל אויסגעבעטט פאר דער טהיר געזעסען, און האָבען געקיכערט אין דער שטיל...

דאָס קיכערן האָט שטענדיג מיין מוהמען אויפגערעגט, האָט זי אָבגעקרעכצט, און אין שטוב אריין. פאר איהר בעט איז „איהרער" געהאנגען אין גאָלדענע קייטען געמאָהלט.

נור קיכערן האָט ער ניט געקענט, פאפיער קאן דאָך ניט קיכערן...

---

און דער צוג געהט ווייטער, און פאר מיין פענסטער פליהען פארביי פעלדער און טייכען.

און דאָס זיינען דאָך די פעלדער, אויף וועלכע מיינע ברידער האָבען זיך ערצויגען. איהר, וועלכע קענט דעם חלום פון מיין יוגענד, איהר, פאר וועלכע איך האָב אלעס פערטרויט — איהר האָט קינדער ערצויגען, זיי זיינען דערוואקסען געוואָרען, האָבען אייך פערלאָזט. די אלטע זיינען נאָך אין שטעדטעל געבליבען, לעבען פון דעם, וואָס די קינדער שיקען געלד פון אמעריקא, און ווארטען אויפ׳ן טויט, אז זיי זאָלען אין אייך בעגראָבען ווערען, מיט אייך אויסגעמישט ווערען.

# בריעף פון דער רייזע

„אין אמעריקא איז דיין טאטע" — הייבט זיך אָן אַ אידיש פאָלקס־ליעד, און ניט בלויז דער טאטע.

אמעריקא — עס איז דאָך אונז אַ צווייטער בית־הקברות געוואָרען. עס האָט דאָך ביי אונז די אינגסטע, געזונדסטע קינדער צוגענומען, עס האָט דאָך פון אונז אונזערע זיהן און טעכטער, ברידער און שוועסטער צוגענומען. זייער פאָטאָגראַפיען הענגען דאָך ביי אונז אויף דער וואַנד, עס קוקען די מוטערס אויף די פאָטאָגראַפיען פון די קינדער, פאַפיערלעך שווייגען. און דאָרט אויף יענער זייט ים אוקינוס, הענגען די פאָטאָגראַפיעס פון אונז ביי זיי אויף דער וואַנד און שווייגען אויך. וועלכעס הויז האָט ניט איינעם אין אַמעריקא? ווער האָט ניט קיין פעטער, קיין ברודער, קיין מוהמע, קיין שוועסטער אין אמעריקא? עס ליעגט דער ים צווישען אונז — נור אפילו די ברויזענדע וועלען פון ים אוקינוס קענען דאָך אונזערע ברידער ניט אויס אונזערע ברידער מאכען.

אויף די ימים שווימען שיפען, — קניעט אנידער, נעהמט אראָב דעם הוט פאר די שיפען. אין זייערע צווישענדעקען רייזט אָן אייביג פאָלק פון איין ברעג צום צווייטען — דאָס פיהרט דער ים אַ גרויסען, גרויסען גייסט, אָן אייביגקייט איבער, פון איין ברעג צום צווייטען.

ניט קיין מענשען רייזען דאָ אין די צווישענדעקען אויף די שיפען — אַ פאָלק, אַ פאָלק, ווי עס וואָלט זיין הייםאטהס־ערד, די בערג און די טהאָלען, די וועלדער און די פעלדער פון זיין לאנד מיט זיך אויף די שיפען מיטגעפיהרט קיין אמעריקא.

דאָ דער טאטע, דאָרט דאריבען — די קינדער; דאָ דאָס ווייב, דאָרט דאריבען — דער מאַן.

אַ קליינינקייט ליעגט נור צווישען זיי — לענדער און דער ים אוקינוס.

און יעדעס מאָל, ווען איך דענק פון אמעריקא, זעה איך פאר מיר

אין צווישענדעק און האָט עס געוויזען פון דערווייטען דער גוי'ע. די גוי'ע, דערזעהענדיג דאָס קינד, האָט זיך געגעבען א וואָרף אויפ'ן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט עס אָבער גענומען און גאַנץ פּאַמעלעך דערמיט אַרויס פון צווישענדעק, ווייזענדיג עס אַלץ די גוי'ע.

דאָס קינד האָט די הענדטלעך אויסגעשטרעקט נאָך דער מוטער, און די מוטער איז ווי א קוה נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קינד, אַלץ אומ־קוקענדיג זיך, זוכענדיג מיט די אויגען און שרייענדיג: „אַנטאָניו, אַנטאָניו!"

ער האָט זי, נאָכלויפענדיג נאָך איהר קראַנקעס קינד, אַריינ־געצויגען אין האָספּיטאַל אריין, און האָט זי געהאַלטען פערשפּאַרט דורך די גאַנצע צייט פון אונזער רייזע.

געהערט דעם קינד'ס געוויין פון יענער זייט טהיר איז זי רוהיג געווען, נור צום סוף האָט מען מורא געהאַט, אַז די מוטער זאָל זיך ניט ארויס־קריגען פון האָספּיטאַל און אַריינגעהמען דאָס צווייטע קינד און אָנ־שטעקען עס מיט מאָזלען, האָט מען דעם אינגעל מיט געוואַלט אוועק־גענומען פון הינטער דער טהיר, און אָבגעפיהרט איהם אין אַ צווייטע אבטהיילונג.

די גוי'ע האָט געהערט פון אינווענינג דעם קינד'ס געשריי. מיט איין שפּרונג איז זי געווען ביי דער טהיר און געקלאַפּט מיט איהר קאָפּ און וואַנד, שרייענדיג מיט אַ הארצרייסענדען קול: „גאָספּאָד פּאָמילוי", „גאָספּאָד פּאָמילוי"! זי האָט מיט די הענד געקראַצט אויף די טהיר, געביסען, געוואָרפען זיך, און געשלאָגען מיט דעם קאָפּ, אבער עס האָט גאָר ניט געהאָלפען; די טהיר איז געווען צו שטאַרק.

ביי די ערשטע געלעגענהייט ווען עס איז נור ווער אריין אין האָספּיטאַל, האָט זי זיך געגעבען אַ האַפּ ארויס און איז אריין אין די צווישענדעק און האָט אָנגעהויבען זוכען צווישען די בעטען און די קינדער איהר אינגעל, רופענדיג איהם ביים נאָמען: „אַנטאָניו, אנטאָניו!"

עס איז געוואָרען אַ געוואַלד, די גוי'ע שטעקט אָן די קינדער מיט מאָזלען, די מוטערס האָבען געכאַפּט די קינדער און זיינען אַנטלאָפען פון איהר, בעהאַלטענדיג זיך אין די ווינקעלעך, אויף די בעטען. די פאָטערס האָבען זי אַוועקגעיאָגט פון זייערע קינדער, און זי איז ווי אַ משוגענע ארומגעלאָפען אין אַלע ווינקעלעך, אויף אַלע דעקען און בעטען און געזוכט איהר עלטערן „שקצ'ל" — בעטענדיג זיך ביי די מוטערס. מען האָט מורא געהאַט פאַר איהר, דער דאָקטאָר האָט געשריען: „בעהאַלט די קינדער!" אנדערע האָבען געשריען: „דער טויט, דער טויט, זי וועט אייך די קינדער טויטען!"

מען האָט זי געפּראָוועט צוריקצונעהמען אין האָספּיטאַל אריין. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. וויפיעל די מאַטראָזען האָבען זיך ניט אָנגעשטרענגט, זי האָט מלחמה געהאַלטען מיט איהרע נעגעל און מויל, און דער געשריי אין צווישענדעק איז געוואָרען וואָס אמאָל העכער און הארצרייסענדער.

דאַן איז דער דאָקטאָר אריין אין האָספּיטאַל און האָט ארויס־גענומען דאָס קראַנקע קינד אויף זיינע הענד, האָט עס אריינגעבראַכט

„יעזוס“, אַז די גאַנצע צווישענדעק איז דערציטערט געוואָרען, און מיט אויסגעשטרעקטע הענד ווי אַ וואָלפין האָט זי זיך געגעבען אַ לאָז אריין צווישען די מאַטראַזען, מיט איין שטויס האָט זי דעם מאַטראָז געוואָרפען צו דער ערד, און האָט צוריק אַרויסגעקריגען איהר קינד, אַ וואַלע אַרויף זיך אויף איהם, פערדעקט איהם מיט איהר קערפער, און אויסגעשטרעקט איהרע אויגען מיט איהרע נעגעל אריינצוועסען זיך אין דעם שונא׳ס פלייש אריין אום איהר קינד צו ראַטעווען.

נאָך אַ שעה שווערער אנשטרענגונג איז אַכט מאַטראָזען מיט צודראַפּעטע הענד, צוביסענע פינגער און צובלוטיגטע פּנים׳ער געלונגען דאָס קינד פון אונטער איהר אַרויסצוקריגען און אין האָספּיטאַל צו ברענגען. די גוי׳ע האָט זיך אָבער געגעבען אַ וואָרף אַרונטער הינטער די טהיר פון האָספּיטאַל און איז אָבגעלעגען אַ גאַנצע נאַכט. ווי אַ הונד האָט זי געוואַרעט אויף די טהיר און ביי די ערשטע געלעגענהייט, ווען דער פעלדשער האָט געעפענט די טהיר, האָט זי זיך געגעבען אַ לאָז אריין, און מיט איין שפּרונג איז זי שוין געלעגען אין קינד׳ס בעטעל און האָט אַרומגענומען איהר קינד און צוגעטוליעט צו זיך.

ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען האָט ער שוין דערזעהן ווי דאָס קראַנקע קינד נאָרעט איין זיין רויט צוהיצט פּנים׳ל אין די בריסטען פון זיין מוטער. ווי אַ קאַלב אַזוי גראָבט ער איין דאָס פּנים׳ל אין די מוטער׳ס לייב, און די מוטער הויכט דאַרויף, צו קיהלען זיין היץ און אָטהעמט איין אין איהר מויל דעם קינד׳ס וואַרימען אָטהעם, און בעקושט עס, און בעלעקט עס, ווי אַ קוה בעלעקט איהר יונג קעלבעל, אַזוי בעדעקט זי מיט איהר געלב פּנים דעם קינד׳ס פלאַמענדע קעפּעל און פּנים׳על.

עס איז שוין געווען פערפאַלען, מען האָט געמוזט די גוי׳ע לאָזען ביים קינד. הינטער דער טהיר איז אָבער געלעגען דאָס עלטערע אינגעל און האָט מיט זיין קעפּעל געשלאָגען אויף די טהיר פון האָספּיטאַל, און האָט מיט אַ וויינענדע שטימע געשריען: „מאַמוכאַ, מאַמוכאַ!“ עס האָט ניט געוואָלט נעהמען צו זיך ניט קיין עסען, ניט קיין צוקערוואַרג. די מוטער פלעגט אַרויסשפּרינגען פון בעט, צולויפען צו די טהיר, רייסען די טהיר, האַקען, אָבער די טהיר איז געווען גוט פערשלאָסען. האָט זי צו איהם דורך די טהיר אַרויסגעשריען אַ פּאָאר „לאַסקאַווע“ ווערטער, און האָט זיך צוריקגעלעגט צום קינד אין בעט אריין. כל זמן זי האָט

איך פלעג טהיילמאָל אין אבענד אריינגעהן אין צווישענדעק. איך האָב מיך יעדעס מאָל אָבגעשטעלט קוקען אויף די גוי'ע מיט די צוויי קינדער, וועלכע ליעגען אין די טונקעלע נאכט אין דעם רוישענדען רעש פון די ארומיגע פויערים און קוקען מיט שרעק דורך דעם פענסטער אין דעם שווארצען ים אריין. וויפיעל מאָל איך האָב ניט געפּרואווט רעדען מיט איהר, האָט זי מיר ניט אָבגעענטפערט, נור געוואָרפען א חושר'יגען בליק אויף מיר, און צוגעשארט די „שקצים'לעך" צו זיך, מורא־האָבענדיג אז איך זאָל זיי ניט אַוועקנעהמען פון איהר, און איך האָב שטענדיג דאָס געפיהל געהאט ווי דאָס שיף, אויף וועלכען מיר פאָהרען, מיט זיינע שווארצע קוימענס איז עפּעס א ריעזיגע ים־חיה, וועלכע קומט אַנגעלאָפען און גזל'ט אוועק מוטערס פון זייערע קינדער, קינדער פון זייערע מוטערס און פיהרט זיי אוועק ערגעץ ווייט, ווייט, אין פרעמדע לענדער, צו פרעמדע ברעגען.

אויף די שיף האָט געהערשט מאָזלען. דער דאָקטאָר איז יעדען אין דער פריה ארומגעגאנגען און האָט אונטערגעזוכט די אויגען און די אויערען פון די קינדער. די מוטערס פלעגען מיט שרעק קוקען יעדען אין דער פריה אויף די קינדער, און ווען דער דאָקטאָר איז צוגעקומען צו זיי, האָבען זיי רחמנות'דיג מיט ציטערנדע הענד און שלאָגענדע הערצער בעהאלטען די קינדער ביי זיך, און נור געוויזען די קעפּלעך פון די קינדער, און בלייך געקוקט אין דאָקטאָר'ס אויגען אריין.

דער דאָקטאָר האָט אויך בעקוקט יעדען טאָג די גוי'עס אינגלעך. די גוי'ע האָט ניט געוואוסט צו וואָס און ווען, נור יעדעס מאָל ווען דער דאָקטאָר פלעגט זיך דערנעהנטערן צו איהר, פלעגט זי נעהמען איהרע קינדער אונטער איהר קאפּטאַן, און ארויפלעגען זיך אויף זיי, און מיט שרעק און מורא געקוקט אויפ'ן דאָקטאָר, ווי אויף א מלאך המות, און אויסגעשטרעקט איהרע הענד, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פון איהם רעטען, און נור מיט געוואלט פלעגט עס געלינגען די קינדער פון אונטער איהר בויך ארויסצוקריגען, און בעקוקען זיי.

אין איין טאָג האָט דער דאָקטאָר געהייסען זיינע בעגלייטער צו־נעהמען דעם קליינעם אינגעל אין קינדער־האָספּיטאל, אין די אבטהיי־לונג פון מאָזלען און קיינעם ניט צולאָזען צו איהם. דער קליינער אינגעל איז קראנק געוואָרען. אז מען האָט געפּרואווט אוועקטראָגען דעם אינגעל, האָט די גוי'ע צום ערשטען מאָל געגעבען אזא שריי אויס

# קיין אַמעריקאַ

אויף די שיף צווישען אַלע צווישענדעקער האָב איך זי בעמערקט. עס איז געווען אַ ליטווישע גוי'ע מיט צוויי קינדער. דאַר און טרוקען איז איהר געזיכט געווען, און האַרט איז איהר הויט געווען. און גרויס און לאַנג זיינען איהרע הענד געווען. דאַר אזוי ווי די ערד וואָס האָט זי אַרויסגעגעבען, — די אָרימע ליטווישע ערד, וועלכע ציהט זיך מיילען אַוועק, און קיין וואַסער און קיין באַרג בעזוצט איהר רוקען ניט. טונקעל און אָרעם איז איהר געזיכט. נור איהרע שוואַרצע, טיעפע אויגען זיינען פייכט און וואַרפען אַ טרויעריגען שימער אויף איהר געל פּאַרמעט־געזיכט.

פון די ערשטע מינוט אָן, וואָס זי האָט זיך מיט איהרע קינדער אויף איהר אָרט אין די צווישענדעק אוועקגעלעגט, אַזוי איז זי געבליבען ליעגען, ניט צו בעוועגען זיך פון אָרט, ווי אַ הוהן, וועלכע האָט זיך אויף איהרע הינדעלעך אַרויפגעזעצט, און וואַרימט זיי מיט איהרע פעדערען, אזוי האָט זי אונטער איהר קאָפּטען איהרע צוויי קינדער אַרונטער־גענומען, און בעהאַלטען זיי. מיט קיינעם האָט זי קיין וואָרט געטוישט, האָט נור פון ציט צו צייט אַ חושד'יגען בליק אויף די אַרומיגע געוואָר־פען און באַלד האָט זי זיך ווייטער געגעבען אַ לאָז אַריין אין איהרע געדאַנקען און האָט געשוויגען... און איהר בליק איז ערגעץ־וואו געווען געריכטעט, וואס ניט די שיף, ניט דער ים, איז זיין ציעל געווען.

עס האָט זיך דיר געדאַכט, אזוי ווי זי האָט איהר בליק איינגע־טאָפּיעט אין דעם סטאַוו וואָס גיסט זיך הינטער איהר אָרעמע כאַטקעלע, דאָרט אין דער ליטע, און קען זיך ניט אָברייסען פון איהם. די „שקצים'לעך", איינס אַכט יאָהר, דאָס צווייטע פיער יאָהר, האָבען אויך פון הינטער זייער מוטער'ס קאַפּטען זייערע בליקען ערגעץ־וואו געריכטעט. אזוי איז זי אָבגעזעסען גאַנצע טעג אָהנע אַ וואָרט צו רעדען, אָדער זיך צו בעוועגען פון איהר אָרט.

אַגיעדערגעשטעלט געבען אַ וואַנד, און ווי עפּעס אַ שפּיעלעריי, האָבען איהם קינדער אַ ביקס אין אָרעם אריינגעשטעקט...

אויף זיי ביידע, אויף דעם טוידטען קערפּער און אויף דעם זעלנער, האָבען די נאַקעטע צווייגען פון די נאַקעטע ביימער אין דעם גאָרטען־סקווער געשאָקעלט אהין, געשאָקעלט אהער, געזאָגט... געזאָגט... און געזאָגט, און איין גאָט ווייס וואָס זיי האָבען געוואָלט...

און ביי דעם אַלעם איז אין גאַס אַזוי שטיל געווען, ווי איינס וואָלט מיט דעם צווייטען פרעמד געווען... ווי איינס וואָלט דאָס צווייטע ניט דערקענט...

אַזוי פרעמד און אונבעקאַנט האָט זיך איבער דעם אַלעם געצויגען אַ גרויע פּלאַכטע פון אַ פערנעבעלטען חשון טאָג...

ווייט אין עק גאַס האָט זיך אַ שוואַרץ פּלעקעל געוויזען, וואָס איז וואָס אַמאָל נעהנטער אָנגעקומען! אין דער שטילער גאַס, ווי פון אַ פרעמדער וועלט, איז אַ אינגעל, אַ גאַזעטען־טרעגער, מיט באָרפוסע פיס און אַן אויפגעדעקטען קאָפּ אָנגעקומען צו לויפען. אין אָרעם האָט ער געהאַלטען אַ פּאַק מיט „עקסטראַס“ אין אַ ווייס שטיק פּאַפּיר אין האַנד, און אַ קול פון אַ יונגע ברוכט האָט די שטילע לופט פון די שטילע נאַכט דערציטערט:

„קאָנסטי־טוצ־יאַ!“

ער האָט געגעבען אַ בליק אויף דעם טוידטען קערפּער, וואָס האָט זיך אויפ׳ן טראָטואַר ארומגעוואַלגערט, און פלינק געמאַכט פיס... פון הינטער איהם האָט זיך געהערט זיין קול:

„קאָנסטי־טוצ־יאַ!“

# קאָנסטיטוציע

עס איז נאָך געווען נאכט, נאָר דאָך האָט שוין אַ גרויער מאָרגען־פלעק פון אַ חשון טאָג ברוגז'דיג און פרעמד זיין גרויקייט אויסגעגאָסען אין אַן עק הימעל וואָס האָט זיך געוויזען ווייט אין עק גאַס, צווישען צוויי הויכע ציילען הייזער.

די הויכע גאַס הייזער, אַזוי ווי מען וואָלט פּלוצלונג פון זיי די שווארצע נאכט־דעקע אראָבגענומען, זיינען ווייטער געשטאַנען ווי פריהער, פערשלאָפען און שטום... אין גאַס איז קיינעם ניט געווען צו זעהן, נאָר פון ערגעץ ווייט האָט זיך געהערט אַ רעדער־קלאַפּען פון אַ לויה־וואָגען, וואָס איז ערשט דורך די נאכט אין דער גאַס דורכגע־פאָהרען.

און די רעדער האָבען אין די שטיינער אָבגעהאַקט ווי אַ שווערער קויהלען־וואָגען. דעם לויה־וואָגען איינער אַליין, מיט אַ מת אין זיך, און מיט איין לעבעדיגען מענש — דעם שמייסער — אויף זיך, האָט געשלעפּט איין לעבעדיגער פערד, וואָס דאַכט זיך אַז קיינער האָט עס אָנגעטריבען, נאָר איינס אַליין האָט עס געבלאָנדזשעט גאַס אויס, גאַס איין.

אויפ'ן טראָטואר, געגענאיבער אַ נאַקעטען בוימען־סקווער, איז געלעגען אַ טוידטער קערפּער פון אַ גע'הרג'עטען יונגען מענש, האַלב פערנעצט אין דעם בלוט וואָס איז פון זיין אויפגעשפּאָלטענעם קאָפּ גערונען, האָט ער יעצט, אין דער נאַכט, זעהר שוואַרץ אויסגעקוקט...

די טוידטע שמאַטע וואָס האָט זיך אויפ'ן טראָטואר ארומגעוואַל־גערט האָט אַזוי עפּעס פערשטומט די גאַס, אַז דער זעלנער מיט די ביקס, וואָס איז ניט ווייט פון איהר געשטאַנען איינגעוויקעלט אין זיין פּייכטען מאַנטעל, האָט אויך דעם איינדרוק געמאַכט ווי אַ טוידטע שמאַטע איינגעוויקעלט אין אַ זעלנערשען מאַנטעל, וואָס מען האָט

.8

## מוצאי שבת.

עס טונקעלט שוין, די זון האָט זיך לאַנג שוין אַראָבגעלאָזט אונ־טער די שפּיטץ דעכער, אונטער די „ארענדע", און דאָס שטעדטיל איז אין אַ טונקעלען שאָטען איינגעהילט געוואָרען, עפּעס ווי איינגעשלאָפען, ווייבער געהען איילענדיג פון שפּאציער אהיים און א קליין מיידעלע שטעהט פאר א הויז און וויינט הויך: „מאמע!"

אַלע בעלי־בתים זיינען אין בית המדרש פערזאמעלט, און אין בית המדרש אין שטאָק פינסטער ,איינער שמועסט מיט'ן צווייטען, נישט צו זעהען זיין געזיכט. פון דעם פינסטערען עולם לאָזט זיך פּלוצלונג הערען א וואָכענדיגער „והוא רחום", דער שמש שטעהט אויף די טרעפּ־לעך פון דעם בית המדרש און קוקט אין הימעל אריין, זוכט אַ שטערן, אז ער זאָל קענען א ליכט אָנצינדען.

ביים רב זיינען די פענסטער אָפען, און פון דאָרט דרינגט אַ טרויעריגער „שיר המעלות"־נגון ארויס, יודען בעגלייטען דעם שבת מיט געזאנג...

אין די גאַס איז שטיל — דאָרט אין עק איז שוין פינסטער, און פון א אָפען פענסטער פערבלאָנדזשעט זיך אַ שטילער טרויעריגער „גאָט פון אברהם".

פון דערווייטענס הערט מען:

— שרה'לע, מען מעג שוין אָנצינדען.

אין אַ שווארץ פענסטער בעווייזט זיך א ברענענדיג ליכט.

און דער עולם לאָזט זיך פון בית־המדרש אהיים, טהיילמאָל הערט זיך צווישען עולם א טרויערינער „גוט וואָך", דער איבריגער עולם איילט זיך שטיל, טרויעריג אהיים.

אויבען אין הימעל בעווייזען זיך וואָס א מאָל מעהר די שטערען, עס איז נאכט.

באַלד ערגיץ וואו עפענט זיך, פּלוצלונג, א געוועלב, און א גרויער פּאס ליכטיגקייט פאַלט פון געוועלב אין דער פינסטערער גאס אריין.

באַלד בעווייזט זיך א צווייטעס, א דריטעס געוועלב און די פינס־טערע גאס ווערט ליכטיגער.

פון דערווייטענס דערהערט זיך א קול:

— טאטע, זעליג שפּאַנט שוין דעם וואָגען איין...

דוד אויסגעקריצט — שטעלט זיך אויבען־אָן, נעהמט א נומער „וועלט“ אין האַנד אריין און הויבט אָן צו לעזען:

— רבותי! הויבט ער אָן, ווי דער מגיד א דרשה.

.7

## דער שפּאַציער.

עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טונקלען, די זון ציהט זיך פּאַוואָלע מיט רוהיגע שבת'דיגע טריט ארונטער אונטער'ן שטעדטיל. יודען געהען אהיים פון שוהל שלוש־סעודות עסען. זעליג פוהרמאַן לאָזט זיך מיט זיין „ווייסען אָדלער“ שפּאַציערען צום ברונען. דער ווייסער טראָגט אויפ'ן האַלז דעם עמער, און געהט זיך מיט פוילע טריט, מנוחה'דיג, אַזוי ווי ער וואָלט געוואוסט, אז מען טאָר אום שבת קיין „פּסיעה גסה“ ניט מאַכען. אין דעם געסיל הויבט זיך שוין אָן ווייזען פּאָרלעך, מיידלעך קוועטשען זיך איינע אין דער צווייטער און געהען צוזאַמענגעדריקט שפּאַציערען. באַלד ציהט זיך דורך א שורה ווייבער אין טיעפּע שייטלעך, בעלעגט מיט אַלערליי מיני ציערונג: קייטעלעך, אויער־רינגעלעך, און יעדע האַלט ביי דער האַנד משה'לעך, שלמה'לעך אָנגעטהון אין כנפות'לעך און אין היטעלעך, די יונגעלעך האַלטען זיך אָן ביי דער מאַמעס הענד, און די ווייבער מיט זייערע קינדערלעך אָהן עין הרע, פּערשטעלען דעם וועג, באַלד לאָזט זיך אדורך א גרופּע מאַנס־פּערשוינען, אַלע גלייך אָנגעטהאָן, נאָר טהייל האָבען געלע בערדלעך, טהייל שווארצע, טהייל רויטע (די ערוואַקסענע קינדער געהען מיט די טאַטעס מיט), און דער עולם שמועסט הויך אין דער גאַס פון פּער־שיעדענע שטאָדט־זאַכען.

אויף די בענק פאר די הייזער זיצען אַלטע ווייבער און קוקען שטום אויף דעם יונגוואַרג; בעטראַכטען דעם דור, וואָס זיי לאָזען נאָך זיך איבער, טהיילמאָל מאַכט איינע די צווייטע א בעמערקונג און רוימט איהר עפּעס אין אויער איין, נאָר מעהרסטענטהייל איז דער אַלטער עולם שטיל און בעטראַכט די שפּאַציערענדע.

הינטער זיי דער רבי; זיי געהען באלד אין הויז אריין, א אינגעל הויבט אָן אודאי חומש צו לערנען.

אין דער שוהל־גאס איז היימלעך, ווייבער אָנגעטהון שבת'דיג זיי־צען פאר דער טהיר און שמועסען צווישען זיך. אין עק שוהל־גאס, וואו עס הויבט זיך אָן די שוסטער־גאס, האלטען יודישע יונגלעך מלחמה מיט שקצים, שיסען מיט שטיינער, א געלויף ווערט, יודען לויפען, ווייסען אליין נישט וואו: א גוי יאָגט!...

דאָס בית־המדרש איז פול, דער בעריהמטער לאָמזער מישולח זאָגט היינט פאר'ן עולם, און זיין קול הערט זיך פון די אָפענע פענסטער, מיט א וויינענדיגען „ר ב ו ת י!" אין דער עולם שטעהט צוזאמענגעקוועטשט און שוויצט, עלטערע ווייבער אויף די פענסטער בייגען די אויערען אין בית־המדרש אריין, ווילען אויך א וואָרט הערען.

די בעלי־בתים פון דער אריסטאָקראטישער שוהל לאָזען זיך בע־גגיגען מיט א בלויזע קאלטע מנחה...

אין דער גאָס זעהט מען נור ווייבער.

אין דער זעלבער שוהל־גאָס, ערגיץ אין א הויף, אויף קרומע טרע־פען, אין א קליין שטיבעלע, ד' על ד', האָבען זיך א פאָר יונגע לייטלעך צוזאמענגעקליבען. די ווענד אין דעם קליינעם שטיבעל זיינען בעהאנ־גען מיט בילדער און צייכענישען; א גרויסער „מגן־דוד" אין מיטען „ציון" אויסגעקלעבט מיט רויט פאפיער, פון איין זייט מגן דוד הערצי ל'ס בילד צוזאמענגעשטעלט פון קליינע פינטעליך, וואָס דאָס, זאָגט מען, זיינען אותיות; אויף דער צווייטער זייט הענגט א ראַם, דרינען א שטיק פאפיער, מיט פערשיעדענע פארבען אויסגע־מאָלט, דאָס זאָל זיין א יוד, וואָס אקערט די ערד, און די הויכע טענענ־בוימער גיבען צו פערשטעהן, אז עס איז ארץ ישראל, אונטען איז מיט גרויסע גילדערנע בוכשטאבען אויסגעמאָלט: „מאתי געציל בן־ציון". אויף דעם טיש, וואו ס'זיצען די יונגע לייטלעך (צו מעהרסטען טראָגען זיי ברילען), ליגען אויף פאראדע אויסגעשפרייט אייניגע אלטע געלע נומערען „די וועלט", א יונגער־מאנטשיק מיט אן ארומגעשוירען בער־דיל און בלאָע ברילען, — אין די לאצען פון פאלטא טראָגט ער עפעס א מין שפילקע אריינגעשטעקט, אין וועלכער עס איז קינצליך א מגן־

.5

## שבת אויפ׳ן בארג.

און דער שבת איז אויפ׳ן בארג. דאָס שטעדטיל שלאָפט זיך געשמאַק, אונטער די מאַמעס פארטוך — די מנוחה פון שבת.און חדר־יונגלעך האָבען זיך אויפ׳ן בארג פערקליבען, אויף דעם שפּיטץ בארג שטעהען יונגען און קוקען דורך די פויסטען אויפ׳ן שטעדטיל, מרגלים הייסען דאָס, „שפּירען אויס" דאָס „אָרט" מיט שפּאַקטיפען, בארג־אראָב, גליטשען זיך יודישע קינדער איינס נאָכ׳ן אנדערען, איינס נאָכ׳ן אנדערען, און צורייבען די שבת׳דיגע קאַפּאָטקעלעך, מיט די שבת׳דיגע שטיוועל. ווייבער געהען שפּאַציערען אויפ׳ן וועג, פאר׳ן בארג, און שטעלען זיך אָב, שרייען אויפ׳ן בארג ארויף: נחום, די שבת׳דיגע קאַפּאָטע, חיים, געהסט אראָב, דו געהסט? חברה הערען ניט און גליטשען זיך ווייטער איינס נאָכ׳ן אנדערען בארג־אראָב. באַלד שרייט א יונגעל: דער רבי געהט, דער רבי! און חברה מאַכען פּליטה, ווייט אוועק....

און דאָרט ווייט אונטער׳ן בארג ציהט זיך דער וועג אוועק. אָט ווייזט זיך דאָס וואַסעריל וואָס עס טהיילט דאָס שטעדטיל דורך, דאָרט איז די וואסער מיהל, דאָס ראָד קלאָפּט אין וואַסער, און עס פּאַטשט פון דערווייטען, און דאָרט נאָך דער וואסער מיהל געהען בית המדרש בחורים ווייט אויפ׳ן וועג שפּאַצירען...

---

.6

## דער טהייל שבת וואָס קעהרט צו גאָט.

דער עולם דערהויבט זיך פון שלאָף, אין די גאַסען הויבט אָן צו רעש׳ן, פון די אָפענע פענסטער לאָזט זיך דער קול תורה הערען. אָט הערט זיך א קוויטשענדיג קול פון א יונגעל פערהערענדיג זיך ביים טאַטען. א יוד זאָגט ערגיץ פרק הויך, אויפ׳ן קול. פון ערגיץ וואו הערט זיך ווי א צווייטער יוד לערנט חומש. באַלד קומט פון ערגיץ א טרויעריגער גמרא־נגון צו שווימען. אין דער גאַס מאַרשירט א שערענגע קינדער צו פאָרלעך; פאָראויס דער בעהעלפער, ווי א פאַסטוך פאר דער סטאַדע,

און דאָס קרעמיל האָט פּרנסה נאָר פון שבת. דאָ פּערקויפט מען חלילה נישט פאר קיין געלד, הלילה. אויף דער וואנד הענגט א מין לאנגער טאָוועל מיט אותיות אויפגעשריבען. אונטער יעדען נאָמען ציהט זיך אַוועק אַ שורה לעכלעך. נעהמט איינער א פלעשיל וואסער — שטעקט מען אין א לעכעל א שטיקעל פּאַפּיער. נעהמט ווער א האַנד קנאַק־קערליך שטעקט מען אריין צוויי שטרוי, נעהמט ער עפּיס א בוך צום לעזען, שטעקט מען אין לעכעל נאָר איין שטרוי אריין. טהייל, ווייטער, האנדלען מיט עפּעס אזוי מיני קוויטלעך, וואָס זיי קויפען די קוויטלעך פּאַראויס. און ווייטער די, וואָס האָבען ניט קיין קאָנטע, למשל, ישיבה בחורים ווילען טרינקען וואסער, לאָזען זיי איבער די גאַרטלען א משכון, אָדער א מיידעל וויל א ראָמאַן נעהמען צום לעזען — לענט זי א טהיי־לעפּעלע איין, א טאַשען־טיכעל, אָדער א פאַרטוך.

*

אין גאָרטען ביי חנה ביילע'ן.

ווען דער עולם איז פערטהון מיט'ן שלאָף — און ביים מאַרשעליק לימאָנאַדע טרינקען, קלויבען זיך צוזאַמען יונגע חברה ביי חנה ביילען אין גאָרטען און כאַפּען א טענציל.

צווישען פּיער בוימער שטעלען זיך אויס פּיער דאמען און פּיער הערען, נעבעך פערהאָרעוועטע דיענסטמיידלעך, מיט שניידער יונ־גען. דער מנהג איז ביים טאַנצען נישט צו רעדען פּראָסט יודיש אַזוי ווי מען רעדט תמיד, נאָר מען פערדייטשט דאָס יודיש רעדען.

איינער פון זיי זיצט אויף דעם גראָז און באָמבעלט עפּיס אונטער דער נאָז א מין ליעדעלע, און דער עולם דרעהט זיך אהין און אהער. איינער פון זיי — מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג און מיט א טיעף אָבגע־שוירענע פּאה, און א פערשפּיליוועטען געקראָכמאַליעטען קאָלנער — לערענט דעם עולם.

— פריילייַן דאָבשע, געבען זי מיר די האַנד, אָט אזוי, ראָנדע, ראָנדע.

— אין אַ זייט — קאַמאַנדעוועט אַ צווייטער.

דער דין ר' ליביש ווערט עס געוואָהר, ער כאַפּט דעם בית־המדרש־שמש און לאָזט זיך אין גאָרטען אריין.

— הולטייעס, עוכרים, די שטאָדט ברענגט איהר אונטער.

און דער עולם כאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און מאַכט פּליטה.

וואַסער פון די עמער. די גויע שעלט, שרייט, רייסט אַוועק די עמער, ווער קוקט אָבער אויף איהר ?...

און ווייטער ווערט שטיל אין גאַס.

דאָרטען אין עק מארק שפּאַצירט זיך א מיידעלע אַלייז. זי געהט באַוואָלע, אוראי האָט זי זיך היינטיגען שבת מיט א קליידעלע בע־נייעט ! און קען זיך נישט איינהאַלטען...

---

.4

## שבת'דיגע פערגעניגענס.

א שבת'דיג קרעמעל מיט שבת'דיגע קונים.

דער מארשעליק האָט זיך זיין שבת'דיג קרעמיל. ער מאכט זיך עפּיס אַזא מין לימאָנאַדע, נאָך זיין אופן נאָך. קאָכט צוזאמען פּאָמע־ראַנצען מיט צימרינג, שניידט אַריין א פּאָר ציטרין, און זאָדע, און דאָס האָט עפּיס א מין משונה'דיגע קאָליער. און אַז מען נעהמט אראָב די דראָט, וואָס איז אויפ'ן קאָרעק פון פּלעשיל, גיט עס א זעטץ ווי פון א הארמאַט און דער קאָרעק פליהט גלייך אין שויב אריין, און פון דעם פּלעשיל געהט א רויך אַרויס, באַלד א געוואַלדיגער שוים, וואָס צוהיצט זיך און שפּריצט אויפ'ן באַלקען — און דאָס וואַסער האָט עפּיס א מין טעם, נישט זויער, נישט זיס, נאָר עס דרעהט עפּיס אינוויינינג, בורזשעט אויף די נעכטיגע פיש מיט דעם היינטיגען טשאָלענט.

דאָס ווייב זיינס האָט צו פּערקויפען אויף שבת פּערשיעדענע קנאַק־קערליך, גלאַטע און קאַנטיגע, שוואַרצע און ווייסע, ארץ־ישראל'־דיגע און היגע, און אַז איהר געהט דורך פּאַר'ן מאַרשעליק'ס שטוב, קען מען דערטרונקען ווערען אין דעם ים שאָלעכטס וואָס ליגט פאַר דער טהיר.

טאָמער וויל אַ איד עפּעס הנאה האָבען שבת פון אַ שעהנע מעשה, מיט'ן בן־מלך און דער בת־מלכה, און די זעקס גזלנים, אָדער גלאַט אַזוי שמר'ס אַ העכסט אינטערעסאַנטען ראָמאַן, קומט מען אריין צום מאַרשעליק. — אין אַ שוואַרץ שאַפּקעלע, וואָס העננט אויף דער וואַנד, ליגען אלע וואונדער־שעהנע מעשיות, וואָס א יודיש הארץ קען נאָר גלוסטען.

בער'ן קאָפּ אראָב, ווילען זי מאַכען פאר א ווייבעל, די האָר אָבגעשאָרענע וויזען זיך אַלץ ארוים און ווילען זי צוריק פאר א מיידעל מאַכען. נאָך איהר ליפּען נאָך עטליכע ווייבער, טהייל אַלטע קענען ניט נאָכלויפען, קריכען זיי פון הינטען, און די אָרים־געוויקעלטע מיידלעך פאר דער טהיר וויזען מיט'ן פינגער און שרייען הויך, איינראָמענדיג איינע דער צווייטער אין אויער אריין: דאָס איז די כלה! די כלה!

*

*

נאָכ'ן עסען.

די הימלען זיינען איבער דעם שטעדטיל איבערגעצויגען ווי א ווייסער ליילעך, אָהנע זיך צו בעוועגען. עס דאַכט זיך ווי די הימלען הערכבייזענדיג נאַכטען פון וויט, ערגיץ אין דער וועלט אריין, האָבען זיך אָבגעשטעלט, דאָ, אין שטעדטיל שבת צו האלטען.... און די גליהענדע שטראהלען פאַלען אויף דעם לענגליכען געסיל אראָב, וואָס ציהט זיך וויט אוועק. אויף ערגיץ א טרעפּיל פון א געוועלב ליגט א הונד אויסגעצויגען, די אויגען פערמאַכט און ער עפענט יעדעס מאָל דאָס מויל אויף און כאַפּט א פליג.... פאר די טהירען זיצען ווייבער, האלטען גראָבע ספרים אין די הענד און לייענען. ערגיץ אין א פענסטער, פון וואַנען עס וויזען זיך ווייסע פאָרהאַנגען און בלומען־טעפּ, קוקט א מיידעל ארוים און האלט א בוך אין האַנד. אויף א באַנק פאר א הויז זיצען שניידער־יונגען אָנגעטהון אין אויפגעשטעלטע קעלנער מיט קורצע רעק און מאָדישע היטלעך און קנאַקען קערליך. טהיילמאָל שפּאַצירט זיך דורך א בעל הבית, דאָס טיכעל אויפ'ן האלז פערלעגט און בעקוקט די הייזעלעך; ער גיט א מאָל א שאָקעל מיט'ן קאָפּ אין א פענסטער אריין: גוט שבת! פון וואַנען עס וויזט זיך א ווייסער שלאָף־מיטץ צוריק שאָקלענדיג: — גוט שבת!

אין דער גאַס איז שטיל. בעלי־הבתים שלאָפען, בעלי־בית'טעס לייענען. באַלד וויזט זיך א יוד, נור דער איז שוין מיקל און טראָגט דאָס טיכעל ארום די האַנד ארומגעבונדען, און גיט זיך אַלע מאָל א רייב מיט'ן האַנד פאר דער וואָנסע — דער פעלדשער.... א גויע געהט דורך, טראָגענדיג צוויי עמערס וואסער, און פלוצלונג וויזען זיך פערשלאָפענע יודען, האלב נאַקעט, דאָרשטיגע ווייבער, און שלעפּען מיט זיך מיט קינדער וואָס טראָגען: קריגלעך, גלעזער, און יעדער שעפּט

נעהנטער צו און קוקט זיי אין די אויגען אריין.

— ווער זיינען די העלדען ?

— דו ווייסט נישט ? דעם שוחט'ס טאָכטער מיט'ן טאַמעשאָווער בחור ! — שרייט א יונג.

— א בייזע נאַכט אויף זייערע קעפּ... טפו, דערשראָקען זיך, הערט זיך א ווייבערשער קול אין קצבישען געסעל.

---

.3

## דער שוהל־גאַנג.

פאר טהיר און טהויערען שטעהען נאָך נישט אָבגעוואשענע יודע־נעס, נאָך נישט אויסגעקעמטע מיידלעך איינגעוויקעלט אין פאטשיילעס און ווייסע ספּאָדניצעס, און קוקען.

פון דעם שוהל־געסיל לאָזען זיך יודען אהיים, טהייל טראָגען פערלייגט דעם טלית איבער'ן האלז, ווי א האלז־טיכעל ; טהייל אונטער די קאַפּאָטעס טראָגען גאָר פריי און פראנק דעם טלית אויף די אַטלעסע־נע קאַפּאָטע, אזוי ווי ביים דאווענען. גוים שטעהען אין גאס און לאַ־כען, נו, זאָלען זיי לאכען, ווענען ארט דאָס ?

דערנאָך ציהט זיך א שורה ווייבער, יעדע געהט אנדערש אָנגעטהון פון דער צווייטער, שטיקלעך ארבייט פון דעם שטעדטילשען ווייבער־שניידער, פערשיעדענע מיני קאַפּעלושען און גלאַט אזוי בענדלעך און טשיפּקעס. איינע פּאָראויס, רייזעלע די גבאי'טע, אין א שטערען־באַנד מיט פּעריל בעפּוצט אויפ'ן קאָפּ. נאָר דער עיקר איז דאָס געהען. פּאָר־אויס געהט, ווי טראָגענדיג א פּאָהן א יונגעלע. ער האלט אין דער האנד די מאַמעס סדור מיט נאָך עפּיס א ספר'ל איינגעוויקעלט אין א נאָז־טיכעל, דערנאָך געהט זי אליין און קוקט אויף די אַנדערע ווייבער, זי דרעהט אַוועק דעם קאָפּ און קוקט פאר זיך, גאָר נישט, גלאַט : איך האָב דיך אין דער ערד...

באלד ציהט זיך נאָך א שורה ווייבער. פּאָראויס לויפט א מיי־דעל צי א ווייבעל אין א ווינטערדיגע נייע רעטאָנדע — אין דער גרוי־סער היטץ, אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי א דיק שייטעל מיט א גרויסען קאַ־פּעליוש, וועלכע האלטען מלחמה מיט די אָבגעשאָרענע האָר וואָס ווייי־זען זיך אויפ'ן שטערען, דאָס שייטעל מיט'ן קאַפּעליוש רוקען זיך אי־

סען שלאָף־ראָק מיט במנוחה'דיגע טריט, און ברומט זיך, מחמת פער־געניגען א שטיל טרויעריג נגונדיל, גאָר נישט, גלאט אזוי...

אין דעם קצבישען געסיל זיצען יודען, האלב־נאַקעט, פאר דער טהיר און שמועסען צווישען זיך; פאר טהייל הייזער איז פאר דער טהיר אויסגעבעט מיט בעטגעוואַנד און א שטעדטילשער בעל הבית האָט זיך עולם הזה אין גלות און שלאָפט זיך פאר דער טהיר.... ערגעץ אונ־טער א לאָדען שטעהט עפּיס איינער שווארץ אָנגעטהון, און יעדעס מאָל, ווען עס הערט זיך טריט געהן, פליהט דער שווארצער שאָטען אין הויז אריין, און אין דער נאכט ווייזט זיך א ווייס פּארטיכעל.... און נאַקעטע הענד האלטען ביים לאָדען אָן, גאָר נישט, גלאט דעם לאָדען צו־מאכען...

אין אַן אונטער־געסעל דרעהען זיך פינף יודען ארויף און אראָב, געהען איבער דער גאַס און זייערע טריט קלאַפּען אין דער שטילקייט פון דער נאכט, שומרים זייגען דאָס, וואָס היטען מען זאָל חלילה דאָס שטעדטיל נישט אונטערצינדען — וואָרום א קול איז ארויסגעגאַנגען, אז די אָרעמע פויערען ווילען דאָס שטעדטיל אונטערצינדען כדי זיי זאָ־לען ארבייט האָבען.

באלד הערט זיך א דריי פון א גרעגער, א הונד בילט, א פייף פון א פייפיל ענטפערט דעם גרעגער, און עס ווערט ווייטער שטיל.

פלוצים הערט זיך א געשריי, דערנאָך א געלויף.

יודען דערשרעקען זיך, מען לויפט פון די הייזלעך ארויס, האלב נאַקעטע ווייבער, האלב נאַקעטע קינדער און מען קוקט גלייך אין הי־מעל אריין: פון וועלכער זייט איז ער רויט.

— פאר וואָס קלינגט מען נישט?

— ווייס איך?

— וואו? מען זעהט דאָך גאָר נישט.

— אודאי ערגעץ אין א דאָרף.

פון דערווייטענס הערט זיך א קול.

— מען האָט זיי געכאַפּט.

א יונג קומט אין דער גאַס אַן צו לויפען, און שרייט אין דער גאַס:

— געכאַפּט!

און דורך דער גאַס פיהרט מען א יונגעל מיט א מיידעל דורך, אלע לויפען, יעדער בעל הבית הויבט זיך אויף פון דער טהיר און געהט

די „חתן־בחורים“ און קוקען עפּיס אויף זיי פון דער הויף, מיט רחמנות: נאָך נישט קיין גאַנצע יורען.

אויפ׳ן צווייטען זייט געסיל געהען צוערשט עטליכע יונגע מיידלעך מיט רויטע אָבגעוואַשענע פּנים׳ר, שוואַרצע שבת׳דיגע צעפּ און ווייסע פּאַרטוכלעך, זיי געהען געלאַסען, און קוקען זיך אַלץ אום הינטער זיך צו דעם רעדעל „כלה־מיידלעך“, וועלכע ווילען זיך אַלץ צוריי־בען צו דעם רעדעל ווייבלעך, וואָס געהען הינטער זיי נאָך פּאַוואָלער, נאָך געלאַסענער. די לעצטע טראָגען טיעפּע שייטלען, מיט נייע שלאָפּ־ראָקען; זיי האַלטען די קעפּ פּעררייסען אין דער הויך און קוקען מיט גדלות אויף די כלה־מיידלעך וואָס געהען פאָראויס פאַר זיי און שטעלען זיך אַלע מאָל אָב ווי וואַרטענדיג אויף עפּיס...

און אַ טונקעלער שאָטען הילט שוין דאָס שטעדטעל איין און ער לאָזט זיך אַוועק ווייט, און אידען געהען פון שוהל, פון בית המדרש אהיים, נאָך טהייל שלעפּט זיך אַן אורח מיט, און זיי געהען זיך אהיים, רוהיג, שבת׳דיג.

---

.2

## פרייטאג צו נאַכט.

די נאַכט שוועבט לייכט איבער דעם שטעדטיל, די געוועלבער זייענען פערמאַכט, און פון די אָפענע פענסטער גיסט זיך דאָס שבת׳דיגע ליכטיגקייט אויף דער גאַס ארוים. פון אויבען, פון הימעל פינקלען די גוטהערציגע שטערען אראָב און זעהען אויס ווי ליכט וואָס זיינען אויך לכבוד שבת אין הימעל אָנגעצונדען געוואָרען. אַ לייכט ווינטעלע בלאָזט און אַ הענגעדיגע שילד קלאַפּט זיך אָן דער וואַנד. טהיילמאָל פערבלאָנדזשעט זיך אין געסיל אַ שטילער זמירות־נגון פון אַ בעל־הבית. און פון די פיער אָפענע פענסטער, וואָס איז אין מיטען מאַרק, פון וואַנען עס גיסט זיך אַ גרויס ליכטיגקייט ארויס, קנאַקט אַ גוואַל־דיגער „מנוחה ושמחה“, און קלינגט אָב מיט רעש אין דער גאַס. מען דערקענט באַלד אין זיין עזות׳קייט, אַז דער נגון קומט פון אַ נגידישען טיש אראָב.

און שטילער ווערט אין געסיל, די אָנגעצונדענע ליכטלעך אין די פענסטער פערלעשען זיך, טהיילמאָל שפּאַציערט זיך אַ יוד אַ אין אַ וויי־

שטעהען א פּאָר גוים און גויעס נעהמען וואסער. אין זייער דערוואַכענדיג אויסזעהען מאכען זיי נעביך דעם איינדרוק פון „קנעכט“. עפּיס אזוי ווי מען וואָלט פלוצים פון זייערע געזיכטער די מאסקעס אראָבגעריסען: גוים, נישט געשטאנען אויפ'ן בארג סיני !....

פון די שווארצע הילצערנע, „כורעים־בוקענדיגע“ הייזלעך שיינען ארויס די אָנגעצונדענע ליכט און קוקען מיט עפּעס א פרעהליכדיגע הייליגקייט אין מארק אריין, די חושכ'דיגע הייזלעך מיט די ליבטיגע שבת'דיגע פענסטער זעהען אויס ווי אָרעמע מחותנים וואָס קומען אויף א חתונה אין צוריסענע בגדים...

אין דער שוהל־גאס.

פון איין זייט שטעהט די הויכע אריסטאָקראטישע שוהל, פון די ברייטע פענסטער פינקלען די ברענענדיגע הענגלייכטער ארויס, דעם חזן'ס לכה־דודי אונטערגעהאלטען פון זעקס מישוררים הילכט אין געסיל, געגענאיבער דער שוהל שטעהט דאָס בעל־הביתישע בית המדרש, פון די פערשטויבטע פענסטער שיינען זיך די ליכטלעך ארויס און דעם שוחט'ס „לכה־דודי“ פון בית המדרש פערשעמט זיך פאר'ן חזן'ס קול. אין טהיר פון בית המדרש שטיפען ווייסע חברה'ניקעס ארום, אורחים שפּארען זיך צו דער טהיר, אז מען זאָל זיי אויף שבת נעהמען.

אין דעם צווייטען האלבען הויז פון בית המדרש וואָהנט דער רב. די פרומע רבי'צין שטעקט איהר שבת'דיג, צנועה'דיג געזיכט ארויס — אין די ווייסע שבת'דיגע הויב — זאָגט עפּיס די גאס אָן: גוט שבת.

אין די חסידים־שטיבלעך האָט מען שוין מקבל שבת געווען, נאָר מען וואַרט מיט מעריב ביז עס וועט גוט שפּעט ווערען, דערווייל שפּאַצירט דער יונגער עולם אין די אטלעסענע קאפּאָטקעלעך, אין די זיידענע גאַרטעלעך אין די גאַס; די דינע פּאות'לעך ציטערען אויף די באַקען; א רעדעל יונגע בחורים'לעך, יונגינקע חסידים'לעך, „פּרואַוו־בחורים“, געהען צוערשט און רוקען זיך אַלץ נעהנטער צו, און רייבען זיך צו דער צווייטער רעדעל „חתן־בחורים“, וואָס געהען הינטער זיי שוין פּאַמעליכער, געלאַסענער און קוקען מיט גדלות אויף די „פּרואַוו־בחורים“, און די חתן־לייטלעך, וואָס געהען נאָך פּאַמעליכער, נאָך געלאַסענער הינטער זיי, די יונגע לייטלעך טראָגען שוין שטריימלעך און דערווייטערען זיך פון

# אַ שבת אין אַ שטעדטיל

.1

## דער שבת אַריינקום.

די זון האָט זיך שוין געטוקט אין דעם וואסער'ל וואָס איז אונ־טער דעם שטעדטיל. און האָט בענקענדיג געקוקט אויפ'ן שטעדטיל — דער שבת קומט אָן, זי געהט אוועק.... יונגען, בעלי עגלות האָבען זיך פלינקער פון וואסער אַרויסגעאײלט. די געוועלבער אין מארק זיינען אַלע שוין פערמאכט, אָבגעוואשענע יודען מיט שבת'דיגע קאַפּאָטעס לאָזען זיך איבער'ן מארק אין דעם שמאָלען שול־געסיל אריין. פאר ר' עוזר וויינשענקער'ס געוועלב שטעהט אַ יוד אַ שניידער מיט אַ געלע באָרד, האַלט עפּעס אונטער דער אָרים, און ער קלאַפּט אין טהיר אריין: — „עפּענט, ר' עוזר". פון אינוויינינג הערט זיך אַ קול: — „עס איז שוין שפּעט", די פערבייגעהענדיגע יודען שאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף דעם געלען שניידער, טהייל ברומען אײלענדיג זיך: — נישט גע־קענט פריהער קויפען! און דער שניידער פערשעהמט זיך, קלאַפּט שטארקער אין טהיר: — נו, עפּענט שוין!

צווישען די פערמאכטע געוועלבער ווייזט זיך ארויס אין עק מארק די אָפּענע אַפּטייק; פון דער צווייטער זייט די אָפּענע שענק, פון וואנען עס הערט זיך אַ האַרמאָניע שפּיעלען, און די אָפּענע געוועלבער ווערען עפּעס ווי פערשעהמט פאר די צוגעמאכטע יודישע קרעמלעך, העלדען זיינען זיי אין זייער דערוואַכענדיג לעבען.

אין מארק בלאָזט אַ לייכט ווינטעל און דערהויבט דעם שטויב. אין דער לופט פליהט דורך אַ גרינער, אויסגעטרעטענער בלאַט פון שאַלאָטע, אַ שטיקעל פליס פּאַפּיער, פון אַן איינגעוויקעלט פלעשעל ווײן; איינינע ציעגען שטעהען און עסען געשמאַק דאָס איבערגעבלי־בענע גרינס פון די „שטעלען". ביי דער ברונען אין מיטען מארק

בען געפיהרט ביי די הענד אין גאָרטען אריין: איינער האָט גערעדט צו איהם פראַנצויזיש, דער צווייטער — רוסיש.

ה׳ פינקעלשטיין האָט געקוקט אויף דעם אַלטען בלינדען יוד, וואָס די אייניקלעך — איינער א פראַנצויזישער גוי, דער צווייטער — א רוסישער יוד — פיהרען איהם ביי די הענד, און עס איז איהם עפּעס א געדאַנק קלאָר געוואָרען. דעם אידישען גלות האָט ער געזעהן פאַר זיך....

ער איז צוגעגאַנגען צום פאָטער:

— ווייסט, טאַטע, מען הרג׳עט וויעדער יודען אין רוסלאַנד. א נייער פּאָגראָם.

דער אַלטער האָט די בלינדע אויגען געווענדעט צום הימעל:

— עס איז א עת־צרה אויף יודען, א גזרה רעה.

א מינוט זיינען זיי ביידע שטיל געבליבען. דער אַלטער האָט זיך פּלוצלונג אָבגערופען, אָנטאַפּענדיג מיט דער האַנד דאָס „פּרעמדע“ אור־אייניקעל:

— זאָג, שלמה, ער איז גע׳מל׳ט?

נאָך א לאַנגען שווייגען האָט דער זוהן שוואַך אָבגעענטפערט:

— ניין, טאַטע.

דער אַלטער האָט ביטער אָבגעקרעכצט.

— נו, ער וועט שוין פון דעם נישט וויסען....

געגענאיבער זיי האָט געלאַכט אין די גליהענדע זון דער ווייסער מאַן־בלאַן, וואָס האָט געלויכטען פון מיילען ווייט.

דער בריעף־טרעגער האָט די צייטונג געבראַכט. ה׳ פינקעלשטיין האָט היינט, ווי יעדעס מאָל, פלינק די צייטונג אויפגעעפענט און אָנגע־הויבען צו לעזען הויך אויפ׳ן קול. פּלוצלונג איז ער שטיל געבליבען, און בלייך אוועקגעלעגט די צייטונג זיך אין טאַש און אָנגעהויבען פון עפּעס אנדערש צו רעדען.

די טאָכטער האָט דערנאָך די גאַנצע צייט די צייטונג ארומגעזוכט, האָט אָבער זי נישט געפונען. די צייטונג איז ערגיץ פערפאַלען גע־וואָרען.

ה׳ פינקעלשטיין האָט זיך אליין אין גאָרטען ארונגעדרעהט. ער האָט געוואָלט עמיצען דערצעהלען, זאָגען וואָס ס׳איז געשעהן. א פּאָ־גראָם, א נייער פּאָגראָם אויף יודען — הונדערטער דער׳הרג׳עטע, פער־וואונדעטע, יודיש פערמעגען צוראבעוועט.... א פּאָגראָם.... ער האָט גע־מוזט האָבען וועמען צו דערצעהלען. דער טאָכטער האָט ער מורא גע־האַט צו זאָגען דערפון, זי זאָל נישט קראַנק ווערען. ער האָט דערזעהען די שנור אין גאָרטען שמועסענדיג מיט׳ן בעל הבית פון הויז. ער האָט זי אוועקגערופען אָן א זייט און אָנגעהויבען דערצעהלען איהר, מיט א שטילען טאָן: אַן אונגליק, אזוי פיעל מענשען אויסגע׳הרג׳עט, קינדער, קליינע קינדער צושניטען.

די שנור האָט די אַקסלען אויפגעצויגען, געקוקט אויף איהם פער־וואונדערט און געפרעגט:

— פאַר וואָס הרג׳עט מען? ווי הייסט, מען הרג׳עט? פאַר וואָס?

ער האָט איהר ניט געקענט געבען צו פערשטעהן: מען הרג׳עט, ווייל מיר זיינען יודען.

די שנור האָט עס נישט פערשטאַנען. זי האָט זעהר בעדויערט, עס איז איהר אָבער צום סוף לאַנגווייליג געוואָרען דאָס בעדויערען, איז זי מיטגעפּאָהרען מיט׳ן בעל הבית אין וואַלד אריין.

ה׳ פינקעלשטיין איז געבליבען שטעהן אין גאָרטען. עס האָט איהם געדריקט דאָס שרעקליכע נייעס, און ער האָט עס געמוזט עמיצען דער־צעהלען — א נאָהנטען, וואָס זאָל עס מיטפיהלען. ער האָט דער־זעהן דעם פּאָטער, דעם בלינדען יוה, וועלכען די ביידע אייניקלעך האָ־

פון „דאָרט“ דערהערען אַ גוט בשורה, אַז ער זאָל קענען צוריק פּאָה־רען צו זיינע געשעפטען. דאָ, אין אויסלאַנד, האָט ער זיך געפיהלט פּרעמד און שלעכט. ער האָט נישט געוואוסט, צו וואָס מען נעהמט זיך, וועגען וואָס מען קלערט, און האָט געוואַרט מיט אונגעדולד, ביז „אין דער היים“ וועט רוהיג ווערען. אָבער דאָס רוסישע בלאַט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין דער וועלט פיער טעג ביז עס איז צו זיי אָנגעקומען, האָט יעדען טאָג אָבגעגעבען פון „דער־היים“ זעהר שלעכטע גריסען. אַלע טאָג נייע הריגות, אומגליקען. עס איז געווען אין די טעג פון דער דומע. און לייענענדיג דאָ, אין רוהיגען גאָרטען אין סאַוואָיא, די רע־דעס פון די דעפּוטאַטען, איז ה׳ פינקעלשטיין געוואָרען אַזוי בעגייס־טערט, דאָס ער איז אַרומגעגאַנגען און אויסגעקלערט אַ רעדע, וואָס ער וואָלט געהאַלטען, ווען ער וואָלט געווען אַ דעפּוטאַט. און ניט האָבענ־דיג פאַר וועמען די רעדע צו זאָגען, פלעגט ער אַליין פאַר זיך די רעדע אָבהאַלטען אָדער זוכען אין פראַנצויזישען ווערטער־בוך ווערטער, כדי די רעדע זיינע צו איבערזעצען און זי אין אַ פראַנצויזיש בלאַט אָב־דרוקען.

---

עס איז געווען אַ יונגער פריהלינגס־טאָג. די גאַנצע פאַמיליע איז אויף דער וועראַנדע געזעסען און מיטאָג געגעסען. דער בלינדער זיידע איז ביים עק טיש געזעסען, נעבען איהם — ביידע אור־אייניקלעך, וועל־כע האָבען זיך מיט זיינע הענד געשפּיעלט און געפרעגט איהם פער־שיעדענע שאלות. דאָס „פרעמדע“ אור־אייניקעל האָט ער נישט פער־שטאַנען — האָט מען איהם גענאַרפט איבערזעצען אויף יודיש, און ער האָט איהם אָבגעענטפערט. די שנור פון פאַריז פלעגט קוקען מיט זעהר גרויס דרך ארץ אויף דעם אַלטען, און האָט עפּעס אַזוי ווי פאַר איהם מורא געהאַט... דער אַלטער ר׳ נחום האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס „פרעמדע“ אור־אייניקעל איז שוין נישט קיין יוד, נור ער האָט עס ווי געפיהלט. דאָך האָט ער דאָס קינד נישט ווינציגער ליעב געהאַט פון יענעם אייניקעל. ער האָט נאָר אויף דאָס קינד גרויס רחמנות גע־האַט. און אַנטאַפּענדיג זיין פול, רונדיג פּנים׳ל, וואָס האָט מיט אַ שמייכעלע אַרויסגעלאַכט צום זיידען, האָט ער געפיהלט, אַז עס איז נישט דאָס דאָר, ציטערענדיג, בלייך געזיכטעל פון יענעם אייניקעל — עס איז אַן אַנדער קינד...

עס אויך גאַנץ ווינציג אויסגעמאַכט. ער איז אַ דאָקטאָר און האָט געלד אַ וואוינונג אויסצומעבלירען זיך — און זי וועט ביי איהם אַ שעהן לעבען האָבען.

דער ה׳ פינקעלשטיין איז געווען איינער פון די אַלטע משכילים, וועלכער האָט די פינגער געלעקט פון אַ העברעאישען שיר און איז בטל געוואָרען פאַר יעדען יונגעל, וואָס טראָגט מעשענע קנעפּ פון אַ שול-אַנשטאַלט, און וואָר רעדט נאָך פון „פראַנצויזיש“. איהם האָט עס יאָ אפילו בשעת מעשה פערדראָסען, ווען דער זוהן האָט איהם געשריי-בען, אַז ער נעהמט אַ קריסטין פאַר אַ פרוי: „אַלמאַי וואָלט זי זיך מגייר געווען — האָט ער גע׳טענה׳ט — אין פּאַריז מעג מען זיך דאָך מגייר זיין.“ נאָר די טעכטער האָבען געלאַכט פון איהם און בעוויעזען איהם, ווי ער איז ניט טאָלעראַנט. „פאַר וואָס זאָל ער זיך ניט שמד׳ן ?“ — האָבען זיי צוריק גע׳טענה׳ט — „יודען זיינען קיינמאָל ניט טאָלעראַנט !“ דער פּאָטער האָט זיך אַביסעל געשעהמט פאַר די קינדער צו ווייזען זיך פאַר אַ רעאַקציאָנער, אַ פאַנאַטיקער. אין הויז האָט מען אויפגעהערט צו רעדען דעריבער.

זי, דעם זוהן׳ס פרוי, קומענדיג צופאָהרען צו זיינע עלטערן, האָט געמיינט, אַז זי וועט טרעפען דאָ אַ פרעהליך לעבעדיג רוסיש הויז, וואָס וועט זי ענטציקען מיט דער ברייטקייט און נאָך ווילדקייט פון דער רו-סישער נשמה, פון וועלכע זי האָט אַזוי פיעל געלעזען און געהערט דער-צעהלען. אידען האָט זיך אַבסאָלוט ניט געקענט. ווי איבערהויפּט די אויסלענדער, האָט זי געהאַלטען יעדען יודען פאַר אַ יודישען רוס, אָבער באַלד אין די ערשטע טעג פון איהר אָנקומען, האָט זי געזעהען, אַז די „רוסען“ לעבען גאַנץ אַנדערש, ווי זי האָט עס זיך פאָרגעשטעלט. אָנ-שטאַט „פרעהליכע“ האָט זי געטראָפען מענשען מיט זעהר שווערע געמי-טער, צובראָכענע הערצער, יעדערער געהט זיך זיין איינזאַמען וועג. און איבערהויפּט, איבער דעם גאַנצען הויז שוועבט עפּעס אַ מרה-שחורה, וואָס זי האָט דאָס באַין אופן נישט געקאָנט פערשטעהן....

אַזוי האָט געלעבט דאָס הויז, יעדערער בעזונדער אין זיין וועלט — ווייט פון זייער היימאַט אין אַ פרעמד לאַנד, אין דער שעהנער פראָווינץ סאַוואָיאַ אונטער דעם וויים-בעשנעעטען מאָן-בלאַן.

דער ה׳ פינקעלשטיין האָט נישט געהאַט אָבגעריסען מיט דער היים אַלע זיינע נעשעפטען. ער האָט נור אָבגעוואַרט די צייט, ביז מען וועט

נור דרויסען אין דער גאַס איז א רעש... א געוואלד... מען שיעסט, ווײ־בער הליש'ן... קינדער וויינען... שכורים שרייען... פון דעמאָלט אָן פיהלט זיך דער אַלטער, ווי ער וואָלט שטעהן געבליבען אין מיטען אין א גרויסען וויסטען מדבר, ארום איהם ליעגען שטיינער, און ווי ער ריהרט זיך, פאלט ער איבער עפּיס. מען האָט איהם געפיהרט ערגעץ ווייט אוועק, אין א פרעמדע מדינה. פערשיעדענע שפּראכען האָט ער געהערט אַרום זיך, פערשיעדענע מענשען זיינען געזעסען ארום איהם — אַלץ ווייטע, פרעמדע. איצט איז ער אויף אַן אָרט, אין אַן אַנדער שטוב. דאָ מוז עפּעס זיין נעבען הויז. א ווינד יאָגט, א בייזער ווילדער ווינד קומט יעדע נאַכט אָן צו יאָגען און וויינט אין פענסטער. די שטוב איז איהם פרעמד. וואו מען זעצט איהם אנידער — דאָרט בלייבט ער זיצען און וואַרט ביז מען וועט איהם פון דאָרט אוועקפיהרען. ער האָט זיך מורא צו ריהרען פון אָרט, ער זאָל נישט אָן עפּיס וואָס זיך אָנקלאַפּען. אזוי זיצט ער גאַנצע טעג, דאַווענט אָדער זאָגט תהלים. גאָט איז אומעטום, ער וועט איהם פון דאַנען אויך הערען....

ביי־טאָג ווי ביי־טאָג, נאָר ווען די נאַכט פאלט צו, און א ווינד קומט אָן צו יאָגען פון דעם הויכען באַרג מאָן־בלאַן און טוליעט איין מיט איין פליעגעל דעם גאַנצען וואַלד און קלאַפּט אויף די ווענד פון דעם הויז — פלעגט דער אַלטער זיצען אין א ווינקעל און ציטערען. אַן אימה פלעגט איהם בעפאלען. ער האָט עפּעס פערשטאַנען, אז דאָס איז נישט א היימישער ווינד. דאָ נעבען איהם, הינטער'ן הויז מוז עפּעס אַזעלכעס זיין, פון וואַנען עס קומט צו יאָגען דער ווינד — נאָר וואָס דאָס איז אַזעלכעס, האָט דער אַלטער זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלען. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז דאָס מוז זיין עפּעס אָן אוננאַטירליכעס, אַזעלכעס, וואָס מיר, פּראָסטע מענשען, זיינען נישט געוואוינט צו דעם, און ער פלעגט מורא קריגען דערפאַר...

צו דער משפּחה איז געקומען צופאָהרען דעם זוהן'ס פרוי פון פּאַריז מיט איהר'ס א פינף־יעהריג קינד. זי איז געוועזען א קריסטין — א פּאַריזער קליין־בירגער'ס א טאָכטער, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון די פּאַריזערינס: אָפענהערציג, גוט, לייכטזיניג און איבערהויפּט קאָקעט. זי האָט פאַר איהר מאַן חתונה געהאַט, נישט אָבשטעלענדיג זיך פיעל, צי ער איז יאָ א יוד אָדער נישט. עס האָט איהר גאַנץ ווינציג אויסגעמאַכט: זי האָט איהם ליעב געהאַט. איהרע עלטערן האָט

מענשען. ער האָט תמיד געפונען זיין אָרט און געוואוסט יעדע זאַך, וואו זי געפינט זיך — אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט מיט זיינע הענד טאַפּען, אַנשטאָט די אויגען צו בענוצען.

אין דעם אינטעליגענטען הויז ביי ה׳ פינקעלשטיינען איז דער אַל־טער געוועזן זעהר בעליעבט. די קינדער האָבען זיך געלערנט אין אויסלאַנד און ווען זיי פלעגען אַמאָל אויף א יום־טוב אהיים קומען צו די עלטערן און געפינען דעם אַלטען בלינדען זיידען אין א ווינקעל שטוב, פלעגט ער אויף זיי מאַכען אַן איינדרוק עפּעס ווי אַן אַלט ספר, וואָס מען האַלט עס אין שטוב פון א זכר וועגען, אָדער ווי אַן אַלטער אנטיק, וואָס האָט דורכגעלעבט געוועזענע צייטען...

פון פּאָגראָם אָן, איז דער אַלטער געוואָרען צופיהרט אין גאַנצען און פיהלט זיך זעהר פרעמד און שלעכט. ער האַלט זיך אליין פאר אי־בערדריסיג. „געננוג", פלעגט ער זיך אליין זאָגען — און עס האָט זיך איהם געוואָלט שטאַרבען. נישט, אייגענטליך, דער פּאָגראָם אליין האָט געמאכט אויף איהם אַזא איינדרוק. דער פּאָגראָם איז ביי איהם געווען א געוועהנליכע זאַך: עס איז געקומען אַן „עת צרה" אויף אידען — און דאָס איז פאר איהם גענוג געווען צו ערקלערען די לאַגע: עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, עס איז נישט דאָס לעצטע מאָל... אין יעדען דור פלעגען קומען צרות אויף יודען; אונזערע עלטערן האָבען אַזעלכע צרות געהאַט, מיר — אַזעלכע. און ווען מען האָט איהם פון שטוב ארויסגענומען און בעהאַלטען איהם אויף א בוידעם, איז עס ביי איהם געווען רעכט; קיין וואונדער נישט, — אַזוי ווי ער וואָלט זיך גע־ריכט אויף דעם. האָט ער געהערט שיסען, געוואַלדען — האָט ער וידוי אָבגעזאָגט און איז גרייט געווען... נאָר פון דער צייט אָן, אז מען האָט איהם אויף דעם בוידעם ארויפגעפיהרט, פיהלט ער זיך אַרום זיך פרעמד. אין שטוב ביים זוהן פלעגט ער געהן פינף טריט פון זיין „אָרט", אָנ־קלאַפּען מיט׳ן שטעקען — איז געשטאַנען דער טיש. נאָך דריי טריט רעכטס — איז געשטאַנען דער אַלמער, דאַן קלאַפּט ער אָן מיט׳ן שטע־קען אין טהיר פון סאַלאָן, און דערנאָך איז דאָס פענסטער. ער האָט זיך אָריענטירט און געוואוסט, וואו ער געפינט זיך. נאָר זינט מען האָט איהם אויפ׳ן בוידעם אַליין איבערגעלאָזט, איז ער שטעהן געבלי־בען ערגיץ אין א „מיטען". געקלאַפּט מיט׳ן שטעקען רעכטס, לינקס, גערופען שטיל א נאָמען — קיינער האָט איהם נישט אָבגעענטפערט, —

נעם זיינען אין זייער גאס אריין, האָט זי זיך מיט איהר קינד בעהאַל־טען ביי א בעקאַנטען קריסט. דער קריסט האָט אפילו ארויסגעוויזען זיין אונצופריעדענהייט, נישט איבער שלעכטסקייט ווי איבער שרעק, אַז די הוליגאַנעס זאָלען זיך אויף אָן איהם נישט נוקם זיין, געפינענדיג זיי דאָ, — נאָר דאָך האָט ער נישט געקאָנט, אַלס אַן אַלטער גוטער פריינד, מעיז פּנים זיין. דאָס קינד האָט אָבער אין רעש אָנגעהויבען צו ציטערען און וויינען... אין שטוב איז געוואָרען אַ שרעקליכע אויפ־רעגונג. זיי האָבען געפּרובט דאָס קינד איינצונעהמען מיט אַלעס, אָבער דאָס דערשראָקענע נערוועזע קינד איז אונמעגליך געווען איינצו־שטילען. דער קריסט האָט זעהר בעדויערט, ער האָט אויך קליינע קינ־דער, און כמעט ווי געסטראַשעט זי מיט'ן ארויסוואַרפען. נאָר דאָס קינד, פּלוצלונג דערהערענדיג די שאָסען פון די זעלנערשע זאַלפּען אין גאַס, האָט אויפגעהערט צו וויינען און פערשפּיעלט זיך מיט די שאָסען. כדי דאָס קינד וואָס מעהר צו פערשפּיעלען, האָט די מוטער עס צוגע־נומען צום פענסטער, איינהאָרכענדיג זיך.

— וואַרט, וואַרט, יוכפ'ל, אָט באַלד וועט ווייטער מאַכען פּיף־פּאַף....

— הערסט, מאַמע, אָט, אָט ווי עס מאַכט: ראַם־ראַם: האָט דאָס קינד זיך געפּרעהט, פּאַטשענדיג זיך אין די הענדטלעך מיט נאָך פול־פערוויינטע אויגעלעך.

דאָס האָט איבערגעלאָזען אין דער מוטער אזא איינדרוק, אז יע־דעס מאָל ווען זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם, — פּלעגט זי אַנידערפאַ־לען אויף דער ערד, האקען זיך דעם קאָפּ אָן וואַנד, רייסען די האָהר פון קאָפּ, קריצען מיט די צייהן און אויסשרייען מיט א נישט־מענשליכער שטים:

מיט ה' פינקעלשטיינען איז אויך מיטגעקומען זיין פאָטער, ר' נחום — אַן אכטציג־יעהריגער בלינדער זקן, מיט א הויכען שטערן און א לאַנגער ווייסער באָרד. דער זקן, וואָס איז שוין בלינד געווען 20—30 יאָהר, האָט אייגענטליך די אויגען שוין נישט געדאַרפט און האָט שוין נישט געבענקט נאָך זיי. זיין דאַווענען מיט דעם יום תהלים פאַר יעדען טאָג האָט ער געקענט אויסווייניג און אין די צימערען פון זיין זוהן'ס וואוינונג אין אדעס, ביי וועלכען ער איז געווען זינט ער איז אַן אַלמן געוואָרען, איז ער געווען אזוי בעקאַנט, ווי יעדער איינציגער פון די הויז־

# אין דער פרעמד

ה' פינקעלשטיין האָט נאָכ'ן פּאָגראָם פערלאָזט אדעס און איז ארויסגעפאָהרען קיין אויסלאַנד. ער האָט געהאט וואוינען א זוהן אין פאריז — יענער איז שוין אין פאריז א צייט מיט יאָהרען. התונה גע־האט און געוואָרען א גאַנצער דאָרטיגער — האָט ער צו איהם געשריבען א בריעף, אז ער וויל ארויספאָהרען קיין אויסלאַנד. דער זוהן האָט פאר'ן פאָטער און פאר די גאַנצע משפּחה אָבגעדונגען א ווילע — אַן אַלט שלאָס אין דער פראָווינץ סאַוואָיא — וואוהין ה' פינקעלשטיין און זיין פאמיליע זיינען אוועקגעפאָהרען צו פערבלייבען דאָרט, ביז עס וועט רוהיג אין דער היים ווערען.

דאָס שלאָס איז געלגען אין אַן אַלטען פערלעגטען גאָרטען נעבען א געדיכטען שווארצען וואלד טיעף אין טהאָל, אונטער דעם באַרג מאָן־בלאַן, וועלכער האָט תמיד אריינגעקוקט אין דעם קליינעם דאָרף מיט זיין ווייסען בעשנעעטען קאָפּ. דאָרט איז זעהר שטיל געווען. דאָס שלאָס פלעגט גאַנצע מאָנאַטען ליעגען אין שאָטען. און פון געדיכטען שווארצען וואלד פלעגט א ווינד יאָגען און בויגען די הויכע טאָפּאָלען, וואָס זיינען געשטאַנען ארום דעם שלאָס, און געוואָרפען זייערע צוויי־גען אויף דעם דאַך פון הויז, אז עס האָט דערוועקט אַן א י מ ה.

געקומען מיט ה' פינקעלשטיין איז זיינע א טאָכטער, אַן א ל מ נ ה, מיט איהר'ס א זיעבען־יעהריג יונגעל. דאָס קינד, אזוי ווי די מוטער, איז געווען זעהר שוואַך, מיט שרעקליך אויפגערייצטע נער־ווען. נאָר בעזונדערס איז די מוטער פון דעם קינד זעהר נערוועז קראַנק געווען. יעדע מינדעסטע איבערראַשונג, וועלכע איז געקומען איבער איהר א ו נ ג ע ר י כ ט, פלעגט זי טרייבען אין א קרעמפּפען־שוואַכקייט; ביי יעדער בעוועגונג פלעגט זי דערציטערט ווערען, איינ־ריידענדיג זיך, אז א נישט געזעהענע קראפט פערפאָלגט זי...

די קרענק האָט זי בעקומען בשעת דעם פּאָגראָם. ווען די חוליגאַ־

פינסטערע נעכט, דורך די לאַנגע ווינטער־נעכט, דאָס בליהעכטס געהאַל־
טען, געהאָדעוועט.

נאָך וואונדערט זיך די וועלט. די מענשען אָבער פון דעם לאַנד,
פאַר וועלכע דער גערטנער האָט זיין בוים געפלאַנצט, האָבען די צווייגען
פון בוים אָבגעריסען, און מיט זיי דעם לייב פון דעם גערטנער גערדראָ־
שען, די האָאר פון קאָפּ האָבען זיי איהם אויסגעריסען, זיינע קינדער
האָבען זיי פאַר זיינע אויגען געשאָכטען, זיינע טעכטער האָבען זיי פאַר
זיינע אויגען פעראונרייניגט, פון זיין מוטער די בריסטען געשניטען און
פאַר די הינד געוואָרפען.

נעהם דו, גערטנער־וואַנדלער, א וואָרצעל פון דיין פלאַנצעכטס
אין פּאָלע און געה אין דיין וואַנדלער־וועג דיין בוים פלאַנצען.

דיין גאָרטען איז שוין פאַרטיג, מיט די שאַרפסטע מעסער וועט
מען זיינע צווייגען נישט קענען אָבשניידען, מיט די שאַרפסטע העק
וועט מען זיינע בוימער נישט קענען אונטער־האַקען, אין די וואָרצלען
פון דעם גאָרטען לעבט דיינע קינדער׳ס בלוט.

פון די פרוכט פון גאָרטען וועלען אנדערע געניסען, דו געה אין
דיין אייביגען וואַנדלער־וועג, זיי מקיים דיין גאָט׳ס שליחות, — דיין
פרייהייטס־בוים פלאַנצען.

דעם וואָרצעל האָסטו אין דיין פּאָלע איינגעבונדען.

אז ער זאָל פוילען, צו טיעף איז ער אין דער ערד ארייננעדרונגען, אז מען זאָל איהם אויסרייסען קענען.

צווישען די שטיינער האָבען זיך די בלעטער, די צווייגען פון וואָר־צעל געריסען, און געבליהט, און געצויגען זיך צו דער זון.

און צווייג אויף צווייג, און בלאַט אויף בלאַט האָבען די וועכטער פון לאַנד געריסען: סם איז עס; געוואַלד, איהר וועט זיך פער׳סם׳ען!

נאָר בחנם: די ערד האָט זיך אָן דעם וואָרצעל אָנגעשטעקט, דאָ האָט מען דעם וואָרצעל אויסגעריסען, דאָ האָט ער אָנגעהויבען צו בלי־הען; דאָ האָט מען דאָס בליהען פערשטיינערט, דאָרט האָט עס פון צווישען די שטיינער און מויערען זיך געריסען.

וואָרום נאָכט אויף נאָכט איז דער גערטנער געקומען, קינד נאָך א קינד האָט ער אויף דעם וואָרצעל געשאָכטען, און דאָס יונגע בלוט האָט דעם וואָרצעל מחיה געווען, די ערד וואַרעם געמאַכט, אז דער וואָרצעל זאָל זיך אין איהר קענען האַלטען.

בחנם איהר ווינדען, בחנם איהר שטורמען, דעם וואָרצעל, דעם שורש וועט איהר ניט קענען אויסרייסען.

— גערטנער, דו גערטנער, וואָס פלאַנצט דו דאָ, אז דיר לוינט דיינע קינדער אויף דעם וואָרצעל צו שעכטען?

— איך פלאַנץ דאָ פאַר אייך א פרייהייטס־בוים, וועט איהר פון זיינע פרוכטען געניסען, וועלען אייך די אויגען זעהענדיג ווערען, וועט איהר דעם יאָך פון די אַקסלען וואַרפען, וועלען אייך די פערבונדענע הענד בעפרייט ווערען, וועט איהר פון קנעכט צו מענשען ווערען...

— ניין, דו גערטנער, ניין! אונזער קלימאַט איז צו קאַלט פאַר דעם געוויקס, אונזער ערד צו האַרט פאַר דעם וואָרצעל, אונזער מענש איז צו גראָב פאַר די פרוכט...

פון זיין לייב האָט מען פאַסען געריסען, שטראָמען בלוט האָבען זיך פון זיינע אָדערען געגאָסען, אין די ערד אַריינגעפלאָסען, ווייכער איז די ערד געוואָרען, וואַרעמער איז די ערד געוואָרען, און זי האָט זיינע פלאַנצען געוואַרעמט.

און ווי גאָט׳ס א וואָרט, אַזוי האָט זיך דאָס בליהעכטס פון אונטער די שטיינער געריסען, דורך נאַכט אויפגעוואַקסען, אין א שעהנעם פריה־מאָרגען פאַר דער וועלט געשטאַנען.

די וועלט האָט זיך געוואונדערט, ווער האָט דאָס אַזוי דורך די

שוועך, אונגעהייער שווער האָט דער וואָרצעל פון דעם איילבירט־בוים אין די נייע לענדער זיך אָנגענומען. צו קאַלט איז די ערד געווען דעם וואָרצעל חיונה צו געבען, אין זיינע אָדערען חיות אריינגעבען. נאָר קוים האָבען זיך די צווייגלעך פון דעם איילבירט־וואָרצעל פון דער ערד אויסגעבראָכען, האָט דער זיידע געוואוסט, אז עס איז שוין מעהר פאַר איהם קיין אָרט נישט דאָ, האָט ער פון די וואָרצעל פון דעם ניי־פער־פלאַנצטען בוים גענומען און ווייטער אין וואַנדלער־וועג געגאַנגען.

נאָר שווערער פון אלע לענדער איז דעם זיידען אָנגעקומען צו פער־פלאַנצען זיין איילבירט־וואָרצעל אין דעם פינסטערען לאַנד, אין וועל־כען ער איז אריינגעקומען. צו האַרט איז די ערד געווען אין איהר צו גראָבען. צו גראָב און ווילד זיינען זיינע איינוואָהנער געווען צו פער־שטעהן דעם ווערטה פון אַן איילבירט־בוים.

האָט ער געפּרופּט זיין לאָפּאַטע אין די ערד אריינשטעקען, האָבען זיך ארום איהם די איינוואָהנער פערקליבען, זיין לייב צוריסען, זיינע פינגער אויסגעדרעהט:

— מענש, וואָס פערדארבסטו אונז די אויבערפלאכע פון דער ערד?

האָט זיך דער גערטנער ביינאכט אין קעלט און רעגען געפּערדערט, בעהאַלטענערהייט זיין וואָרצעל פערפלאַנצט, בעהאַלטענערהייט פאַר גאָט און מענשען.

אָבער צו קאַלט איז די ערד געווען אין זיך דעם וואָרצעל צו האַל־טען, צו קאַלט איז דער קלימאַט געווען דעם איידעלען וואָרצעל צו ענט־וויקלען, צו פוילען האָט ער אָנגעהויבען — איז דער זיידע געקומען, יעדע נאכט זיינס א קינד געשאָכטען, און מיט דעם בלוט די ערד אָנגע־ווארעמט דעם וואָרצעל צו ערהאַלטען ביים לעבען.

האָט דער וואָרצעל זיינע צווייגלעך פון דער ערד אָנגעהויבען ארויסשיקען, זיינען זיך צוזאמענגעקומען די היטערס פון דעם לאַנד און האָבען געזאָגט, אז די בלעטער פון בוים זיינען סם פאַר די איינוואוינער און האָבען זיי ארויסגעריסען. דאָס אָרט וואו די בלעטער האָבען זיך געוויזען האָבען זיי מיט שטיינער אויסגעשטיינערט....

אָבער דעם וואָרצעל פון דעם איילבירט האָבען זיי ניט געקענט אויסרייסען. צופיעל בלוט האָט דער וואָרצעל אין זיך איינגעזאַפּט,

# א צואה

קייטען, הערט אויף צו קלינגען; מערדער, הערט אויף די מעסערס צו שלייפען! זעצט אייך, פערוואונדעטע, אויף דער ערד אנידער, פערשטיקט אויף א וויילע אייערע וואונדען מיט די צויטלען פון אייערע אבגעריסענע קליידער. יתומים, לעהנט אן אויף א ווייל די מיעדע קעפ אויף די לייבען פון אייערע אייגענע. לאזט רוהען אויף א מינוט דאס צושפאלטענע קינד ביי איהר מוטער'ס אבגעשניטענע בריסטען. פעראומרייניגטע שוועסטער, ענטפלעקט אויף א רגע די געזיכטער פון די פערשטעלטע הענד. דעקט די טויטע מיט די שווארצע לייליכער צו, און דער שטיל הערט מיך אויס, מיט די הערצער הערט מיך אויס, דאס וואס איך וועל אייך דערצעהלען פון הינטער דעם תלין'ס מעסער.

נישט טרייסטען בין איך אייך געקומען, נאר א צואה בין איך אייך געקומען לייענען. א צואה פון אונזער זיידען. און וועט איהר אויף דעם בלוט קוקען, וואס די ערד האט אין זיך איינגעזאפט — זאלט איהר וויסען, פאר וואס עס איז פערגאסען געווארען. און וועט איהר אויף אייערע מתים קוקען — זאלט איהר וויסען צוליעב וואס זיי זיינען געשאכטען געווארען.

פון דער פרעמד איז אונזער זיידע געקומען צו ציהען, אין א פינסטער, ווילד לאנד. הארט, גראב, און אונבעארבייט איז געוועזן די ערד פון דעם לאנד. גראב, ווילד און קנעכטיש איז דער מענש געוועזן, וועלכער האט דאס לאנד בעוואוינט. אין פאלע פון זיין קלייד האט אונזער זיידע א וואַרצעל געהאַט איינגעבונדען. א וואָרצעל פון אן איילבירטבוים, וועלכען ער האט געפיהרט מיט זיך פון איבער ימים און טייכען, פון איבער בערג און טהאלען, פון זיין „היימאט“ לאנד. וואו ער האט זיך אבגעשטעלט אין זיין אהן־צוועקליכען רייזע־גאנג, האט ער דעם וואַרצעל איינגעפלאנצט.

— אָב הרחמן ! שמ—ע קו—ל—נו ה' אל—הי—נו חוס ור—חם ע—לי—נו.

און דרויסען ביי דעם שולעכיל איז נאָך שטיל, שטיל און שווייגענדיג, נאָר עס הערט זיך ווי אַ קול געהט פון דערווייטענס, איין געוואלדיגער רעש'דיגער קול מיט עזות. מען ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אזוינס ? און דאָס קומט... מען הערט, ווי טויזענדער שטיקער אייזען וואַלטען אויף שטיינער געקלאַפּט, עפּעס אַן אונגעהויערע קראַפט איז אין אַ ווילדע חיה אריין, און די חיה קומט אָן. שטיל איז נאָך דערוויל, נאָר אלע פיהלען, אז עפּעס וואָס דארף באלד אויסברעכען... הורא! הורא! די חיה האָט טריאומפירענד די שטאָלענע רינגען פון איהר לאנג געפּעסעלטען שטייג אויסגעריסען און קומט, אָט מאכט זי חרוב די גאנצע וועלט...

און דער עולם אין דער שטיל שטעהט צוזאמענגעדריקט איינער צום צווייטען.קיינער ריהרט זיך נישט פון אָרט. מען שאָקעלט זיך ; טאַטעס כאפּען די קינדער אויף די אקסלען און פון די ווייבער הערט זיך אַ ווילדער מורא'דיגער געשריי, אַ געשריי אָהן אַ וואָרט, אָהן אַן אויסדרוק. און דער קול פון די מתפּללים ברעכט זיך ארויס, און צווישען די קולות הערט זיך דעם רבינ'ס ערנסטע רייסענדיגע שטימע, ווי ער זוכט אין די ווערטער די איינציגע הילף.

— אָב הרחמן שמ—ע קו—ל—נו ה' אל—הי—נו.

און די עדה איז איין הארץ און איין קול.

— אָב הרחמן שמ—ע קו—ל—נו ה' אל—הי—נו.

און אין דרויסען שטעהט שוין די ווילדע חיה, מען שפּירט איהר הייסען דאָרשטיגען אָטהעם... אונגעהויערע לאַפּעס, דאכט זיך, קלאַפּען אויף די ווענט, אָט, אָט מען זוכט... מען טאַפּט...

און אינעווייניג איז איין קול און די איינציגע הילף איז —

— אב הרחמן ! אב הרחמן !

און פון דרויסען שרייט די דאָרשטיגע חיה :

— הורא ! הורא !

און די קולות פון דרויסען און די קולות פון אינעווייניג האלטען מלחמה, ווער ועמען וועט גובר זיין.

אויף אַ מינוט ווערט דער עולם שטיל, מען וואַרט.

קראַך, קראַך, די טהיר איז צושמעטערט.

און א קינדיש וויינענדיג קול'כעל האָט מיטגעהאָלפען די עדה דריקענדיג די זעלבע ווערטער ווי אַן אַלטער.

און דער באַלקען און די פּאָדלאָגע און אַלע פּיער ווענט זיינען איין שטיק, איין שווארצער פלעק און אלע שטימען זיינען איין ערנסט טרויעריג קול.

א ודוי פון א גאַנצער עדה...

און פינסטער איז אַרום, און דער שטראַהל פון דעם „נר תמיד'ל" דרינגט איבער דעם פלעק.

און דער צוזאַמענגעגאָסענער, שווארצער פלעק בעוועגט זיך אהין און צוריק, און די קולות, וואָס זיינען א תפילה פון איין הארץ, לאָזען זיך הערען צו ערשט פאַמעלעך, פאַמעלעך, נאָר וואָס א מאָל העכער און העכער.

פלוצים ווערט שטיל צווישען דעם עולם. דער שווארצער פלעק שטעהט, ווי ער ווארט אויף עפּעס. נאָר אין דרויסען איז שטיל. מען הערט אפילו קיין שאָרך נישט, דאָך קען מען עפּעס נישט ווייטער דאַוועגען. די שטילקייט ווערגט, די שטילקייט שרעקט. מען ווארט... מען האָרכט... באַלד פון דערווייטען, פון גאַנץ ווייט הערט זיך א געלייפיג רוישענדיג קול, עס געהט, עס געהט און קומט אָן. וואָס איז דאָס אזוינס? און דער רעש'דיגער קול געהט וואָס א מאָל נעהנטער.... מען דערקענט, ווי ער קומט אָן...

מען געהט!

און דער עולם, צוזאמענגעגאָסען אין איין שטיק, הויבט זיך פלוצלונג אָן צו שאָקלען, בלייבענדיג אויף איין אָרט, און פערשיעדענע שטימען, מענליכע, ווייבליכע און קינדערשע גיסען זיך צוזאמען, עס ווערט איין קול, און דער קול איז שרעקליך טרויעריג:

רבונו של עולם! רבו—נו של עו—לם.

און פלוצלונג הערט זיך דעם רבי'נס שוואכע, אין טרעהרען פערטונקטע שטימע מיט א מין זיכערקייט און פעסטקייט:

— אב הרחמן! שמ—ע קו—ל—נו ה' אל—ה—נו חוס ור—חם ע—לי—נו.

און דער עולם האָט שוין אָן אַלעם פערגעסען, — איין צער אין הונדערטער הערצער צוגיסט זיך אין איין קול:

פּלוצים, מען ווייס ניט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען, און דער פּלעק פּלאַצט, און יעדער איינציגער הויבט זיך אָן צוצושטופּען צום אָרון הקודש. טייל באַפּען די קינדער אויף די אַקסעל און שטופּען דעם צווייטען און לאָזען זיך אויף די טרעפּלעך צו צום אָרון הקודש. אין שו־לעכיל שטאַרקט זיך די בעוועגונג, נאָר אין דער שטיל און שווייגענדיג. וויבאַלד עס הערט זיך אַ קינדיש ערנסט און פאַרכטענדיג געוויין, פּרובט מען עס איינצושטילען. פון דאָרט, פון עק שוהל הערט זיך אַ יודענעס וויינענדיגער קול: משה, משה, וואו איז חיים'ל? חיים'ל וואו איז? דאָס גערודער פערגרעסערט זיך. מען שטופּט זיך, ווייבער הויבען אָן צו שלוכצען הויך, די קינדער, הערענדיג די מוטער'ס געוויין, וויינען אויך.

— שווייגט, געדענקט אין גאָט, מען וועט דאָך אונז הערען!

די ווייבער פּרובען שטיל צו שווייגען, פון זייערע פערשטיקטע שלוכצען רייסט זיך אַ טיעפער, ביטערער ברום און דאָס וואַרפט אויף אַלעמען אַרויף אַ פינסטערע מורא.

אַ מינוט איז שטיל. און נאָך אַ מאָל האָט זיך דער באַלקען און די פּאָדלאָגע און אַלע פיר ווענט אין איין שוואַרצען פּלעק צוזאַמענגענאָ־סען. ארום און ארום איז שאַ, שטיל, ווי מתים וואָלטען אויף דער ערד צוזאַמען געלעגען. און דער פּלעק — איין שוואַרץ ליילעך איבער זיי צוגעדעקט. און די ערנסטע, שטילע ליכטיגקייט דרענגט מיט אַן אָרימ־קייט אַרויס פון „נר תמיד'ל“, וואָס איז אין דער וואַנט איינגעמויערט, און דער שנ שהל פאַלט איבער דעם טויטען שוואַרצען פּלעק, און עס דאַכט זיך, אַז אַ נשמה־ליכטעל ברענט צו־קאָפּענס אַ גאַנצע ערה יודען...

און מען שווייגט...

פּלוצים, מען ווייסט ניט פון וואַנען און פון וואו, לאָזט זיך פון עולם הערען אַן אַלטע, אין טרעהרען פערטרונקענע שטימע, און די שטימע שלאָגט איבער די קעפּ פון דער עדה, דעם שוואַרצען פּלעק, ווי אַ טרויעריגער מתים נגון, וועלכער דריקט אַרויס די ווערטער:

אש־רי יוש—בי בי—ת—ך.

דער רב דאַווענט פאַר'ן עמוד מנחה.

און דאָס קול פון עולם האָט זיך אין איינעם צוזאַמענגענאָסען און עס איז געווען נישט קיין וויינעדיג קול, נישט קיין בעטענדיג קול, נאָר אַ שטילע שטימע, ווי פאַר זיך זעלבסט...

אש—רי יוש—בי בי—ת—ך.

אויפ׳ן צווייטען, דאָך האָבען זיי מורא נישט בלויז צו רעדען, נור אפילו צו ווינקען איינער צום צווייטען. אַלע אויגען קוקען מיט איין וואַרטענדיג אויסדריק אויפ׳ן אַלטען רבי׳ן, וואָס שטעהט, איינגעוויקעלט אין שלאָפראָק, אין א ווינקעלע, נישט אויף זיין שטאָדט, און קוקט פערטראַכט אין א ספר אריין. ער זעהט אוים גאָר ווייט צו זיין פון דאַנען, ער שווייגט קלערענדיג עפּעס פון הויכע, הויכע ענינים...

רוהיג און שטיל איז צווישען דעם עולם, אַזוי, אַז עס הערט זיך אַ א שטילער קרעכץ פון א שוואַכער פרויען־ברוסט, שלאָגט ער אָב מיט שרעק איבער דער גאַנצער שוהל, און די שטילקייט פון די מאַנספּערשוינען, דאַכט זיך, וואָלט אויסגעזאָגט, אַז נישט בלויז זיי זיינען מסכים אויפ׳ן קרעכץ, נור ער איז א „חזן“ פאר זייערע געפיהלען...

דער זון־פלעק געהט אין דער שטיל וואָס אַ מאָל העכער אויף די וועגט, ביז ער בעהאַלט זיך פון די אויבערשטע פענסטערלעך, און א טונקעלער געדיכטער שאָטען שוועבט איבער די האַלבע שטוב און פערשטעלט די לעצטע סמנים פון די ווייבער, וואָס זיצען ארום די הינטערשטע „שטעדט“. ער פערכמאַרעט די איינצעלנע זיצענדע, אַזוי, אַז עס דאַכט זיך, אַז איין שוואַרצער בולט׳ער פלעק זונדערט זיך אָב פון די אַרומיגע פיער וועגד און באַלקען, און דער פלעק איז אין איינעם צוזאַמענגעגאָסען, טויט און ניט ריהרעוודיג. דאָך אָבער שטאַרט פון פלעק טיילמאָל אַ הויכער שפּיץ ארוים און בעוועגט זיך טרויעריג. איבער די וועגט, און פון מיטען כאַפּט זיך טהיילמאָל א ביטערער זיפץ ארוים, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס האָט דער גאַנצער פלעק אָבגעזיפצט...

פינסטער איז; קיין ליכטעל צינדט מען נישט אָן, און די פינסטערקייט שטייגט וואָס אַמאָל העכער, ביז זי מישט זיך אוים מיט דעם שוואַרצען פלעק און מיט די פיער ארומיגע וועגט, און עס גיסען זיך צוזאַמען ארום די פיער וועגט מיט׳ן אָרון הקודש און בעלעמער, דער באַלקען מיט די כרובים. און אַלץ ווערט איין פינסטערעס שטיק, איין שולעביל. אַלץ ארום איז פינסטער און שטיל...

נאָר דאָס שווייגען איז אַ וואַרטענדיגעס. מען דערקענט, אַז דער פלעק איז פון פערשיעדענע שטיקלעך צוזאַמענגעגאָסען און ביי דער קלענסטער בעוועגונג צוריהרען זיך די שטיקער אין קליינע שטיקלעך. אָבגעזונדערטע שאָטענס טאַנצען אויף די וועגט. מעהרסטענטהייל אָבער איז דער שוואַרצער פלעק איין שטיק, וואָס שווייגט און וואַרט...

קליינע פענסטערלעך, וואָס זיינען אין דער ווייבערשער שוהל, דרינגען ליכטיגע שטראהלען פון אונטער די פאָרהענגלעך אריין, און פון אויבען, פון דער ווייבערשער שוהל, הערט זיך א שטילער געררויש, ווי מתים וואָלטען אין דער שטיל אויף די הינער־פיסלעך ארומגעגאנגען...

אין מיטען טאָג, נאָך נישט מנחה צייט און די עדה איז אין שולע־כיל פערזאמעלט. וואָס איז דאָס ? דער עולם איז היינט אויסגעמישט : בעלי־בתים, חברה־לייט, חסידים און דייטשען, וואָס א גאנץ יאָהר שמע־קען זיי אין שוהל נישט אריין, זיינען היינט אלע צוזאמען. בחורים, חדר־יונגלעך, מיידלעך קליינע, ווייבער זיצען ארום די הינטערשטע שטעדט. „ווייבער אין מאנס־שוהל" ? ווייבער האלטען די פיצלעך קינ־דער אין קישעלעך פערבונדען און גיבען זיי וועהמוטהיג די ברוסט אין די מיילכעלעך, און פון די אויגען רינען שטילע, איינזאמע טרעה־רען, וואָס רופען קיין מינדסטען קרעכץ ניט ארויס. און דאָס קינד זויגט א טראָפּען מילך און א טראָפּען די מאמעס טהרער... און מען דערקענט אין זייערע קרומע פערביסענע קנייטשען ארום די מיי־לער, אז זיי שטארקען זיך, דאָס געוויין אין זיך צו פערשטומען, אז מען זאָל זיי, חלילה, נישט הערען. דאָרט ביי דער טהיר שטעהען קאסטענס, גרויסע און קליינע. עס ליעגען פעק בעטגעוואנד אין ווייסע לייליעכער איינגעבונדען, שטובזאכען אין טיכער פערפּאקט. איין פּאק קניפּט זיך אויף, און פון טוך פאלען ארויס צוויי מעשענע לייכטערלעך, א פּאָר ספרים׳לעך אָהן טאָוולען, א צובראָכען טעלעריל און נאָך עפּעס...

אין א ווינקעל שוהל, אויף „כסא אליהו", ליעגט א יודענע אויף בעטגעוואַנד אויסגעבעט, איהר בלייך געזיכט קוקט מיט שרעק און אימה פון דער ארומגעוויקעלטער טוך ארויס, און אזוי ווי מען וואָלט עס איהר מתיר געוועזען קרעכצט זי הויך, און פון איהר האריז רייסען זיך פּראנק און פריי ביטערע ווייהען ארויס ; ארום איהר טהוען איניגע ווייבער, יונגע און אלטע, איינע האלט איהר דעם קאָפּ ארום, און דער הויכער איד אין קורצען רעקיל גיט איהר א פלעשעל עפּעס צו שמעקען ; מאנספּער־שוינען קוקען דאָרט מיט שרעק אהין...

דער עולם זיצט היינט ניט כסדר — אויסגעמישט, די מאנספּער־שוינען טהייל זיצען שטיל, פערטראכט, דאָס פּנים אין די הענד פער־באָרגען און מאכען „חשבון הנפש". טהייל יונגע קענען נישט איינרו־הען אויף די ערטער : האלב שטעהען, האלב זיצען זיי, און איינער קוקט

# אין שלעכטע צייטען

(אַ פּאָגראָם-בילד)

א פארצייטיג שולעכיל, ביז אין דער העלפט איז עס אין דער ערד אריינגעגראָבען. מיט א כיון האָבען עס אונזערע עלטערן אזוי געמאכט, כדי עס זאָל נישט הויך פון אויסווענינג אויסזעהען.... פון דרויסען זיי־נען די פענסטער נאָהענט פון דער ערד, אינווענינג אָבער הארט ביים באלקען. פון דרויסען איז עס אָרים, איינגעפאלען, — מיט פערפויל־טע ברעטער בעקלאפּט; עס שטעהט נור, הייסט עס, ווייל עס איז אַ שולעכיל.... אינווענינג נאָך מיט געזונדטע ברעטער בעפרישט, אויסגע־מאָלט מיט קוים אָנזעהענדיגע מנורות, צוויי שופרות פון יידע זייטען בעלעמער. דאָס מזרח־ווענטעל איז אויסגעפּוצט מיט רויט גילדערנע אותיות, וואָס זיינען אויסגעמעקט פון אלטקייט — אַ קאָפּ פון אַ הירש דערקענט מען נאָך אין דער הויך איבער די צוויי לייבען, וואָס זיינען אויף דעם ארון אין א קליין פערשטויבט פענסטעריל, אויסגעשטיקט מיט פערשיעדען־פארביגע גלעזערלעך, די ענגלייכטער האָט מען פון דער שול ארויסגע׳גנב׳עט און עס הענגען נאָר לאַנגע שווארצע שטריק אויף א זכר פון באלקען אראָב. ביי די צוויי אַלטע מעשענע לייכטער־לעך, וואָס זיינען אויפ׳ן בעלעמער, הענגט אַ רונדיגע מצה לזכרון.

אין דער גאַס מוז נאָך גרויסער טאָג זיין, וואָרום די קליינע פענס־טערלעך אין דער הויך בלישטשען און די רויטע שטיקלעך שויבען גלענ־צען. דאָס שפּינוועבס ארום לאָזט די שטראַהלען אין שולעכיל נישט אריין, זיי זאָלען, חלילה, אין גאַס נישט אויסזאָגען, וואָס עס טהוט זיך אין שולעכיל אָב....

אין שולעכיל איז האלב טונקעל; קאַלטע אונבעוועגליכע שאָטענס ליעגען ביז אויף די העלפט ווענט, נאָר אויבען אין דער הויך, אין די

ערד אָב. וואָס אַ מאָל ווערען זיי געדיכטער און שטאַרקער — און זי־דענדיגער. און אין דעם שווארצען רעגען פאַלען ברענענדיגע שפּיזען — זייער גלאַנץ בלישטשעט און ריעזען פאַלען, וואָרום די גסיסה איז דונערענדיג....

א מלחמה אין דער פינסטער.

צי רעגענט נישט פון הימעל מיט בלוט? — — —

א ווינד האָט די הרוגים פון הימעל אװעקגעשאַרט, פערשעהמט און צנועה׳דיג האָט דער גילדענער טייך אין ים זיך ווייטער אָבגע־שלאָגען.

דער הימעל ריין, שווארץ־העל, אזוי ווי עס וואָלט גאָר נישט אוי־בען געווען. דער אויר איז קלערער און פרישער — אויף דער ערד גיסט זיך דאָס וואסער.

אונטער דעם בארג, פערוואָרפען פאר זיך, אויף די נאַסע גרעזער ליעגט דער קערפּער, טויט און שווייגענדיג, דאָס וואסער האָט זיין בלוט אויפגעפרישט, און דער שטראָם וואַשט עס אָב מיטנעהמענדיג עס מיט זיך, אין דער וועלט אריין... עס בעווייזט זיך דאָס הארץ בלייכער און שווייגענדיגער. דער טויטער, נאַסער קערפּער איז גלייכגילטיג און שוויי־גענדיג, דאָס וואסער וואַשט דאָס רויטע קאַפּעל פון איבער דעם שטערען אָב, עס בעווייזט זיך די שווארצע ברעם, נאָר זי איז שוין אויך טויט און שווייגענדיג....

ישוב הדעת, לאָזט ער זיך די גאנצע וועלט איינשלינגען. זיי, דאָרט פערשטעהען: עס האלט שמאָל! און מאכען פליטה, איילען זיך, און איי־לען זיך, ציהען אָב און דאָך שטעהען זיי אויף איין אָרט, ווי מען וואָלט זיי מיט קייטען איינגעבונדען.... אָט האָט שוין דער ריעז זיין פליגעל אויסגעשפרייט און זיי איינגעשלונגען; פון יענער זייט הימעל שטעקט א צווייטער ריעז דעם קאָפּ ארויס, נאָך א גרעסערער, און מיט איין שווארצען פליעגעל שלינגט ער יענעם איין — וואָס איז דאָס? צי האָט א שפּיז דעם הימעל געשטאָכען? א ברענענדיג קויל איז אריין צווישען די וואָלקען, און באלד — וואָס איז דאָס? צי איז דער הימעל צושמע־טערט געוואָרען? זיין קול האָט איבער די גאנצע וועלט אָבגעשלאָגען. די ערד קאָרטשעט זיך איין, זי האָט מורא פאר די ריעזען, וואָס פיהרען צווישען זיך מלחמה, אז זיי זאָלען זי נישט מיט איין הויך איינשלינגען, שווייגט!

אָט קומט עטוואָס מעכטיגעס! דאָס מוז גאָט אליין זיין. — אי־בער'ן גאנצען הימעל פערשפּרייט ער זיך, שווארץ און ריעזענדיג און שלינגט איין דעם גאָלדענעם טייך, מיט דעם בלאָען ים. דער גאָלדען־פייעריגער גלאַנץ גלענצט זיך נאָך פון אונטער דעם שווארצען ריעזיגען העלד, וואָס ער האָט איהם איינגעשלונגען, נאָר וואָס א מאָל, וואָס א מאָל, ווערט דער שיין שוואכער, שוואכער, ער גיסט זיך אויס אין דעם ריעז און עס דאכט זיך, אז דער שיין איז אַן אויג, וואָס פונקעלט אין דעם שטערען פון ריעז, וואָס האָט דעם גאנצען הימעל איינגעשלונגען. נאָר וואָס א מאָל פערלעשט זיך דאס אויג, דער שיין שטארבט אָב, אָט נאָך דער לעצטער שפּור — באלד יעהט דער שיין אין גאנצען אויס...

און שווארץ איז דער הימעל, שווארץ—אויס, נישט קיין הימעל, נישט קיין ערד — גיט קיין אָנהויב, נישט קיין ענדע, נאָר שווארץ איז אלץ.

שווארץ און שטיל.

טיילמאָל פאלט א ברענענדער שפּיז אין די וועלט אריין און שטעכט וועמען, — א מינוט בלישטשעט עס. דער הרוג מוז א ריעז זיין, א שטיק הימעל, ווארום די גסיסה איז געווען אזוי שרייענדיג...

באלד פאלען איינצעלנע טראָפּען פון ערגעץ און שלאָגען אין די

אין געשטאַלט פון אַ רוהיגען רויט־לילטיג פליסיגען טייך. דער טייך האָט זיך אַוועקגעלעגט ווייט אויף יענער זייט וועלט און איז אריינגע־שוואומען צווישען ליכט ציטערענדיגע גרויע וואָלקען, וואָס האָבען פון דערווייטען אויסגעזעהען, ווי קלאָר וואסער פון אַן אומענדליכען ים. און דער רויט־פליסענדיגער טייך האָט זיך נישט אויסגעמיישט מיט דעם קלאָרען וואסער — נאָר פאַר זיך אין דער שטיל. אין דער טיעפעניש אַראָב און דורך די פליסענדיגען וועלען האָט זיך זייער ליכט געפונקעלט. און בעגילדעט האָט דער טייך די קעפ פון די גרויע וועלען־בערג, וואָס זיינען גאַנץ ווייט איבער דער ערד געהאַנגען, און פון דערווייטען האָבען זיי אויסגעזעהען ווי ריעזיגע סקאַלען, וואָס שטעהען אויף יענער זייט ים. דאָרט זיינען די „מדבריות“... און דאָ, אויף דער זייט, ביים ברעג פון גאָלדענעם טייך, זיינען געשטאַנען איינזאַמע, הויכע בוימער מיט די ארויפגעוואקסענע צווייגען און האָבען „תשליך“ אָבגעריכט פאר'ן גאָל־דענעם טייך...

שטיל איז געווען ארום דער גאַנצער געגענד. אויף יענער זייט הימעל צו מזרח צו, האָט זיך אָנגעהויבען, ווייס איך פון וואַנען, צו ציהען זיך אַ ריעזיגער, שווארצער וואָלקען — און האָט זיך לאַנגזאַם, לאַנג־זאם איבער'ן הימעל געצויגען.

דער טויטער קערפּער איז זיך אַלץ ווייטער אונטער דעם באַרג גע־לעגען, שטום און גלייכגילטיג. אַרום איהם נור נאָך איניגע מענשען, וואָס האָבען טרויעריג און שווייגענדיג אויף זייערס גלייכען געקוקט, גע־קוקט און נישט פערשטאַנען....

און טיעפער האָט זיך אַלץ דער גאָלדענער טייך אין דעם גרויען וואָלקען־ים זיך אריינגעלאָזט, און פון דערווייטען האָבען זיך געהערט ווי די טאָפּאָלען שאָקלען זיך איבער'ן טייך... אויפ'ן הימעל איז דער ריע־זיגער וואָלקען געפּלאַצט, פון אַלע זייטען זיינען מאַסען אומבעקאַנטע וואָלקען אָנגעקומען, איינער איז ארויף אויפ'ן צווייטען, איינער אריין אין אַנדערען און מלחמה געפיהרט. דער הימעל אַ שלאַכט־פעלד, און די וואָלקען־שטיקער, צובראָכענע הימלען גליטשען זיך איינס איבער דאָס צווייטע. אָט איז איינער אין צווייטען מיט'ן קאָפּ אריין און יע־נעם צושמעטערט אויף שטיקלעך. די שטיקלעך צושווימען זיך און יע־דער, וואָס איז שטאַרקער, שלינגט דעם צווייטען איין. אָט קומט איי־נער אַ ריעז אָן, דעם קאָפּ שטעקט ער ארויס, און לאַנגוויילינג, ווי מיט

מעהר פון דעם אויג. אונטער די שווארצע אויגען־לעכער רוהט א טיע־פער, שטילער ערנסט פון א מענש א צדיק, וואָס האָט דאָס זייניגע אָב־געטהאָן און געהט זיך מיט א רוהיג הארץ זיין וועג... אויף די טויטע פערגרעמפעלטע ליפען איז ווי א רוהיג צופרידענקייט אויסגעגאָסען. פון אויבען ציהט זיך דער הימעל ליכטיג, ווי דער טאָג; אונטען — די שטומע ערד. א ווינטעל בלאָזט און בעוועגט די גרעזער. די האָר פון באָרד, די פערבלוטיגטע האָר פון קאָפּ, ער בלאָזט איבער די קאַלטע, טויטע הענד, איבער'ן קאַלטען, טויטען פנים. נור דאָס פנים איז אָבער צו שווער, אז דאָס ווינטעל זאָל עס בעוועגען, און עס דאכט זיך, אז דאָס איז קיינמאָל קיין מענש נישט געוועזן — נישט אויף די פיס געשטאַנען, נישט קיין וואָרט גערעדט. שטום איז עס שטענדיג געוועזן און טויט איז עס געוועזן, ווי א שטיין אין פעלד. ריהרט מען עס — ריהרט עס זיך, און אז עס ליעגט — ליעגט עס....

און דאָך פערמאָגט דאָך נאָך די שווארצע ברעם, וואָס קוקט פון אונטער דעם רויטען, פערגליווערטען קאַפּעל, ווי עטוואָס לעבען אין זיך, און זי ווינקט: איך וויים, ווער דאָס האָט געטהון, איך וועל עס פאר קיינעם נישט זאָגען...

און די מענשען, די צוזעהער, שטעהען ארום דעם קערפּער שטיל, און קוקען איינער אויפ'ן צווייטען: ווער איז דער? וואָס איז דאָס אזוינס? און ווער האָט דאָס געטהון? זיי קוקען אויף דעם טויטען, ווי זיי וואָלטען געבעטען צו איהם אין זייערע הערצער, געפרעגט איהם שטילע קשיות: ווער? וואָס? ווען?... און די שווארצע ברעם פון אונ־טער דעם רויטען קאַפּעל, זי זאָגט וואָס און איז דאָך שטום...

עס שיינט, אז דער מת בעהאַלט אין זיך עפּעס, עפּעס זעהר טרויעריגעס, ער האָט דעם סוד מיט זיך אין דער ערד גענומען, קיינעם קיין שפּור דערפון נישט אויסגעזאָגט.

און די מענשען שטעהען שווייגענדיג, קוקען איינער אויפ'ן צווייטען, קוקען אויפ'ן טויטען, און ווייסען נישט וואָס צו טהון...

און די שווארצע ברעם ווינקט, און עס דאכט זיך, אז פון אונטער דער שויפעל ערד וועט עס ארויסווינקען, אויסזאָגען — און דאָך שווייגען.....

---

די זון איז אונטערגעגאַנגען אויף יענע זייט לאָנקע, אונטער'ן וואַלד

— וואָס איז דאָס ?
קיין וואָרט הערט מען נישט פון זיין מויל, נור א ווילד, שרעקליך געשריי רייסט זיך פון האַרץ ארויס מיט אַן אימה. ער ווינקט מיט דעם שטעקען ווייזענדיג, דאָרטען הינטער'ן בארג !
און ר' יחזקאל דאָרפס־געהער לויפט ווידער פאָראויס, דאָס פעקיל טאַנצט איהם איבער'ן רוקען, און דאָס געסעל נאָך איהם. די לאָדען האָבען זיך מיט רעש געעפענט; פרענטען אייזען שלאָגען אָב פון דער־ווייטען, טהירען ווערען אויפגעריסען, און האלב־נאַקעטע מענשען. באַ־פענדיג אויף זיך ווער א פאַלטאָ, ווער א פאַטשיילע, לאָזען זיך פון יעדער הויז־טהיר ארויס, ארויס אויפ'ן וועג נאָך ר' יחזקאל דאָרפס־געהער.
עס זעהט אויס, ווי די איינוואָהנער וואָלטען די שטאָדט פערלאָזט. געלאָזען די הייזער, דעם מארק — און דעם יונגען טאָג, וואָס קומט אָן... זיי זיינען באלד הינטער'ן בארג געקומען.
וואָס איז עס אזעלכעס ? — האָט עס גאָט פון הימעל אראָבגע־וואָרפען ?
צו פוסען פון בארג, פערוואָרפען צווישען די גרעזער, ליעגט ווער, האַרט און שטייף אויסגעצויגען, א מענש, און דאָך נישט קיין מענש ; שטום און טויט ווי א שטיין. צוויי לאַנגע פיס, ניין, לאַנגע שטיוועל, איינער האַרט ביים צווייטען. די הענד בלייך, דאַכט זיך, צוויי לאַנגע, טויטע שטעקענעס, פערוואָרפען האלב איינגעזונקען אין גראָז. דאָס זשילעט אויפגעריסען, און פון דעם צוריסענעם העמד זעהט זיך א שטום־פערהאַרטעוועט האַרץ ארויס. עס איז דורכגעשפּאָלטען, און א קאַלטער שטראָם בלוט איז פערגליווערט איבער'ן האַרץ, איבער דער וועסט און איבער דעם גראָז... דער האַלז לאַנג און אויסגעצויגען, פון מיטען זעהט זיך דער גאָרגעל, ווי ער איז אין האַלז פערשטיינערט גע־וואָרען, אָהן א ריהר זיך צו געבען. די האָר פון דער קליינער באָרד, ווי דינע דראָטען, וועלכע דאָס ווינדעל בלאָזט ארום און מאַכט זיי ציטערען און בעוועגט זיי, שרעקען עפּעס... דאָס פנים בלייך, קאַלט און שווייגענ־דיג. די ליפּען בלייך און פעסט בעהאַלטען איינע אין דער צווייטער. די אויגען קוקען שטום אויף אַלעמען און אויף גאָר נישט, און עס דאַכט זיך, אַז זיי זעהען אַלעס און גאָר נישט... דער שטערען איז אין איין שטיק פערגליווערט בלוט פערהילט, און פון דעם „רויטען קאַפּעל" ווייזט זיך איין שוואַרצע ברעם ארויס, און עס דאַכט זיך, אַז די ברעם זעהט

# א חלל

פון אונטער דער שטאָדט־חורבה, וואָס שטעהט אויפ'ן באַרג ווי אַ גרויסע מצבה אויף אַ גאַנץ פאָלק, — איז דער מאָרגען־שטערן ארויס, רויט־פלאַמענדיג, און האָט זיין גלאַנץ איבער די גרויע וואָלקען, וואָס זיינען איבער'ן הימעל ווי וואַסער־כוואַליעס פערגליווערט געווען, — אָבגעגלאַנצט. דער יונגער טאָג האָט אויפגעבראָכען. אין געסעל רו־דערט זיך שוין. צווישען די איינצעלנע, פריהע בויערשע פוהרען, וואָס דער נאַכט־טהוי האָט נאָך צערטליך אויף זיי זיין שפור איבערגעלאָזט, דרעהען זיך שוין איינצעלנע יודען און טהירען אין מארק זיינען נאָך פערשלאָסען; פאר דאָס רוב איינוואָהנער איז נאָך דער טאָג נישט גע־בוירען געוואָרען. פון א טהיר אין א הויף הויז, מיט פערלאָשענע אוי־גען — צוגעמאכטע לאָדען, לאָזט זיך אַ דיענסט מיט אַ קאָרב אויף דעם אָרעם ארויס. אויף דעם פרישען מאָרגענדיגען געזיכט, וואָס שיינט פון אונטער איהר לייכטען טוך ארויס, שוועבט נאָך דער חלום, וואָס זי האָט פאר א שעה געזעהען. עס הערט זיך שוין די קירכען־גלאָקען, קלינג, קלינג — און דאָס איז דער ערשטער הויכער קול, וואָס דער יונגער טאָג פערנעהמט...

און אַ טאָג האָט עס געזאָלט זיין ווי נעכטען, ווי מאָרגען — און פלוצים איז עפּעס וואָס געשעהן.

פון עק מארק, פון „וועג" צו, קומט צו לויפען, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטהעם, יחזקאל דאָרפס־געהער. די ווייסע באָרד צו־פלאָשעט זיך איהם איבער'ן גאַנצען הארץ, דער הוט ביז אין האלבען קאָפּ ארויפגע־רוקט, דאָס זעקיל אויף די פּלייצעס שלאָגט איהם אין רוקען, מיט'ן שטע־קען מאַכט ער אַרויף און אראָב, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען עפּעס דורך דעם שטעקען אויסזאָגען, — און די אויגען אויפגעריסען, ווי ברענענדיגע לאַמטערן, לויפען פאָראויס פאר איהם, און זיין געוואַלד הערט זיך מיט הארץ־שרעקען איבער דער גאַס.

— פאמעליך, אין דער שטיל.

עס רודערט זיך, דאָס וואסער קלאַפּט אויף דעם ברעג, עס הערט זיך חוואַליעס יאָגען, מען שיפט זיך.... לאָקך... לאָקך.... מען פּאַטשט דאָס וואַסער...

די לבנה שווימט רוהיג פון די וואָלקען ארויס. זי שמייכעלט. עס פאַלט אַ קאַלטער שטראַהל אויף די וועלן.

— מאמע...

— ווארפט איהם אין וואסער !...

די טריט פון די פערד הערען זיך שוין נעהענטער.

— ש־ש־ש־טיל.

די פערד האָבען זיך אָבגעשטעלט.

שטיל איז ארום.

—שעוועליטסיא ? ניעט ? (עס ריהרט זיך עפּעס ? ניט ?)

שטיל איז, מען האָרכט.

— ניע סלישנא. (מען הערט ניט.)

עס הערט זיך א גאַלאָפּ, מען רייט געשווינד.

די טריט פון די פערד הערען זיך שוין פון דערווייטען.

באלד, זיי פערשטומען אין דער שטילקייט פון דער נאכט.

— געלויבט השם יתברך !

מען שווייגט.

— וואָס פאר א גוטען גאָט מיר האָבען !

— הויבט אייך אויף פּאמעליך...

— האלט אייך אָן ביי די הענד.

— קומט, יודען.

עס הערען זיך טריט פון מענשען.

— אָט איז די לאָדקע, לעגט אריין די געפּעק.

דאָס וואסער קלאפּט אויף דעם ברעג.

— וואו איז אברהמ׳על ?

— דאָ, דאָ.

— שטייגט איין פלינקער.

— דאָס לעצטע מאָל זעה איך דיך, מיין לעצטער טריט אויף דיין ערד !...

— וועסט שפּעטער זאָגען קנות.

— דעם טאטען מיט דער מאמען דאָ אין קבר איבערגעלאָזט, און די טראָג זיך די ביינער אנדערש־וואו....

— מאך דיך נישט צום נאר.

— היידא... פלינקער, קיין צייט נישטאָ.

— פערטיג ?

— שטופּט אָב.

עס הערט זיך א הודערן צווישען צווייגען פון דערווייטען.

— מען האָרכט, דאכט זיך.

— יאָ.

— האָרכט נאָר —

— מען געהט.

— מען יאָגט נאָך...

— שטיל זייט — ששששש...

— לעגט אייך פאמעליך אויף דר'ערד אניעדער.

— בעהאַלט דאָס פנים אין די גרעזער.

— האַלט איין דעם אָטהעם.

שטיל איז ארום.

— די לבנה איז בעוואָלקענט, זיי וועלען אונז נישט זעהען.

— גוט.

— אָ, גאַנצע מחנות שווארצע וואָלקען ציהען זיך איבער איהר!

— געלויבט צו גאָט.

עס הערט זיך א פישצען פון א קינד.

— האַלט דעם קינד דאָס מויל צו, זאָל עס ניט שרייען.

— געדענקט אין גאָט, וואָס טהוט איהר?!

דאָס קינד הערט אויף צו פישצען.

עס הערען זיך טריט פון פערד.

— מיר זיינען פערלוירען!

— האָט קיין מורא.

— ליעגט אויף דר'ערד, רודערט אייך גאָר ניט.

— בעט גאָט אין הארץ. —

— רבו—נו—ש—ל עולם!

ש־ש־טיל.

— מאמע, וואו ביסט דו?

— דאָ, דאָ!....

— שווייגט!

— מאמע, איך האָב מורא.

— זיי שטיל, איך בעט דיך.

— מאמע, פערדעק מיך מיט'ן טוך.

— שטיל וועט איהר זיין!...

פון א שווארצען ריהרעווודיגען אָדלער ליעגען ווער... צו זיינען עס מענ־שען, אָדער טויטע שאָטען פון דער נאכט?... פנימ'ער קוקען אין דער לבנה אריין, בעטענדיג עפּעס.

און שטיל איז ארום.

פון דערווייטען הערט זיך, ווי עס רודערט זיך עפּעס אין וואסער... איין וואל אויף דער צווייטער און דאָס גיעסט זיך צוזאמען, ווי עפּעס קושען זיך און פליסטערן אין דער שטיל.... צו זיינען מתים דאָ די נשמות זייערע טובל אין וואסער?... באלד בעוועגט זיך א שאָטען אין דער לופט, שוועבענדיג איבער'ן וואסער. עס רודערט זיך און עס נעהנט זיך, דער שאָטען. אָט הערט זיך, ווי עס שווימט.... לאָקך... לאָקך.... דאָס וואסער קושט אין דער שטיל דעם ברעג... דאָס וואסער קלאפּט אויף דעם ברעג... דאָס וואסער שלאָגט דעם ברעג.... עס איז ווער צום ברעג צוגעפאָהרען.

א שאָטען איז אויף דעם ברעג ארויף...

— שא—שא, ש־שטיל זייט!

עס רודערט זיך אויפ'ן פעלד. טריט קנייטשען און בויגען ווייך דעם טהוי־בעדעקטען גראָז.

— יודען!

— וואו זיינט איהר? זיינט איהר אלע צוזאמען?...

— קומט!

— ש... שטיל.

עס רודערט זיך אויפ'ן פעלד, פייכטע גראָז קנייטשט זיך אונטער די טריט.

— ליזע, האלסט אברהמ'לען?

מען פליסטערט אין דער שטיל.

— ברוכ'ל, וואו ביסט דו?

— ביים טאטען. —

מען געהט.

— יודען, האלט אייך אָן ביי די הענד, קאָמאנדעוועט ווער אין דער שטיל. מען געהט.

— שששששששא.

— שטיל זייט נאָר.

— שווייגט, האָרכט!...

אויפ׳ן הימעל און דאָס שטעדטעל הילט זיך אין טהוי־נעבעל איין און רוהט אויף. און פון דעם קליינעם בית־המדרש׳ל לאָזט זיך א וויינענ־דיגער „והוא רחום“ הערען, און די תפלה שוועבט אין דער לופטען, איבער דעם וואסער, ווייט איבער די פעלדער... א קריאת־שמע לייענען איז עס פאר׳ן שלאָפען לעגען זיך פון דער גאנצער וועלט...

.2

נאכט איז געוואָרען, און שטיל אי״ ארום. דאָס וואסער, ווי עס וואָלט זיך עפּעס א ברוגז מיט די חדר־אינגלעך געמאכט, וואָס שטיפען דערמיט א גאנצען טאָג ארום, האָט זיך אין א טהוי־נעבעל איינגעהילט, עס הייסט אויף מענשען לשון: אין שטוב זיך ארייננעכאפּט, די לאָדען פערמאכט און שלאָפט. אויף א טראָטווע ערגעץ ברענט זיך א פּייער׳ל, א בריליאנט איז אין דער פינסטערער נאכט איינגעפאסט, און דאָס פינ־קעלט אזוי פון דערווייטען... די שטאָדט־בעלי־בתים האָבען זיך אין זייערע הייזלעך בעהאַלטען, און יעדער שיצט זיך אונטער זיין דעכעל, וואָס דער עלטער־זיידע האָט איהם איבערגעלאָזט. און דאָס גאנצע שטעדטעל בעהאַלטענדיג זיך אין דעם נעבעל, וואָס שטייגט פון וואסער ארויס, דאכט זיך, דאנקט און לויבט השם־יתברך, זיך איינקאָרטשענדיג: אוי, וואָס פאר א גוטען גאָט מיר האָבען! און דער נעבעל, שוועבענ־דיג איבער דעם שטעדטעל איז עפּעס ווי א מאמע, וואָס פערשפּרייט איהר פּארטוך איבער איהרע קליינע קינדערלעך, בעטענדיג זיך: דאָ ניט... דאָ ניט...

נאָר די לבנה, איינע אליין אויפ׳ן הימעל, קוקט אראָב איינע אליין אויף דר׳ערד, און בלאָנדזשעט ארום איינע אליין אויף דער וועלט, זו־כענדיג נאָך א לבנה.... און אויף דעם שלאָפענדיגען וואסער פאלט א קאַלטער שטראהל און בעלויכט עפּעס, שוועבענדיג אויף די רוהיגע, שלאָפענדע חוואליעס. אליץ טוליעט זיך, הילט זיך אונטער די פליגלען פון דער שכינה איין, בעטענדיג אין דער שטיל מיט פּאָרכט: גאָט, זיי ערבארימדיג איבער אונז!

אונטען אויפ׳ן פעלד איז דאָס וואסער פערגליווערט אין איין שטיק, אין דעם אויר פון דער נאכט. פערגליווערט מיט אלעם: מיט דער וועלט, מיט דער ערד, הימעל און גאָט. ביים ברעג, אויף די פליענעל

מאַנטעל, אונטען צוגעפּאַטיעט, און אַ פיער־קאַנטיג היטעלע, ער האַלט אַ ביכעל אין דער האַנד און שרייבט דערין. נאָך איהם לאָזט זיך נאָך פון אונטער דער ווינד־מיהל עפּעס אַ הויכער סאָלדאַט מיט אַ רינגעלע אין אויער. עס רוימט זיך דער סאָלדאַט מיט דעם אידען אין דער שטיל. דער סאָלדאַט קוקט אויף די זיצענדע אידען און דאָס אידעל שרייבט אין ביכעל, הינטער זיי געהט נאָך אַ הויכער יונג. דאָס פּנים זיינס איז פערבונדען מיט אַ טוך, און ער האַלט אַ גראָבען שטעקען אין דער האַנד, און דער יונג קלאַפּט וואוילעריש מיט׳ן שטעקען אַן דער פייכטער ערד.

אין דער פּאַרטיע ווערט שטיל. עס בלייבען זיצען די וואַנדערער אויף זייערע געפּעק און שווייגען. עס קעהרט צוריק דאָס מיידעל פון ברעג און זעצט זיך אין דער קאָמפּאַניע. דאָס קליינע ליטוואַק׳ל בעהאַלט זיך אונטער דער מאַמע׳ס פאַרטוך און ציטערט. און די אימה׳דיגע געזיכטער, און די אראָבגעלאָזטע אויגען רעדען עפּעס אין דער שטיל: מיר זיינען גאָר ניט שולדיג! גאָר ניט שולדיג!

פון אונטער דער ווינד־מיהל ווייזט זיך אַרויס אַ שטיק שוואַרצע קאַפּאָטע, אַ האַלב געזיכט, אַ האַלבע באָרד, אַ האַלבער הוט און איין אויג בעאָבאַכטעט פון דערווייטען דעם איד מיט דעם רעגענמאַנטעל. באַלד ווייזט זיך פון אונטער דער ווינד־מיהל אַ האַנד אַרויס און ווינקט צו דער „פּאַרטיע“, מאַכענדיג אַרויף און אַראָב.

די וואַנדערער זיצען, קוקען איינער דעם צווייטען אָן און שווייגען.

---

פאַרנאַכט. אַ ווינד בלאָזט, עס רודערט אויף די ליעגענדע, שטיל פליסענדע וועלען, און פון דערווייטען דאַכט זיך, ווי אַן אונגעהויערע חיה שווימט אין וואַסער מיט לאַנגע גרויסע וואַסערדיגע קאָלטענעס. די לייווענד ווערען אויף די בערלינקעס אויפגעצויגען, ווי זיי גרייטען זיך עפּעס אָן צו עפּעס אַ מלחמה. פון ערגעץ ווייט קומט אָן אַ טראַטווע צו שווימען און אַ פייערל ברענט זיך אויף דער טראַטווע. און דאָרט איילט אַ מענש אויף אַ לאָדקע צום ברעג, און ווייטער גיסט זיך דאָס וואַסער; עס גיסט זיך אויס געגענאיבער דעם טהוי־בעדעקטען הימעל, דער העלד האָט זיך אָבגעמאַטערט און רוהט. און פון דעם באַרג גלענ־צען אַראָב די קליינע זעקס ליכטלעך, וואָס שטעהען אין קליינעם בית המדרש פאַר׳ן „עמוד“. טונקעל ווערט אויפ׳ן וואַסער, טונקעל ווערט

ברעג ליעגען אנדערע מענשען פון אן אנדער וואסער, א פארטיע „ליט־וואקעס“. יונג און אלט ליעגען זיי אויפ׳ן פעלד. פון דערווייטען זעהען זיך נור די בלעכענע טשייניקעס אנגעבונדען אויף די געפעק. עס ליעגט א אידענע אנגעלעהנט דעם קאפ אויף א קעסטעלע און איבער־געבענדיג א „כפרה“ די נאקעטע ברוסט דעם נאקעטען קינד, וואס ליעגט ביי איהר, ציהט זי איהר קאפ צום הימעל ארויף. די פערמאכטע אויגען בעטען שוין ניט, עס הייסט ווי זיי וואלטען צום בורא זאגען: ווילסט אזוי, טא זאל זיין אזוי...

עס זיצען די פאטערס אויף די געפעק זאכען; טהייל די קעפ אויף די הענד אנגעלעהנט און קלערען, טהייל גאר, — אזוי ווי עס וואלט זייער עסק ניט זיין, זיצען און שווייגען, ווארטענדיג אויף עפעס. ביים טאטען אויף דער ערד זיצט די מאמע און צוטהיילט די קליינע קינדער־לעך ברויט מיט אוגערקע, דער פאטער בייגט דעם קאפ פון די עסענדע קינדער אוועק און קוקט אין הימעל אריין. און דארט ביים ברעג וואסער שטעהט די עלטערע טאכטער און קוקט אויף די פליסענדע וועלען, און פון די אויגען רינען שטילע טרערען, און עס דאכט זיך, אז די ליפען שאקלען זיך.

און שטיל איז אין דער פארטיע. עס פרובירט צו רעדען א יונגער מאן עפעס מיט אן אלטען — דער לעצטער שווייגט. דער יונגער מאן רעדט ווייטער, דער לעצטער שווייגט אלץ.

עס לאזט זיך א אינגעלע, א ליטוואקעל א קליינס, פון דער פארטיע ארויס און גנב׳עט זיך צו צו די שטאדט־אינגלעך, וואס באדוועען אין די לאנגע קאפאטקעלעך, דארט אין דער גרויסער לאדקע וואס איז ביים ברעג וואסער. עס געהט דאס ליטוואק׳ל, געהט און קוקט זיך אום. לאזט זיך און כאפט זיך צוריק, און אט האט ער שוין אויך א פוס אין די לאדקע ארייגעשטעקט. נאר דארט אין דער פארטיע שטעהט א הויכע אידענע און ווינקט מיט שרעק אויף דעם אינגעלע, מאכט מיט׳ן פינגער: שלמה׳קע! און דאס ליטוואק׳ל געהט ברוגז׳דיג צו דער פארטיע צוריק, זעצט זיך צווישען די אידען און קוקט מיט בענקשאפט אויף די שפיעלענדע אינגעלעך, און שווייגט אויך.

פון אונטער דער ווינד־מיהל, וואס פערשטעלט די פארטיע פון מענשענס אויגען לאזט זיך עפעס א קליין מאגער אידעל ארויס מיט א געשווירען בערדיל און טראגט אנגעטהאן עפעס א מין דייטשען רעגענ־

ארײן... בײ דעם ברעג, אויפ'ן בארג, װי א געטרײער בעל־הבית, שטעהט זיך דאָס שטעדטעל, די ניעדריגע הײזלעך דערהויבען זיך, און קײטלען זיך אויפ'ן בארג ארויף. אײן הײזעל שטעהט אויפ'ן צװײטען הײזעל'ס דעכעל. און בכלל זעהט אויס גאָט'ס װעלטעל װי א ליעבליך הויזגעזינד, װאָס לעבט אין שלום, יעדער טהוט זיך דאָס זײניגע. דער מאַן קלאַפּט אויף דער מאַשין און זינגט זיך זײן ליעדעל, דאָס װײב שטעהט בײ דער קיך, קאָכט אָב װיעטשערע און זינגט זיך איהר ליעדעל.

א דאָנערשטאג נאָך מיטאָג. די קינדער זײנען פריהער פון דעם חדר אהײם געקומען, מען לאָזט זיך צום װאַסער אראָב. אָט שטעהט א אידענע בײ'ם ברעג און װאַשט די קינדערלעך אויס לכבוד שבת. דאָס קינד, א מײדעלע פון א יאָהר זעקס, רײסט ארויס איהר נאַסען, אײנגעזאַפּטען קאָפּ פון אונטער די מוטער'ס הענד און װײנט הויך. די אינגלעך שטיפען ארום אויף א לאָדקע װאָס שטעהט בײ'ם ברעג. אײנער שטופּט מיט דעם שיפלער פון דעם ברעג אָב, און אָט לאָזט זיך די לאָדקע אין װאַסער. די קינדער שרײען און שאַלען מיט גדולה, און אָט קומט פון דער װײטען א בערלינקע אָן צו שװימען, און שװימט זיך רוהיג, פּאַמעלעך, װי א שאָטען דורך דאָס שטעדטעל. פון דאָרט, פון דער װײטען װײזען זיך רויטע ספּאָדניצעס און נאַקעטע פיס שטעהען אין װאַסער, און נאַקעטע הענד קלאַפּען אין װײסע שטיקער װעש. א מײדעל שטעהט בײם ברעג און װאַשט דאָס געפעס אָב, עס שװימט איהר א טעלערעל אװעק אין װאַסער, זי װײנט, קומט אָן א חדר־קונדס, ער לאָזט שוין זײן לאַנגע קאַפּאָטקעלע אין װאַסער נעצען און מיט'ן הוט שלעפּט ער פון װאַסער דאָס אװעקגעשװאומענע טעלערעל ארויס. און אָט קומט אויף דער לאָדקע ר' חיים דוד און ברוך פישער צו־שװימען, מיט א גרויסע פולע נעץ פיש לכבוד שבת ; און נאַקעטע בני־יעקב'לעך אין די ארבע כנפות'לעך, אזוי װי זײ װאָלטען גאָר קײן גלות־קינדער געװוען, באָדען זיך, און האָדעװען זיך אין װאַסער, װי אמת'ע קינדער אויף דעם שוים פון אַן אמת'ע מאַמע. און דער װינד בלאָזט, פערשפּרײט די לײװענד אויף די לאָדקע, לופטערט בערד, מאַכט ציטערן פּאות, און פּאַטשט מיט ציצית פון ארבע כנפות'לעך אין פּנים ארײן.

אביסעל אונטער דער שטאָדט ציהען זיך אויס די הימלען זיבער, גיעסט זיך אויס דאָס װאַסער זיבער, אויף גאָט'ס חסד געשיצט, און בײם

# איבער דער גרענעץ

1.

דאָס שטעדטעל ליעגט א האַלבס אויפ׳ן בארג, און דער עק פון צווייטען האַלבען שטעדטעל גרייכט שוין אין וואסער אריין. און שטע־הענדיג אויפ׳ן בארג, פאר׳ן שוהל־פּלאַץ, קוקט מען גלייך אריבער אויף יענער זייט וואסער, וואו די פעלדער ציהען זיך ווייט אוועק, און דאָרט אויף יענער זייט וואסער ווערען זיי ערגעץ וואו פערבלאָנדזשעט, אז גאָט איינער ווייסט וואו... און שטעהענדיג אויפ׳ן בארג, פאר׳ן שוהל־פּלאַץ, און אראָבקוקענדיג אונטען אין וואסער אריין, דאָרט ווייט אין די פעלדער אריבער, וואָס זיינען אויף יענער זייט וואסער, ווילט זיך טיילמאָל א חדר־איינגעלע די הענד פערשפּרייטען, די פיס דערהויבען, און היידא.... א פליה אריבער, ווייט אוועק, איבער׳ן וואסער, ווייט אין די פעלדער אריבער, פערבלאָנדזשעט מיט זיי אין איינעם צו ווערען, ווייט.... אז, גאָט איינער ווייסט וואו...

---

געוועזען איז א טאָג א שעהנער און א פרעהליכער. די הימלען אויבען האָבען זיך געטהאָן דאָס זייעריגע, קיילעכדיג זיך פערשפּרייט, און האָבען מיט פיעל לייטזעליגקייט בעשיצט גאָט׳ס וועלטעל אזוי, ווי זיי זיינען געבאָטען געוואָרען פון ששת ימי בראשית אָן. און דאָס וואסער האָט זיך אויך געטהאָן דאָס זייניגע, ווייט האט עס זיך אויס־געגאָסען, איין וואל האָט נאָכגעיאָגט דאָס צווייטע, די צווייטע האָט נעכאפּט די דריטע און האָט זיך אין איהר אריינגעגאָסען. און אויס־געזעהן האָבען די וואלען, ווי א שליח מיט א ראפּאָרט קומט פון גאנץ ווייט און געהט ערגעץ וואו, גאנץ ווייט, און דערלעבט ניט זיין שליחות אויסצופיהרען, ער צוגיסט זיך און צוגעהט דערווייל אין וואסער; יאָגט איהם נאָך א צווייטער, צוגעהט ער אויך אין וואסער, און א דריטער... און א פיערטער... און דאָס וואסער שווימט ווייט אין דער וועלט

געשווינד — קען מען ניט בעקומען א פינף־און־צוואנציגער?...

— זאָל זי קומען, די מאַנדריקאָווע, וועלען מיר זעהן, — ענט־פערט דער וואָיט.

ביים דראַנג אין מיטען מארק שטעהט דער סטראַזשניק.

זייט מען האָט מאַנדריק'ן אריינגעזעצט, וויל ער זיך פאר איהם ניט ווייזען; ער שעמט זיך איהם אין די אויגען אריינצוקוקען — ער געהט ניט צו. מאַנדריק דערזעהט איהם אָבער פון ווייטען, און גראָד דעמאָלט, ווען דער סטראַזשניק האָט צו דער קאָזע געקוקט. זייערע אויגען בעגעגענען זיך, ניט ווילענדיג, און מאַנדריק שאָקעלט, אויסמאַ־כענדיג די צייהן, מיט'ן קאָפּ אריבער צום סטראַזשניק: אך, פּאַניע! אך, פּאַניע!

פערפאַלען! דער סטראַזשניק האָט שוין געמוזט צוגעהן. ער קומט צו מיט א פערשעמטע מינע. און מאַנדריק פרעגט:

— אָבער צו וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט? צו וואָס!

— געה אהיים, זאָג דער מאַמע'ן, זי זאָל מיר שיקען ווארימעס.

— גוט, טאַטע; נור דער רבי האָט געבעטען מלמד־געלד.

— געה, געה! איך וועל דיר שוין געבען.

דער אינגעל יאָגט זיך אהיים.

שלמה'לע לויפט אריין אין שטוב. אין אַ רגע ארום בעווייזט זיך די מאַנדריקאָווע אויף דער שוועל און דופט אריבער:

— באַלד, באַלד, עס קאָכט זיך שוין!

— מען האָט עפּעס היינט געלייזט? — פרעגט מאַנדריק.

— פאַר דריי זעקלעך! — שרייט דער עלטערער זוהן פון געוועלב.

— אַז איך בין נאָר נישטאָ, אַז איך בין נאָר נישטאָ!

— האָסטו געדאַרפט זיין! — ענטפערט די מאַנדריקאָווע, וואָס געגעהנט שוין מיט'ן טעפּעל אין דער האַנד צו דער „קאָזע".

שלמה'לע קומט אָן נאָך דער מוטער מיט אַ שעפ וואַבער פון פּלומפּ אין מיטען מארק. מאַנדריק נעהמט אריין דורך די גראַטען די שעפ און וואַשט זיך פון פענסטער ארויס. די מאַנדריקאָווע האָט דער־ווייל דורך די גראַטען אויפ'ן קאָזע־פענסטער צום טיש געגרייט.

צווישען „שאו־ידיכם" און „המוציא" האָט מאַנדריק בעמערקט אין גאַס דעם וואָיט. ער גיט אַ ווינק צום ווייב, און ברומט: נו, נו.... זי האָט פערשטאַנען, איבערגעדרעהט זיך אין גאַס אריין, און פריינדליך צוגערופען דעם וואָיט צום פענסטער.

— אַ שעהן שטיקעל אָבגעטהון, האַ? — זאָגט מאַנדריק נאָך דער המוציא צום וואָיט. — מען נעהמט אַ טאַטען פון קינדער און מען מאַכט איהם צום נאַר, מען זעצט איהם אין „קאָזע" אריין... וואָס מיינט איהר, איך האָב שוין גאָר ניט מעהר וואָס צו טהאָן, נור ביי איך אין „קאָזע" צו זיצען? וואָס? איך צאָהל אפשר קיין פּאַטענט ניט פאַר'ן געוועלב? פיער רובעל אַ יאָהר צאָהל איך! און אַז מען זעצט מיך איין, ווער וועט צאָהלען?

— מיר זיינען דאָך עפּעס היימישע מענשען! — הנפ'עט זיך אריין די מאַנדריקאָווע.

— וואָס זאָל איך טהאָן? ניט מיינע פּאַפּירען, איינגעשיקט פון דאָרט — פאַר די „פּאַפּירען" מוז איך אויך „דרך־ארץ" האָבען — זאָגט דער וואָיט און וויל זיך געזעגענען...

— פּאַניע וואָיצע, פּאַניע וואָיצע — כאַפּט מאַנדריק אונטער

—זונדעל האָט אין שעלעז געקויפט פאר 2.80—דערצעהלט איינער א נייעס.

— פלאצען זאָל ער! די גאַנצע וועלט איז איהם ווינציג! — געהט א צווייטער צו.

קעגענאיבער קומט מאָנדריק'ס עלטסטער זוהן ארויס פון געוועלב, שטעלט זיך אויף דער שוועל און שרייט אריבער:

— טאטע, טאטע, מנשה גיט פאר'ן ווייץ 3.20! זאָל איך?

— מנשה? ניין. איך קען נישט; אויף מיין עהרליך וואָרט, כ'קען נישט, — שווערט זיך מאָנדריק אנטקעגען.

דער עולם שטעהט און שמועסט, מאָנדריק לעגט זיך אָן בעל־בתיש אויפ'ן פענסטער. קויפט דורך די גראטען ביי ר' יחיאל'ן פינף זעקלעך ווייץ, צו דריי רובעל. עס מישט זיך אריין א מעקלער, כאפּט א צווייער־גילדען, און לויפט אהיים אָבטראָגען דעם ווייב.

א בעל־הבית זאָגט א גוטען טאָג און רוקט זיך אָב פון רעדעל.

— ווי ער איילט זיך צו דער אכילה...— זאָגט מען איהם נאָך.

דער שטאָדט־זייגער קלינגט דריי. אין דער גאס הויבען זיך אָן צו בעווייזען חדר־אינגלעך, וואָס לאָזען זיך פאָרלעכוויז אהיים.

— צייט צום וואַרימעס! — רופט זיך אָן א צווייטער יונגער־מאַנטשיק, און געהט זיך אויף זיין וועג.

— מיינע וועט מיך באלד מקבל־פנים זיין — רופט זיך אָן מאָנ־דריק, פערגעסענדיג, וואו ער איז, און מאַכט א בעוועגונג, ווער׳ענדיג מיטגעהן מיט דער חברה.

דער עולם לאַכט און צוגעהט זיך. מאָנדריק בלייבט אליין. ער דרעהט זיך אויס הינטער זיך. — דאָרט, ערגעץ אין א שווארץ ווינקעלע, ביי'ם אויוועז, ליעגט אויף א בערגעל מיסט „פריץ" דער שטאָדט־שכור און שלאָפט.

מאָנדריק שאָקעלט זיך אָב און דרעהט זיך צוריק איבער צום מארק.

ער דערזעהט זיין שלמה'ן געהן פון חדר.

— שלמה, שלמה! — שרייט ער אויפ'ן אינגעל, וואָס שטיפט מיט חברה אויפ'ן וועג אהיים.

— וואָס וויל דער טאטע? — פרעגט דער אינגעל, צולויפענדיג צו דער „קאָזע".

ענטפערט מאַנדריק, אַרויסשטעקענדיג די האַנד דורך דער גראַטע נאָך דער פּראָבע. — און וויפיעל ווילסטו עס פאַר די „זשאַרגעס“?

— צו אַכט און צוואַנציג גילדען.

— טאַקע, אַ וואַ! דו מיינסט, אַז איך זיץ אין קאָזע, מעג מען שוין לאַכען אויס מיר? נאַ, זעה, וואָס איך גיב דיר!

און מאַנדריק נעהמט אַרויס געלד און הויבט אָן אויסצוציעהלען דעם פויער אויפ'ן פענסטער.

— וואָס רעדסטו מיט איהם, ער זיצט דאָך אין קאָזע! — מאַכט צום פויער בע על פאַקטער, אָנקומענדיג צו דער פוהר און אָננעהמענדיג די פערד פאַר די לייצען.

— מיין תבואה! — שרייט מאַנדריק — געקויפט!

— געה אַרויס און נעהם זי! — ענטפערט בערעל, אָוועקפיהרענדיג דעם וואָגען.

— וואַרט גנב! — שרייט אויס מאַנדריק — וועסט דיך אַ שוואַרץ יאָהר אויסריכטען. געה איך אַרויס צו דיר, ברעך איך דיר האַלז און נאַקען.

— אדרבא, נו, קום אַרויס, אדרבא, פּרואוו אַמאָל! — רייצט זיך מיט איהם בערעל שוין פון דער ווייטען.

— אויסגעריסען זאָלסטו ווערען, רבונו של עולם! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? — און מאַנדריק נעהמט זיך צוריק צום תהלים'ל.

נאָכ'ן אָנבייסען לאָזען זיך די קעסט־קינדער, וואָס האַנדלען שוין אַ ביסעל אין מאַרק, אויף דער גאַס אַרויס. געוועהנליך איז די „בערזע“ אין לאַנגע גאַס געוועלב, קעגענאיבער דער פּוילישער צוקערניע. היינט, — מאַנדריק'ן צוליעב, — פערזאַמעלט מען זיך פאַר די פענסטער פון קאָזע.

— גוט־מאָרגען, חיים נחום, וואָס איז עס די מעשה?

— זיי זאָלען אַזוי וויסען פון זייערע הענד און פיס. אַ מעשה פון פינף יאָהר צוריק.

די אידעלעך מיט די שטעקלעך אין די הענד קומען זיך צוזאַמען. מען הויבט אָן שמועסען פון געשעפט. מאַנדריק שיט דורך די גראַטען אַ פּאָאַר גלייכווערטלעך, ווי זיין שטייגער איז. עס ווערט היימלעך, מען פערגעסט גאָר, אַז מען שטעהט פאַר אַ קאָזע.

כענט ער די קאַסע אין שופֿלאַד. טײַלמאַל קומט אַ קונה פֿון געװעלב אַרױס מיט לײדיגע הענד; דער עלטערער זוהן מאַנדריק'ס לױפֿט איהם נאָך און רופֿט איהם צוריק אין געװעלב אַרײַן, — העלפֿט איהם מאַנ־דריק דורכ'ן פֿענסטער צו. רופֿט ער: זײַט מוחל, זײַט מוחל, אַ נײַער סאָרט פֿון װאַרשאַ!

איז אין געװעלב קײן קונים ניטאָ, האָט ער ניט װאָס צו טהון, װײַל ער ניט „באַלעמוטשען“, כאַפּט ער אַרױס דאָס תהלים'ל פֿון בוזעם, פּונקט װי אין געװעלב צװישען אײן קונה און צװײטען, שלינגט ער אײַן אַ קאַפּיטעל תהלים, — אַ לײזונג אױף יענער װעלט. אין דער מיט, דערזעהט ער דורכ'ן פֿענסטער יואל דוד'ן, טראַכט ער װעגען אַ גמילות־חסד, אַ װעקסעלע צו צאָהלען, און רופֿט:

— יואל דוד! יואל דוד! — און אַז דער װיסטער יואל דוד (אַ מעבעל הענדלער) דערהערט, אַז מען רופֿט פֿון קאָזע, געהט ער צו.

— האַ! חיים נחום, פֿאַר װאָס? — און דערלאַנגט איהם דעם גוט־מאָרגען דורך די גראַטען.

— גוט־יאָהר! — ענטפֿערט מאַנדריק. — טאַקע יענע מעשה... האָבען זיך היינט דערמאָנט, אַ שװאַרץ יאָהר אױף זײ... זאָג נור, האָסט ניט אַ 25גער אױף אַ פּאָאַר טעג? איך דאַרף דאָרט אַ װעקסעלע צו צאָהלען, עס זאָל זײ אַזױ דער קאָפּ שטעהן צום טאַנצען, װי מײַנער צום זיצען....

— דאָרט אױך, אַ פּנים, ניט פֿאַראַן קײן שכחה, האַ? — מאַכט יואל דוד, און געהט אַװעק אָהן אַ קלאָרע תשובה װעגען גמילת חסד.

דערזעהט דערװײַל מאַנדריק, אַז אַ פּױער פֿיהרט אַ װעגעלע תבואה אין מאַרק אַרײַן צו פֿערקױפֿען, שרײַט ער אױס: — העי, העי! סלוכאַי, סלוכאַיטשע!

— האַ? װאָס? — דערשרעקט זיך אַ ביסעל דער פּױער. און מאַנדריק שרײַט איהם אַרױס:

— האָסט מיך ניט דערקענט, סטעפּאַן! דאָס בין איך דאָך, װײַז מיר נור אַהער אַ פּראָבקע.

— אײַ, דו איד, דו מאַשעניק, אַזױ לאַנג געהט דער קרוג צום װאַסער, ביז דאָס אױער ברעכט זיך אָב — זאָגט דער פּױער, און דער־לאַנגט איהם דאָך די פּראָבקע דורך די גראַטעס.

— האָב ניט קײן מורא! דיך װעל איך שױן ניט נאַרען —

ערגעץ אין דער אַלטער שאַפע פערפאַלען, ליעגען זיי אָב א יאָהר צוויי, דריי. — מאַנדריק האָט ווייטער פערגעסען. ער האָט שוין לאַנג פערגעסען! און אז ער דערמאָנט זיך אַמאָל — האָבען דערוויל יענע פערגעסען!

אז מען דערמאָנט איהם דערין אין בית־המדרש, לאַכט ער: — זיי האָבען פערגעסען, ברידער, ווי אין פאַר־א־יאָהריגען שנעע. מען מאָהנט מיך גאָר נישט!

וואָס געשריעבען און גע'חתמ'עט איז אָבער געשריעבען און גע'חתמ'עט... און פאַר זייערס א יום־טוב, אז מען איז געגאַנגען רוימען אין דער „גמינע", געפינט מען מאַנדריק'ס עסק אונטער דער שאַפע.

און באַלד נאָך דער חג'ע, אין א שעהנעם פריה־מאָרגען, ווען מאַנדריק דערהויבט זיך נאָכ'ן אָנבייסען און וויל ארויסגעהן, ווי נעכטען און אייערנעכטען, עפענען דאָס געוועלב, פאַלט אריין זשעניזשע דער „שמש" פון גמינע מיט נאָך עפעס א מין „לאַ־יחרץ'ל" אין א קאַפעליוש מיט קאַנטען, — און מען בעט שעהן, מאַנדריק זאָל מוחל זיין אין קאָזע אריין.

און עס העלפט ניט קיין „רבינו" און קיין „בעביניו"; מאַנדריק האָט מאָרגען א וועקסעלע צו צאָהלען, איבערמאָרגען פאַלט דער גרויסער יאַריד, — שריי „חי וקיים", אז מען איז אין גלות!

די מאַנדריקאָווע איז צוגעפאַלען צום וואָיט מיט'ן קליינעם קינד אויף דער האַנד: גוואַלד, פאַניע וואָיצע, זע'מיר דאָך עפעס הייםישע מענשען... סטייטש?

— עס העלפט ניט! די „בומאַגעס" זיינען צוגעשיקט געוואָרען פון „אויעזד", דער וואָיט איז גאָר ניט שולדיג.

די שטאָדט'ס קאָזע איז הינטער דער קאַנצעלאַריע פון דער גמינע, אין „קאַלער'ס" הויז, דאָס שעהנסטע און גאַזינדסטע הויז אין מאַרק. און די צוויי פענסטער, מיט די אייזערנע גראַטען קוקען זיך שעהן אין מאַרק אריין, גלייך זיי וואָלטען גאָר קיין קאָזע־פענסטער ניט געוועזען.

און אויף יענער זייט מאַרק, פונקט קעגענאיבער דער קאָזע, איז טאַקע מאַנדריק'ס געוועלב. שטעהט מאַנדריק אין קאָזע ביים פענסטער און קוקט אַריבער אין זיין געוועלב אריין, צעהלט ער די קונים אין זיין געוועלב, און לויט דעם פעקעל, וואָס דער קונה טראָגט ארויס, בערע־

# צו וואס?

א פינף, זעקס יאָהר צוריק — האָט זיך בעוויעזען אויף דער גאַס א נייער סטראַזשניק, וואָס איז נאָך ניט געוועהנט געווען מיט די מנהגים פון דער גאַס. געהט ער זיך אַמאָל אַרוים זונטאָג אין דער גאַס אריין שפּאַצירען, און דערזעהט פון דער ווייטענס, ווי חיים נחום מאָנדריק רופט פריי און פראַנק אין זיין געוועלב אריין קונים גאַנצע 5 מינוט פאַר צוועלף אַזייגער! נעהמט ער, דער סטראַזשניק, און פערשרייבט מאָנדריק'ן אין ביכעל אריין. דערפון ווערט א פּראָטאָקאָל, און דער פּראָטאָקאָל געהט אין סאָנד (געריכט) אריין. מאָנדריק איז דערווייל מיט'ן סטראַזשניק חבר און „כל ולך“ געוואָרען. דער סטראַזשניק איז דערווייל מעהר „תושב“ געוואָרען אין גאַס, און האָט זיך אויסגעלערענט און געקענט אויסווענינ אַלע מנהגים פון גאַס, — פּראָטאָקאָל אָבער בלייבט פּראָטאָקאָל און מאָנדריק כאַפּט א פּסק: 25 רובעל קנס, אָדער 5 טעג קאָזע. לאַכט ער, מאָנדריק. 25 רובעל פאַר 5 טעג, ער וואָלט יעדע וואָך אַזאַ געשעפט געמאַכט! און פאַר וואָס זאָל עס מאָנדריק ניט וועלען פערדיענען 5 רובעל א טאָג? האָט ער גענומען אויף זיך די „קאָזע“. און דער וואָיט האָט שוין געשריעבען וואו מען דאַרף, אַז מאָנדריק קען ניט צאָהלען. אָבער ניט אַזוי געשווינד זעצט מען מאָנדריק'ן אריין! עס געהט איבער א צייט, מאָנדריק האָט שוין אָן דער גאַנצער מעשה פערגעסען, בעווייזט זיך פּלוצלינג דער סטראַזשניק. וואָס איז? מען רופט מאָנדריק'ן צום וואָיט. וואָס איז? וואָס וויל דער וואָיט? גאָר נישט. נור דער שרייבער לעזט איהם פאָר עפּעס אַלטע חטאים מיט פינף טעג זיצען.

מאָנדריק דערמאָנט זיך. פון דעסטוועגען — מאַלע וואָס — איילט אייך ניט אַזוי, זאָגט ער, דערווייל האָב איך קיין צייט ניט.... אַנדערע געשעפטען, — איך מאַך א ברית די וואָך! — דער שרייבער איז דוקא ניט קיין שלעכטער, לעגט ער די פּאַפּירען אַוועק, ווערען זיי

דאָס האַרץ און ער געהט איהם נאָך, קוקט אויב ער געהט ניט אהין צו זיין פּלויטעל.

טײַלמאָל, ליעגענדיג ביינאַכט אין בעט, כאַפּט זיך דער מלמד אויף. טהוט זיך אָן דעם שלאָפראָק און לויפט אהין צום פּלויטעל. עס דאַכט זיך איהם אלץ, אז בערעל שטעהט מיט א האַק פאַר דעם פּלויטעל און צולעגט עס, און מאַכט זיך פון איהם א שטאַל.

זיין ווייב שרייט: גזלן, קוילעסט דאָך מיך מיט די קינדער אוועק, לאָז געהן א כפרה בערעל מיט'ן פּלויטעל אין איינעם. וואָס האָסטו דען דערפון?

— חצופה, מיין טאַטען'ס!...

און א גאַנצען טאָג דרעהט זיך לייבעל ארויף און אראָב פאַר דעם פּלויטעל, כאַפּט אָן יעדען פערבייגעהער, נעהמט איהם אָן פאַר די לאַצען און גיט איהם צו פערשטעהן, מאַכענדיג מיט די פינגער:

— זעה, והא ראיה, אז דאָס פּלויטעל איז מיינס — זעה, דאָ איז געוועזן אונזער שטיבעל, דאָס פּלויטעל איז טאַקע געוועזן די מזרח־וואַנד, פלעג איך אמאָל אין דער היים מנחה דאַווענען, שטעל איך מיך אַניעדער ביי דעם ווענדטעל טאַקע ביי'ם פּלויטעל, אָט דערקען איך נאָך די צוועקעס, וואָס איך האָב זיי אליין אריינגעשלאָגען.

און ווען דו געהסט אזוי ביי־נאַכט איינער אליין אין די גאַסען פון קאַרטשעוו, זעהסטו ווי אויבען אין דער הויך שפּיעגעלט זיך אָב די לבנה און קוקט טרויעריג און ערנסט אראָב אויף די ניעדריגע הייזלעך, און אונטער א קליין ניעדריג שוואַרץ פּלויטעל, וואָס זעהט אויס ווי א שוואַרצער פלעק, ליעגט עפּעס ווער איינגעטוליעט דעם קאָפּ צוגעצויגט צום פּלויטעל און שלאָפט. די בלייכע לבנה קוקט אראָב צו איהם, בעלויכטענדיג עטוואָס טרויעריג זיין קאַלטען קערפּער, וואָס איז ארומ־געוויקעלט אין א לייכטען כאַלאַטעל. דאָס איז לייבעל דער מלמד, ער היט אָב זיין ירושה.

איהם האָט ער געהאַט הענגען דעם טלית און תפילין — ער איז נאָך אביסעל איינגעבויגען. בערעל טענה'ט אָבער: ער ווייסט, אז דאָס פלויטעל איז א ווענדטעל פון זיין שטוב; קיין ראיות וויל ער ניט ברענגען — לערנען קען ער ניט.

געהען זיי ביידע צום רב. דער רב מאכט א פשרה: וואוינען דאָרט קען מען דאָך סיי־ווי־סיי ניט, אלא מה, צו וואָס קען נוצען דאָס פלויטעל? נור אויף א וואנד צו א סוכה, און א סוכה דארפען זיי דאָך ביידע — לאָז דאָס פלויטעל שטעהן אויף סכות, און לאָזען זיי זיך ביידע דאָרט א סוכה מאכען.

טענה'ט אָבער בערעל: לא, ער דארף דאָס פלויטעל אויף א שטאל פאר זיין פערד. א גראָבער יונג איז ער און וויס אפילו ניט צו זאָגען קיין להבדיל צווישען א סוכה און א שטאל.

לייבעל מלמד ווערט אויפגעבראכט: זיין נחלה, זיין פאָטער האָט דאָרט געוואוינט, זיין זיידע — זיין עלטער־זיידע, פון דעם פלויטעל מאכען א שטאל? ניין, אום לעבען זאָל עס איהם געהן.

בערעל פיהרט אוועק אהין צום פלויטעל א גוי מיט א זעג און א האק, נעהמט דער גוי ארויס א שטריקעל און הויבט אָן דאָס פלויטעל צו מעסטען, ווערט דערפון געוואָהר לייבעל מלמד, קומט ער אָן צו לויפען. און ער פערשטעלט דאָס פלויטעל מיט ביידע פאָלעס און לאָזט ניט מעסטען.

— געהסט אוועק, איך צוהאק דיר דאָ דעם קאָפּ — שרייט בערעל.

— לאָזט מיך צו צו דעם עוכר, לאָזט מיך, איך וועל איהם קורע בדג זיין — שרייט לייבעל.

יוסקע לאָבוס, א באָרפוסער און נאקעטער יונג מיט א צוריסען היטעל, שטעהט דערביי און קוקט.

— ווער האלט איהם דען צו? לאָזט איהם, לאָזט איהם, — און ווינקט מיט אַן אויג צו בערל'ען: — נעהם איהם.

עס ווערט א קריעגעריי, אידען קומען זיך צונויף, מען מישט זיך אריין, מען רייסט אוועק בערל'ען פון איין זייט, לייבעל'ן פון דער צווייטער זייט, און דער גוי געהט צוריק אהיים מיט דער זעג.

דער מלמד הויבט אָבער אָן צו פערנאכלעסיגען זיין מלמדות, געהט א גאנצען טאָג ארום און קלערט וועגען דער נחלה, און וואו ער זעהט א גוי פערבייגעהן מיט א האק אויף דער פלייצע קלאפט איהם

אונטער איין דעכעל, אַ ירושה פון זייערע עלטערן. געוואוינט האָבען זיי ביידע ניט דאָרט, איינס, די פּאָליציע האָט ניט געלאָזט, ווייל זי האָט פערלאַנגט, מען זאָל די חורבה צוואווארפען, נאָר ווען זי וואָלט אפילו יא מתיר געווען, וואָלטען זיי סיי־ווי־סיי דאָרטען ניט געוואוינט: דער דאַך איז אראָבגעריסען, די ווענדטלעך שאָקלען זיך, און אריינציהענדיג זיך דאָרט, אויסער וואָס מען דאַרף אריינלעגען געלד, צורעכט צו מאַכען די חורבה (וואָס ניט ביידע זיינען עס אימשטאַנד), וואָלטען זיי נאָך דערמיט איינגעשטעלט זייער לעבען און זייערע קינדער׳ס לעבען, און אזוי האָט זיך לייבעל מלמד וואו ערגעץ אנדערש זיין הדר און בערעל וואו אַנדערש זיין שטיבעל. און די בעלי־בתים לעבען צווישען זיך אין שלום. טרעפט מען זיך אַמאָל צוזאַמען אין בית־המדרש אין אַ שבת פאַר־נאַכט, געהט בערעל דער פוהרמאַן צו צו לייבעל׳ן און לאָזט אראָב זיין דיקע בעשמוצטע האַנד אויף לייבעל׳ס אויסגעמאָגערטען רוקען, וואָס האַלט תמיד אין איין ציטערען.

— נו, לייבעל, וואָס הערט מען עפּעס מכח אונזער נחלה?

לייבעל קעהרט זיך אום, ברומט אונטער די נאָז, פאַר זיך:

— גראָבער יונג.

וואָס טהוט דער יצר הרע, וואָס לאָקערט אויף די כנסת ישראל צו פערשפּרייטען קריגע צווישען זיי? שיקט ער אָן אַ פייער אויף קאָר־טשעוו. דאָס פייער לעקט אָב די נחלה פון אונזערע ביידע העלדען, און לאָזט איבער אַ „כותל מערבי“, אַ געדעכעניש פון דעם חורבן.

ארום זעהט מען ארויס שוואַרצע, האַלב־איינגעפאַלענע קוימענס, וואָס שטעהען ווי אָבגעשאַפּטע שמשים און צווישען די קוימענס שטעהט זיך איינגעקאָרטשעט אַ ניעדריג שוואַרץ ווענדטעל, צוזאַמענגעקלאַפּט פון אַ פּאָאר פערברענטע ברעטלעך. די קוימענס זיינען באַלד צוריק בעמויערט געוואָרען, קאָרטשעוו איז צוריק — קאָרטשעוו, און נור דאָס פּלויטעל שטעהט אַ געדעכעניש פון דער שרפה.

קריעגען זיך איבער דעם פּלייטעל די צוויי בעלי־בתים — לייבעל מלמד און בערעל פוהרמאַן.

לייבעל וועזט אויף מיט ראיות און פערשיערענע פּשט׳לעך, אז דאָס פּלויטעל איז אַ ווענדטעל פון זיין שטוב. ער דערקענט נאָך אפילו די צוועקעס, וואָס ער האָט אריינגעקלאַפּט אין וואַנד אויפצוהענגען דעם זייגער און די אַטלעסענע קאַפּאָטע; ער דערקענט דעם צוואָק, וואָס אויף

שטיבלעך לאָזען זיך ארויס, יעדער זיין שטיקעל גאַס פאַר זיין הויז אָבצוקעהרען.

חצקעל קעהרט אוועק זיין שטיקעל רינשטאָק, ישעיה זיין שטיקעל און זרח זיינס, נאָר תמיד בלייבט איבער צווישען איין טייל רינשטאָק און דעם צווייטען אַ שטיקעל ניט ריין געמאַכט. דער סטראַזשניק קומט אָן, זרח שרייט: איך האָב דאָס מייניגע אוועקגעקעהרט, גדליה: דאָס שטיקעל געהערט צו דיר, חצקעל מאַכט זיך גאָר אין גאַנצען פון שטוב ארויס.

און דער סטראַזשניק נעהמט אַרויס דאָס ביכעל, האַלט דעם בליישטיפט אין דער האַנד און דריידעלט מיט דער האַנד אַרום און אַרום, ציקעלט זיך עפּעס אָן אות צו מאַכען און קוקט דערווייל מיט איין אויג אויף די בעלי־בתים, וואָס האַלטען די בעזעמס אין דער האַנד און קריעגען זיך.

— געה גיעב איהם אַ אידער (אַ צעהנער), לאָז איהם ניט כתב'ע־נען (פערשרייבען) — שרייט זרח.

— איך זאָל געהען? — שרייט חצקעל — וואָס איז עס מיין געשעפט? געה צוברעך הענד און פיס!

— ביים גרינגעם טיש וועסטו שוין אזא בריה ניט זיין — וואָרענט איהם ישעיה.

— גרין און געל זאָל דיר דיין טרפה פּרצוף ווערען, רבונו של עולם פון הימעל, — בעקומט ער אַן ענטפער פון חצקעל'ס ווייב, וואָס שטעקט די שלאָפהויב ארויס פון דורך אַ פענסטער אין דער הויף.

דער סוף איז: מען לעגט זיך צוזאַמען, יעדער גיט אַ פיערער און מען טראָגט עס צו דעם סטראַזשניק.

דער לעצטער שפּייט אויס, הייסט מיט אַ בייזערדיגער שטימע אויסקעהרען, געבענדיג צו פערשטעהן, אַז מיט דעם איז מען נאָך ניט יוצא, און אַריינלעגענדיג די פּאָאר גראָשען אין קעשענע געהט ער אוועק ווייטער.

---

אַ בעשטענדיגע מחלוקה אין קאָרטשעוו איז צווישען לייבעל דעם מלמד און בערעל דעם פּוהרמאַן.

די מעשה איז אזוי:

אַמאָל האָבען זיי ביידע געהאַט צוויי איינגעפאַלענע שטיבלעך

טאקע א קליין שווארץ פּלעקעל, וואָס איז אויסגעמאָלט אויף דער ערד, און איבער דעם דאָזיגען פּלעקעל שיצט דער הימעל מיט גרויס רחמים און לאָזט זיך איבער איהם אראָב אזוי ווייך און גלעטענדיג, וואָס אמאָל ניעדריגער און ניעדריגער.

דאכט זיך דער הימעל שיצט אויף אזוי ווייך, אזוי געטריי איבער דעם נאָהענטען וועלדעל, ווי איבער קאָרטשעוו — ער בעשטעהט דאָך נור פון ביימער, וואָס שטעהען ווארטענדיג, ביז מען וועט זיי אָבהאַ־קען און פערברענען אין פייער אין קאָרטשעוו גופא...?

און קאָרטשעוו אָבער — דער הימעל איז נור דירעקט צוליעב איהר: זי האָט אויף איהר גוט־אָרט דריי היילינע צדיקים בעגראָבען, איהר שוהל, בית־המדרש, הויז שטיבלעך און פּריוואַט מנינים, וועלכע שפּאַלטען דורך דעם הימעל דריי מאָל א טאָג.

נאָך מעהר איז די קאָרטשעווער קהלה בעריהמט מיט איהר נחלה׳שאַפט, יעדער מענש אין קאָרטשעוו מוז זיין אייגענע נחלה האָבען — זיין שטוב, כאָטש זיין אייגען ווענדטעל.

עס זאָל דיר ניט וואונדערען, ווען דו געפינסט קאָרטשעווער הייזלעך פערשיעדען־פארביג אָבגעמאָלט: איין שטיקעל וואנד רויט, דאָס צווייטע שטיקעל ווייס־אָבגעמאָלט, פון דעם דריטען שטיקעל וואנד זעהט מען ארויס די שטיקלעך האָלץ, וואָס זיינען אין דער לענג און אין דער ברייט צוזאַמענגעקלאַפּט (אודאי א טייל פון אן אביון). דער דאָך איז אויך ניט אומעטום גלייך. איין שטיבעל־דאָך איז בעשלאָ־גען מיט שינדלען, דאָס צווייטע איז געדעקט מיט שטרוי, דאָס דריטע מיט בלעך, א טייל איז גאָר אין גאנצען אָפען. דאָס איז ניט פון שעהנ־קייט וועגען — גאָר, זיי מוחל, און לייען איבער די נעמען, וועלכע זיינען אָנגעשריבען אויף דעם בלעכעל, וואָס איז אָנגעקלאַפּט פאר דעם הויז, און וועסט געוואָהר ווערען, פאר וואָס עס איז אזוי:

נומער 3.
חצקעל מענדעלאָוויטש,
ישעיה ווארשאַווסקי,
זרח פייגענשטאָק,
גדליה גוטמאַן,
און אזוי ווייטער...

ישעהן איז צו זעהן אין דער פריה, ווען די בעלי־בתים פון די

# מחלוקת אין קאַרטשעוו

דער וועג קיין קאָרטשעוו לאָזט זיך אין אַ טהאָל אראָב. פון אַלע זייטען לאָזען זיך מיט אין דעם זעלבען טהאָל אראָב לאַנגע בייטען ערד, טייל נאָך שווארצע, ערשט בעאַקערטע; פון אַ טייל בייטען הויבען שוין אָן גרינע קערענדלעך שמייכלענדיג די קעפּ ארויסצושטעקען, און זיי שמייכלען און ווינקען אזוי שעהן פון דערווייטענס; און טייל בייטען זיינען שוין אין גאַנצען מיט גראָז בעוואַקסען. פון דער אַנדערער זייט שטעדטעל זעהט זיך, ווי עס ציהט זיך פון טהאָל בארג - ארויף אַ זאַמדיגער וועג, פון ביידע זייטען מיט בעפלאַנצטע בוימער. צוזאַמען מיט דעם וועג ציהען זיך מיט אין דער הויך די לאַנגע, טייל נאָך שווארצע, טייל שוין בעגראָזטע, און טייל שוין גאָר אין גאַנצען מיט הויכע גראָזען בעוואַקסענע בייטען און מישען זיך דאָרט אַלע צוזאַמען, ביז זיי ווערען אין גאַנצען פון דער ווייטען פערשוואונדען פון דער אויג. איבער דעם אַלעם שפּרייט זיך אויס פון אויבען אַ גאַנץ לאַנגער און אַ גאַנץ ברייטער ליכטיגער הימעל, אין וועלכען גרויע וואָלקענדלעך באָדען זיך און טוקען זיך.

אונטען אין דעם טהאָל אויף אַ קליינעם פּלאַץ, הארט ביי אַ וואַסער'ל פון איין זייט, הארט ביי אַ וועלד'ל פון אַ צווייטער זייט, זיינען צושאָטען איינצעלנע הייזלעך, די דעכער זיינען איינס צוגענייגט צום צווייטען, — דאָס איז דאָס שטעדטעל ק אָ ר ט ש ע ו ו, אַ עיר ואם בישראל. קוקענדיג אויף דעם הימעל, וואָס פערשפּרייט זיך איבער דעם שטעדטעל, ווי אַ גאַנץ ברייטע און אונענדליכע חופּה איבער אַ קליינעם שווארצען פּונקט, וואָס איז פערטרונקען אין אַ גרינעם גראָזעדיגען ים, דאַכט זיך, אַז דער הימעל פערגעסט עפּעס קאָרטשעוו. קאָרטשעוו איז אַ פּונקט, פערפלעקט אויף דעם אויבער־דעק פון זיין כלה — די ערד. נור קאָרטשעוו טראַכט ביי זיך ניט אזוי, דער הימעל שיצט איבער איהר מיט אַ בעזונדער געטריישאַפט און ליעבע. קאָרטשעוו איז

„אמן יהא שמיה רבא..." ענטפערט דער עולם מיט א רעש.

און טהייל ווייבער אויף די שוועלען ווישען זיך די הענד אָן די וואנד און זאָגען: אמן, יהא שמיה רבא...

שעמענעץ דאווענט!

די נאכט איז צוגעפאלען. זיכער און שטיל שטעהען די קליינע הייזלעך ארום מארק, זיי זעהען מיר אויס, ווי אלטע ווייבער מיט שטריק־נאָדלען אין די הענד וואָס האָבען זיך פערזאמעלט אין א גרויסע שוהל און ווארטען, די זאָגערין זאָל קומען, די זאָגערין מיט ברילען אויף דער נאָז, מיט'ן פעקעל תחנות אין דער האנד...

אָבער א לבנה האָט שעמענעץ.

טונקעל איז דער הימעל, מיט די שטערען ווי מיט ליכטיגען מאָן בעשיט, אין מיטען שניידט זיך אויס א ריכטיגע לבנה, טאַקע יהושוע'ס פנים, אָהן אָן איינציגע פגימה'לע, די שכינה שיינט אויפ'ן הייליגען פנים... און זי קוקט אראָב, די לבנה, אויף איהר ליעבע „כנסת ישראל" און שמייכעלט צו איהר, איהר כנסת ישראל דאווענט.

און הינטער מיר פרעגט א יונגע שטימע:

— מעג מען דען קוקען אין דער לבנה אריין? יא, מען מעג?

איך קוק מיך אום. א פּאָאר גרויסע קינדישע אויגען אין א בלאס דאר פנים'ל.

— יא, מען מעג קוקען, יא מען מעג?

און איך טראכט מיר: די שעמענעצער לבנה איז אפשר דעריבער אזוי קלאָר, אזוי הייליג, אזוי ריין, ווייל קיינער קוקט ניט אויף איהר...

טונקעל ווערט. היימיש איז אַלץ אַזוי ווי ביי דער מאַמען אין דער היים.

אָט שטעהט אַ פוהר פאַר אַ הייזעל, אַ קעלבעל ליעגט אויף די פוהר און שרייט, איינגלעך שטעהן פאַר'ן הייזעל און פרעהען זיך מיט די פערד.

די צוויי אידען קומען אָן, שטעלען זיך אָב ביי דער פוהר און רעדען עפּעס מיט דעם פּויער. איינער טאַפּט דאָס קעלבעל וואָס איז אויף דער פוהר און דינגט עס. דער פּויער האַלט אַ פּיפּקע אין מויל און לאָזט געדיכטען רויך אַרויס, און לאַכט.

דער הימעל איז שוין טונקעל; קליינע שטערען זעהען אויס — ווי ליכטיגע פענסטערלעך אין די שטיבלעך פאַר מלאכים, די לבנה — ווי אַ גרויס פענסטער אין זיין ליעבען נאָמענס פּאַלאַץ... און גאָר אין עק, ווייט, ווייט, פערזינקט דאָס לעצטע ביסעל רויטקייט און ווערט פערטרונקען אין אפשר גאַנצע מחנות פערבלאָנדזשעטע טונקעל־בלויע וואָלקען... אָדער ווייס איך וואָס זיי זיינען?...

עס בעווייזען זיך שעמענעצער הייזלעך... ניעדריגע הייזלעך, איינס אָבגערוקט פון צווייטען, פּלאַץ איז ביליג! ווייבער זיצען אויף די שוועלען פאַר די טהירען און שמועסען. קינדער לויפען אַרום איבער'ן שטיינערנעם בריקעל פון איבער'ן אויסגעטריקענטען טייכעל פאַר די הייזער. אין מיטען מאַרק ליעגען גרויסע בינד שטרוי; אודאי נאָך אַ מאַרק־טאָג. אין אַ ברייטע „ליק" צווישען צוויי הייזלעך שפּיעלען זיך חדר־איינגלעך אין זעלנער.

אַן איינפאָהר־הויז. אַ שילד מיט רויטע טראַנספּעראַנט־אותיות... אַ לעמפּעל רייכערט זיך פון הינטען, אויף אַ שוועל פון אַ געוועלב שטעהט אַ מיידעל מיט אויפגעקעמטע האָאַר אין אַ ווייס פאַרטוכעל און קוקט אין גאַס אַריין, וואו אַנדערע מיידלעך שפּאַציערען. זי קוקט צו דעם פעלדשערס שוועל געגענאיבער. דאָרט שטעהט אַ יונג, דער הוט אויף אַ שפּיץ „גרזיוווע", ער ווינקט צו איהר... קוק דערווייל דרייצעהניעהריג מיידעלע; דיין זיווג לערנט זיך ערשט דאָס פּשט'ל צו „בר־מצוה"...

סאַמע ווייבער און קינדער — וואו זיינען די מענער?

— יתגדל ויתקדש... רייסט זיך פון בית־המדרש אַרויס! דאָרט זיינען זיי.

אויף ערבארמדיג זיינען די בעלדער ארום... זיי געדענקען פון גאר ניט און ווייסען פון גאר ניט...

---

די זון טוקט זיך, א לייכטער וואלקען שוועבט איבער'ן הימעל, אין מערב גיסט זיך אויס א גאלדענער ים מיט צוואווארפענע בלויע אינזלען. א רונדיגע לבנה שניידט זיך אויס פון די וואלקען און קוקט ארויס, ווי פון אונטער א פארהאנג, און דער וואלקען בעוועגט זיך לייכט ווי א פארהאנג, און שוועבט איבער דער לבנה...

און וואס א מאל מעהר, ווערט דער רויטער ים ווינציגער, די טונקעל־בלויע אינזלען — גרעסער. דער הימעל ארום, א ליכטיגער ים, פערטונקעלט זיך, און דער וואלקען איבער דער לבנה ווערט שיטערער און לייכטער, און שוועבט אריבער און עס בעווייזט זיך שוין א זילבערנע לבנה.

פון דערווייטען בעווייזען זיך עטליכע שיטערע בוימער... גלייך זיי הייבען זיך פון ערגעץ ארויס, און זיי מעהרען זיך — עס ווערט פון זיי א וואלד... און דער וועג פערבלאנקעט זיך צווישען די בוימער, און עס שווימען ארום אין דער לופט פערבלאנדזשעטע קולות... מענשליכע שטימען צוזאמען מיט א געקוואקעריי פון פרעש.

א פויערייש אינגעל קומט מיר אנטקעגען מיט א ליעדעל, מיט א ווייך קלינגענדיג ליעדעל, און ער נעהמט זיך ערגעץ אראב אין עק זייט און ווערט פערשוואונדען, און דאס ליעדעל וויעגט זיך נאך אין דער לופט.

די בוימער ווערען שיטערער, דאס שימערען פון די בלעטער הערט א ווײלע אויף, עפעס ווי הארכענדיג שטעהט די געגענד... מען רוהט זיך אב... פון דער ווייטען הערט מען נור דאס געקוואקעריי פון פרעש.

און דארט ווייט שטארט עפעס אין דער לופט... עס קומט וואס א מאל שארפער ארויס, נאר וואס — ווייס איך נאך ניט. א הונד בילט... דערנאך געהט אן אויסגעצויגענער „מע“ בלשון רבים. קיה געהען אהיים זיך מעלקען... גרויסע געלע פלעקען בעוועגען זיך... מעעע...

א פויערטע מיט א צווייגעל געהט נאך.

צוויי אידען געהען אויפ'ן וועג, האלטען זעקלעך אויף די פלייצעס, שטעקלעך אין די הענד און געהען.

— וואָס טהוט איהר דאָ, ר' איד? — פרעג איך איהם אבי צו פרעגען.

— איהר זעהט דאָך!

— איז אין דער היים קיין ארבייט ניטאָ?

— נייע מאָדעס, — זיפצט ער — א יונג פון אל־די־שווארצע־יאָהר געקומען מיט אן אכט־קאַנטיג היטעל, א „ווארשאַווער שניידער" זאָגט ער... האָט ער שפּע... און איך אויף דער עלטער מוז ארומגעהן אויף די דערפער... ער נעהט נייעס... איך נעה, אזוי ווי מיין טאַטע האָט מיך געלערנט, און אזוי ווי מיין טאַטענס טאַטע האָט מיין טאַטען געלערנט... קיין איבער־שפּיצלעך קען איך ניט.

און גלייך ער וויל מיך טרייסטען, גיט ער צו:

— יעדען פרייטאָג קום איך צו מיין אַלטער... אהיים! בא... אומעטום גאָט'ס וועלט און זיינע בעשעפעני־שען! און ווידער ארום, — זאָגט דער אַלטער נאָך א לאַנגען איבערקלערען זיך — ווער דאַנקט און לויבט דאָ גאָט פאַר אַלע זיינע תבואות, פאַר אַלעס וואָס ער האָט אונז בעשאַפען, אז ניט א איד וואָס פערבלאָנזשעט זיך אמאָל אהער?...

דערווייל האָט זיך אויסגעלייטערט און די זון איז אין פענסטער אריין.

— נאָך ווייט קיין שעמענעץ? — פרעג איך.

— א וויאָרסט דריי. דער וועג פיהרט גלייך צו.

איך דאַנק דער בעל־הבית'טע, געזעגען מיך, דער אַלטער האָט מיר לאַנג נאָכגעקוקט.

ערשט מאָנטאג! — הער איך הינטער מיר זיין זיפץ.

צוריק אויפ'ן וועג! דער הימעל איז קלאָר, די וואָלקען ציהען זיך ערגעץ אוועק; די נאַסע פעלדער שמייכלען צום הימעל און דאַנקען פאַר דער שפּע...

און איבער דעם קלאָרען הימעל מיט בלויע פערטונקענע וואָלקען בייגט זיך אויס א גאָלדענער רעגען־בויגען מיט בלויע קאַנטען. „גאָט איז בארמהערציג, ער האָט זיך דערמאָנט" — זאָגט דער הימעל און טריקענט די ערד מיט ליכטיגער ליעבשאַפט, ווי א מאַמע ווישט אָב די בעקלעך פון א פערוויינט קינד...

רינגלען מיך ארום און בעקוקען מיך פערוואונדערט; אין צווייטען עק ביי א וויעגעל שטעהט נאך איינס מיט א גרויסען קאפּ, וואס וואקעלט זיך אויף א דינעם האלז און קוקט מיך אן פון וויטענס און שמייכעלט. ביי די בארוועסע פיס ליעגט א שווארצער קודלאטער הונד און קוקט איהם אין פּנים אריין, און ווארט אויף א בעפעהל...

— קען איך מיך פערהאלטען דא, ביז דער רעגען וועט אריבער?

די פויערטע ערלויבט עס מיר פריינדליך און דערלאנגט מיר א שטוהל צו זיצען.

פון דרויסען הערט זיך א ווייטער דונער... גלייך פוהרען וואלטען דורכגעריבען אויף א הארטען וועג.

און אין שטוב איז שטיל געווארען, און אין דער שטילקייט דערהער איך אן אלטע שוואכע שטימע:

— ברוך אתה ה׳ אלהינו... א ברכה איבער׳ן דונער.

איך קוק מיך אום, אין ווינקעלע ביים פענסטער זיצט איינגעהויקערט א איד איבער א שניידערשער ארבייט.

עס ווערט מיר היימליכער, עס פרעהט מיך צו טרעפען נאך א איד אין א גוי׳שע שטוב, מען שפירט זיך עפּעס היימיש.

— שלום עליכם, פעטער!

— עליכם שלום א איד.

— אודאי געקומען געגרשט קויפען! — טרעפט ער.

— ניין, איך געה נור פארביי.

— וואוהין?

— קיין שעמענעץ.

— אזוי, נאך שעמענעץ! איך בין טאקע א שעמענעצער.

און דאס האב איך אליין געוואוסט. מען דערקענט עס אין איהם. צווישען די קנייטשען אויף זיין אלטען פּנים ליעגט שעמענעץ אויסגעגאסען און שמייכעלט!

יעדע קהלה האט שוין איהר סטעמפּעל, וואס זי לעגט אויף איהרע איינוואהנער...

דאס לאנג־אויסגעצויגענע פּנים, די מאגערע באקען, די קנייטשען ארום די אויגען, די קנייטשען ארום איינגעפאלענעם מויל, זיינען על פּי נוסח שעמענעץ. על פּי נוסח שעמענעץ זיינען די שווארצע טאבאק־צייכען אונטער דער לאנגער שפּיציגער נאז...

ערגעץ ווייט קומט א פויגעל אָן צו פליהען און פליהט מיט רעש דורך, אָנזאָגענדיג: א רעגען וועט זיין! און דאָרט אין פעלד שאָקעלט זיך דער בוים, די צווייגען רוישען מיט אימה...

און די פעלדער ציהען זיך, גלאָצען אין הימעל אריין: הקדוש ברוך הוא, מיר זיינען גרייט אָנצונעהמען דיין גוטס וואָס דו שיקסט אונז!

איך געה אויף דעם וועג.

דאָרט ווייט דערהויבט א ווינד דעם שטויב, א געדיכטער קארזש ווערט. פון אונטער א טהאָל קומען צוויי פערד ארויף שלעפענדיג זיך. מען זעהט ווי זיי שטרעקען די העלזער אויס ארויפשלעפענדיג זיך באַרג־ארויף — דערנאָך ווייזט זיך א פויער מיט א בייטש אין האנד.

אָט ווייזט זיך א דערביל.

דאָרט אין טהאָל שטעהט א הייזיל, און עפּעס ווי פערשעמט בעהאַלט עס זיך אין די געדיכטע צווייגען און די פיעלע בלעטער פון די בוימער, וואָס שטעהען ארום, און דאָס הייזעל ווי איינגעטונקט צווישען די גרינע בלעטער זעהט אויס פון דערווייטענס ווי עס וואָלט פון דער הוילער ערד ארויסגעוואקסען.

א קליין שמאָל וועגעל פיהרט פון דעם וועג אראָב און פערשלענגעלט זיך אויף די פעלדער. עס פיהרט צום הייזעל צו.

עס הויבט אָן לייכט צו טריעפען... די ערד זאַפּט איין די טראָפּען.

עס טריעפט און די טראָפּען בלייבען הענגען אויפ'ן גראָז ווי גוטע טרערען... און פערוואָלקענט אין דער הימעל נור פון איין זייט; אויף דער צווייטער זייט שמייכעלט די זון מיט א גוט געלעכטערל... עס הייסט: זעהט, וואָס זיין ליעבער נאָמען קען!

איך נעהם מיך אראָב אין א זייט צום בעהאַלטען הייזעל צו, עס לויפט א הונד און קומט מיר פריינדליך אַנטקעגען, לאָזט מיך דורך און בעגלייט מיך נאָך צוריק צו דער טהיר.

א פויעריש הייזעל. ניעדריג, אָבער זיבער ליעגט דער באַלקען אויף פיער אָבגעווייסטע ווענד... הייליגע בילדער ארום. אונטער איינעם א ווינקעלע, לייכט א לעמפּעל א קליינס, דער שוואכער שיין פון לעמפּעל צופליעסט זיך אזוי ווייך אין דער טונקעלקייט פון שטוב, מישט זיך אוים מיט די לייכטע בעוועגליכע שאָטענס. ביים קוימען זיצט די פויערטע און צינדט אונטער צוויי העלצלעך... קליינע, קליינע אינגלעך מיט אָבגעברענטע פּנים'ער און פלאַכע העלע פלאַקסענע האָאר

וועלט, — ניט קיינעמס נאָר דעם רבונו של עולם'ס, און די טהוי־בערעקטע פעלדער הייבען זיך צו צו די טהוי־בערעקטע הימלען, און די פייכטע הימלען לאָזען זיך אראָב צו דער ערד און עס ווערט איין וועלט, ווי איין גאָט'ס... און די איינגעוואקסענע גרעזלעך אין דער ערד בעוועגען זיך שטיל, זיכער, ווי עפּעס אַ קינד, וואָס וויעגט זיך אין דער מאַמעס שויס, שפּיעלענדיג זיך פערגניגענדיג.

און ווען איך זעה דאָס אַלץ, פערשעהם איך מיך פאַר זיך אַליין, פאַר וואָס איך אַליין בין העכער פון די אַלע גרעזער, וואָס וואַקסען אַרום. אַלץ איז איינגעוואַקסען, איינגעוואָרצעלט אין דער ערד, נאָר איך אַליין קריך אַרום, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט מיך פון דער ערד אָבגעריסען, און דער וועלט זיך געלאָזט. איך האָב מיין מאַמען פערלאָזט, מיין טאַטען אַוועקגעוואָרפען און ווי אַ יתום הרעה איך מיך אַליין אַרום, זוכענדיג ערגעץ אַ מקום מנוחה... עפּעס זעהט דאָס אויס הוצפה'דיג, פערלאָזט איז עס... און ראָרט אין מיטען פעלד, הינטען אין אַ טהאָל שטייגט אַ בוימעל אַרויס און גלאָצט אויף אין דער וועלט אַריין. דאַכט זיך ער פיהלט אויף דאָס זעלבע: העכער געוואַקסען פון אַלע גרעזער... דער גרעסטער פון אַלע... אַ שעהן פּנים האָט דאָס!...

---

און די שטיקלעך אָבגעריסענע וואָלקען האָבען זיך צוזאַמען בעהעפט איינס מיט דעם צווייטען, און עס שוועבט שוין אַ לייכטער פאַנסער איבער דעם הימעל: טהייל ערטער איז דער פאַנסער דורכ־געריסען און פון די אויפגעריסענע ערטער גלענצט עפּעס, ווי בעשטויב־טע ליכט אַזוי ווייך, און פערהילט אַזוי קושענדיג די לייכטע רייזענדע וואָלקען.

אַ רעגען וועט זיין!

דאַכט זיך עס פרעהט מיך! אַליין בין איך אויפ'ן וועג, ווי דאָס גרעזעלע וועל איך זיין, ניט האָבענדיג פאַר דעם רעגען זיך וואו צו בעשיצען.

אַ שטילע ליעבע אימה הערשט איבער אַלעס. די גרעזער בייגען איין די קעפּ, רוימען אין דער שטיל איינס צום אַנדערען: „אַ רעגען וועט זיין!“ דער לאַנגער וועג וואָס ציהט זיך דאָרט, דאַכט זיך, גרייט זיך אָן צום רעגען: „וואָס קען איך טהון“ — וואָלט ער זאָגען. פון

# אויף דעם וועג קיין שעמענעץ

און דער וועג ציהט זיך, און ערגעץ ווייט ווערט ער פערבלאַנדזשעט צווישען די פעלדער, אונטער אַ באַרג. און דער הימעל שמייכעלט אַראָב צו די פעלדער, און די פעלדער — אַרויף און אַלץ איז אַזוי רוהיג, אַזוי זיכער ביי זיך, אַזוי פעסט; אַלץ אַרום איז אַזוי קלאָר, אַלץ איז איינגעוואָרצעלט זיכער מיט אַ פעסטען יסוד אין דער ערד, נאָר איך אַליין בלאָנדזשע אַרום, צווישען הימעל און ערד... און בלאָנדזשען, מיין איך, צווישען הימעל און ערד וועל איך יאָהרען לאַנג, יאָהרען לאַנג... צווישען הימעל און ערד, צווישען אַלערליי גאָט׳ס בעשעפעניש. און די שאָסעע־שטיינער רעכטס און לינקס, די שטיינער מיט די נומערן זאָגען מיר, אַז אַוועק פון אַלעס, אויסרייסען זיך, אַנטלויפען פון דער חברה איז ניט אַזוי לייכט... אומעטום מענשען, אומעטום זייער אַרבייט, זייערע הענד.

נאָך גוט, טראַכט איך, וואָס זייערע הענד קענען צום הימעל ניט דערגרייכען, זיי וואָלטען איהם אויך אָבמעסטען אויף וויאָרסטען און מיילען... מיט דער צייט וואָלט זיך אַ גרויסע אַקציאָנס־געזעלשאַפט געמאַכט און וואָלט בעקומען אַ מאָנאָפּאָל צו עקספּלאָאַטירען די זון, די לבנה, די שטערען... און מיליאָנען „טשינאָווניקעס“ וואָלטען געוועזן און מיליאָנען „שלאַבענס“... און עס שלעפערט זיך, דער וועג ציהט זיך... און ווייט צווישען הימעל און ערד הייבט אָן צו טונקלען, און גאַנצע מחנות אָבגעריסענע שטיקער וואָלקען ציהען זיך אַרוים און פליסען און טוקען זיך, און גיסען זיך צוזאַמען, און רייסען זיך איבער... און אַנדערע שטיקער הימעל פערשלייערען זיך, און לייכט און דורכזיכטיג זיינען די זילבערנע שלייער; און די שלייער ציהען זיך צונויף, בעהעפטען זיך, עס ווערט אַזוי היימליך, אַזוי פריינדליך, גלייך מען שפּיעלט אין בעהעלטעניש...

און קיין איינציגעס הייזעל זעהט מען ניט... אוים! גאָט׳ס

ווינטער־טאָג, דאָנערשטאָג. דער צדיק איז אוועק אין א דערבייאיגעז דאָרף אויף א ברית, מל צו זיין א קינד. אז ער איז געגאנגען צוריק, איז ארויסגעפאלען א גרויסער שנעע און האָט פערטראָגען דעם וועג. דער צדיק האָט פערבלאָנדזשעט און האָט געמוזט נעכטיגען אין וואלד. אויף מאָרגען, פרייטאָג, איז דער צדיק אין גרויס צער און איז מתפלל צו גאָט, ער זאָל איהם ניט דערלאָזען מחלל שבת צו זיין. פלוצלונג הערט ער פון ערגעץ א זייגער שלאָגט צוועלף. דער צדיק שטעלט זיך אָב אונטער א בוים — ער וויל ווייטער ניט געהן — עס איז שוין שבת. ער גיט א קוק — ערשט ער שטעהט פאר א גרויסען פאלאץ. דער צדיק געהט אריין אין פאלאץ, זעהט ער אינעווענינ שטעהט א טיש צוגעדעקט מיט א ווייסען טישטוך, און ביים טיש זיצט א גרייז־גרויער מאן מיט א לאנגען ווייסען באָרד, אין האנד האלט ער א זילבערנע טאבאק־פושקע און לערענט. ער געהט אונטער: „שלום עליכם“ — עליכם שלום! — א איד האָט פערבלאָנדזשעט, וועסטו ביי אונז האלטען שבת....

איך שטעה ביים פענסטער. שטיל. דער וואלד שלאָפט. די בוימער שטעהען שטיל און האָרכען אויף די מעשה, וואָס פייגעלע לייענט, אָבער טיעף אין וואלד רוישט עפּעס... די שטערען ווינקען עפעס פון הימעל מיט אזוי פיעל חן. אלץ רוהט, אלץ איז שבת׳דיג.

און עס דאכט זיך מיר, אז איך בין עס דער צדיק פון פייגעלע׳ס מעשה, וואָס האָט אויף שבת פערבלאָנדזשעט אין גן־עדן התחתון...

שטעהט און הערט זיך איין אין ר׳ בנימין׳ס קול, וואָס איז מקבל שבת, הערט, טראַכט עפּעס און שווייגט...

און ר׳ בנימין דאַווענט אַלץ העכער און העכער. ניט מיט לעבע־דיגער שמחה איז ר׳ בנימין מקבל שבת — עס איז ספירה־צייט, דער איד איז איצט פערטרויערט, דער „לכה דודי" איז אויך אַ טרויעריגער. מיט אַ פערטרויערטער שטילער שמחה נעהמט ר׳ בנימין אויף דעם שבת...

אַלץ אַרום איז גרייט, און וואַרט נור אויפ׳ן שבת, און אָט באַלד, באַלד וועט ער קומען פון טיעפען וואַלד, וועט קומען און וועט זיך אויף אַלץ צושפּרייטען...

אַלץ אַרום שטעהט און וואַרט און האָרכט ר׳ בנימינ׳ען. דער אַלטער וואַלד וויל אויך מקבל שבת זיין. ער בענקט נאָכ׳ן שבת און וויל לויבען דעם אַלמעכטיגען, אבער די בוימער זיינען שטומע... און ר׳ בנימין איז דאָס זייער שליח צבור, ער זאָגט פאַר זיי, און זיי האָר־כען... און אָט קומט צו געהן דער שבת און צושפּרייט זיך איבער דער גאַנצער געגענד.

אַלץ שווייגט און איז פול רוהע. דורכ׳ן פענסטער קומט אריין דער שבת, די ליכט ברענען, די חלות זיינען צוגעדעקט. אַרום טיש מיט׳ן ווייסען טישטוך זיצען אַלע. אין שבת׳דיגע קליידער, און דער טאַטע געהט אַרויס אַנטקעגען און זינגט:

שלום עליכם, עליכם שלום!

---

די נאַכט פון שבת. די ליכט געהט אויס, די לאָמפּ ברענט נאָך העל, די מיידלעך זיצען אַרום טיש, האַלב זיצענדיג און האַלב אָנגעלעהנטער־הייט, די קעפּלעך אויף די הענדטלעך, און זיי שלאָפען. די מאַמע זיצט ביי אַ ווינקעל פון טיש, קוקט אויף די גוסס׳ענדע ליכט און האָרכט. דער טאַטע זיצט אויבענאָן, אָנגעלעהנט אויפ׳ן שטוהל, מיט אַ יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ, ער קייט געקאַכטע באָב און האָרכט אויך. די עלטערע טאָכטער, פויגעלע, לייענט עפּעס אַ מעשה ביכעל פאַר׳ן לאָמפּ.

שטיל און רוהיג לייענט דאָס מיידעל עפּעס אַ מעשה, וואָס איז פערלאָפען מיט אַ גרויסען צדיק, וואָס האָט זעהר אָבגעהיט דעם שבת, און אַלע פרייטאָג נאָך מיטאָג פלעגט ער שוין ניט אַרויסגעהן פון יזטוב. און דער צדיק האָט אַמאָל פערבלאָנדזשעט. עס איז געווען אַ

באלד קומט אריין א הויך מיידעל מיט צוויי שווארצע צעפּ אויפ'ן קאָפּ. פון אונטער דעם רויטען קליידעל זעהען זיך די באָרוויסע פיס. אויף דעם רויט־געוואָרענעם געזיכט איהרען שוועבט א שעמעדיגער שמייכעל. זי טראָגט אריין א פולען קאָרב אייער. ווי זי דערזעהט מיך, געהט זי שנעל אריין אין צווייטען קאמער.

דאָס מיידעל שעהמט זיך. יעדעס מאָל, ווען זי געהט נור דורך דאָס שטיבעל הויבען זיך אָן איהרע באקען צו רויטלען און זי לאָזט אראָב דעם קאָפּ. איך האָב איהר ניט געוואָלט שטערען, בין איך אוועק זיך ארומוואשען לכבוד שבת.

---

דאָס הויז איז אויפגעראַמט און ריין. עס ברענען צוויי ליכט אין צוויי בעגולטע, אויסגערייניגטע לייכטער. דער טיש איז צוגעדעקט מיט א ווייסען טישטוך. ארום איז שטיל, די חלות זיינען צוגעדעקט מיט א קליין ווייס טישטוכעל, דער רויטער וויין בלישטשעט אין קלאָרען פלעשעל, און די כוסות שטעהען ארום. אויף אלץ רוהט דער גייסט פון שבת. דער טאַטע, אָן אויסגעוואשענער און א ריינער, שטעהט ביים טיש אויבענאָן אין דער שבת'דיגער קאפּאָטע און זאָגט אויפ'ן קול „לכו נרננה“ פון א סידור. די מאַמע, אויך אָן ארומגעוואשענע, מיט א ווייכען שבת'דיגען שלייער אויפ'ן קאָפּ, זיצט און קוקט אין א תחינה. די מיידעלעך אין בלויע קליידעלעך מיט ווייסע פארטוכלעך זיצען שטיל און הערען זיך איין אין טאַטענס דאווגען. און די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, מיט די צוויי לאנגע שווארצע צעפּ, זיצט אויך ביים טיש. זי שעמט זיך שוין ניט. דאָס געזיכט רויטעלט זיך. זי איז פערטראַכט. די אויגען בלישטשען. און צוויי ברעמען ווי בויגענס וואַכען אין היטען די אויגען, וואָס קוקען זיך צו אלץ צו און שווייגען. די צוויי רויטע זאפטיגע ליפּען ליגען הארט איינע נעבען די אנדערע, און פייגעלע זיצט און טראַכט עפּעס...

עס איז אזוי שטיל, שבת'דיג. דעם טאַטענס קול נור צושפּרייט זיך איבער'ן גאנצען הייזעל. אלע זיצען און האָרכען.

איך שטעה נעבען פענסטער. דאָס פענסטער איז אָפען, דער אלטער וואלד שלאָפט שוין לאנג, איינגעהילט אויף העלפט אין נעבעל. פון עק הימעל זעהט זיך נאָך א רויטער בליאַסק, די זון געהט אונטער, זי פערשווינדט דאָרט ערגעץ טיעף אין וואלד, און דער אלטער וואלד

— פון וואנען געהט א איד?

— אודאי פון סטשעלעץ קיין גאָסטינין, אָנצוציהען אויף שבת — פרובט ער טרעפען.

— האָסטו שוין פערשפעטיגט — זאָגט ער און מאכט מיט דער האנד — די זון געהט שוין אונטער. — און ווייזט מיט דער האנד אויפ'ן רויטען הימעל, וואָס הינטער'ן וואלד.

ניט קלערענדיג קיין סך, פערקירעווע איך זיך אויף דער סטעזשקע, וואָס פיהרט צו זיין הייזעל.

— דער לוח שרייבט, — זאָגט ער מיר דערוויל — אז זיעבען א זייגער בענטשט מען ליכט. עס איז שוין נאָך פינף.

זיינע טאטעס האָבען געצעהלט די טעג נאָך די שייטלעך האָלץ, וואָס זיי פלעגען אלע טאָג צוגעבען הינטער'ן הרובע. און דאָס וועטער פלעגען זיי פאָרזאָגען נאָך דעם אויסזעהן פון הימעל. אבער בנימין וויים דאָס אלץ שוין פון לוח.

מיר קומען אונטער צום הייזעל. אויפ'ן שוועל שטעהט א הויכע אידענע, אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי א ווייסע פאטשיילקע און קוקט אויף איהר מאן, אזוי ווי זי וואָלט איהם עפּעס וועלען פרעגען. הינטער איהר פארטוך בעהאלטען זיך צוויי קליינע מיידעלעך, קוקען ארויס מיט זייערע אָבגעברענטע פנימ'לעך, זייערע האאר האלב־רויטליך, האלב געלבליך זיינען צושויבערט. זיי קוקען אויף מיר מיט א קינדערשען שמייכעל.

— טויבע, מיר האָבען אַן אורח אויף שבת. איך גיב א שאָקעל צו דער אידענע מיט'ן קאָפּ. מיין שאָקעל דארף בעדייטען: „גוט מאָרגען", „גוטען אבענד" — די אידענע שטעהט, ווייסט ניט וואָס צו טהון. אָבער פּלוצלונג גיט זי זיך א קעהר און געהט אריין אין הייזעל.

— אמאָל, אז מען האָט געהאקט דעם אלטען וואלד, האָבען דאָ געוואוינט שאָפּארעס, און עס איז געווען א קאנטאָר, איז דאָ געוועזען א מנין, און א ספר תורה איז געוועזען. — דערצעהלט מיר ר' בנימין.

מען פיהרט מיך אריין אין שטוב. דאָס ערשטע, וואָס מיין בליק קען אונטערשיידען איז — מילך־קריג, וואָס שטעהען אויסגעשטעלטע אויף צוויי מילכיגע בענק. אין שטיבעל איז קאלטליך. אויף די פענסטער שטעהען פולע טעפּ מיט זויער־מילך, און א פעטער גערוך טראָגט זיך איבער'ן גאנצען הייזעל.

איבער׳ן ציפּיילטען שינדעל־דאַך הויבט זיך אַ שוואַרצער, און אויס־געקרימטער קוימען. דאָס קליין הייזעל שטעהט פאַר זיך, איינס אַליין, אַזוי ווי עס וואָלט קיין שייכות ניט געהאַט צו דער גאַנצער איבעריגער וועלט. עס שטעהט און עס זעהט, אַלע טאָג קומען האַלז־העקער מיט העק אין די הענד, האַקען בוימער, און דאָס קליין הייזעל האַלט אין זיך טיעף פערבאָרגען דעם טרויעריגען סוד... פון איין זייט ציהט זיך דער וואַלד, הויכע צווייגהאַפטיגע בוימער שטעהען, ווי אַ סך מנינים אידען; אין דער הויך און אין דער ווייט ציהען זיך צווייגען איינע נאָך די אנדערע, און פערשווינדען טיעף אינ׳ם וואַלד אריין... דאָרט אין טיעפען וואַלד, איז געווים פאַרהאַן עפּעס אַזוינס... פון מיטען וואַלד קומט געשווינד צולויפען אַ קוועלכעל און לויפט ווייטער, און איילט זיך, אַזוי ווי אימיצער אין טיעפען וואַלד האָט איהם שלעכטס געטהאָן, און ער לויפט צו קלאָגען זיך פאַר דער מוטער־טייך, אריינצופאַלען אין איהרע מוטערליכע אָרעמס... ווייט לינקס, הינטער די פעלדער, זעהט זיך נאָך עפּעס וואָס, אבער וואָס דאָס איז — ווייסט איין גאָט...

אויפ׳ן בענקעל, וואָס פאַר׳ן הייזעל, פּונקט קעגען וואַלד, זיצט ר׳ בנימין. פון אונטער זיין זשילעט זעהען זיך אַרויס לאַנגע ציצית, ער רויכערט אַ ליולקע און קוקט אין דער וועלט אריין. ער דערזעהט מיך נאָך פון דערווייטען, און ווינקט צו מיר מיט׳ן פינגער. „זייט מוחל, ר׳ פּעטער“ — פערטייטש איך מיר זיין וואונק, אָבער הערען הער איך גאָר נישט — דער שטח איז נאָך צו ווייט.

בנימין דער וואַלד־והעכטער וואוינט שוין דאָ פון לאַנג. דאָס הייזעל האָט ער גע׳ירשנ׳ט נאָך פון זיין עלטער־עלטער זיידען. עפּעס אַ מין „הכנסת אורחים“ האָט גאָט בעשאַפען דאָס הייזעל אין מיטען וועג, אַ איד זאָל האָבען וואו אריינצוגעהן. אַ פול שיסעל וויער־מילך, אַ שטיק שוואַרצע ברויט — דאָס בעקומט יעדער אומזיסט, קיין געלד וויל בנימין פאַר אַזעלכע זאַכען ניט נעהמען. „אַז איך פיהר עס אַרויס אין מאַרק, איז עס סחורה — זאָגט בנימין — אבער כל־זמן דאָס איז נאָך אין דער היים איז דאָס אַ „שטוב־זאַך“, און פאַר שטוב־זאַכען נעהמט מען קיין געלד ניט“.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיר אַנטקעגען. ער שאָקעלט מיר פון ווייטען מיט׳ן קאָפּ — ער מיינט, איך זאָל אָבוואַרטען.

# שבת אין וועג

דו זעהסט, אפילו א בלאָז פון א ווינדטעל געהט דאָ ניט פערלאָרען. ניט אויף קיין שטיינערנע טראָטואַרען פאַלען דאָ די זונען־שטראַהלען, ניט אויף שטיינערנע מויערען בלאָזט דאָ דער ווינד פון פריהלינג. וואַרף נור דיין בליק אַרום; יעדער פון די פריהלינג־ווינדטעלעך עפענט א נייע טהיר אין דער ערד, יעדער שטראַהל פון דער זון רופט אַרויס צום לעבען נייע גראָז־קעפּלעך פון דער ערד, און דער ווינד בענייט זיי, די טהוי־טראָפּען פּאָיען זיי אָן, און גאָט'ס וועלט שפּראָצט אַרויס... די געשמאַקע ריחות טראָגען זיך אום אין דער לופטען און בעהויבען מיט זייער אָטהעם אַלץ, וואָס זיי בעגעגענען אויפ'ן וועג...

איינזאַם בין איך אין וועג, ווייט פון שטאָדט, פון א דאָרף, אַרום ציהען זיך גרינע זאַפטיגע ביימען. דער פּסח איז נאָך ניט לאַנג אריבער, די געוויקסען האַלטען נאָך ביים פערנאַנדערשפּראָצען. דיינע אויגען ווערען נאָך ניט פערבלענדעט פון קיין צייטיגער פרוכט, — ניין, אַלץ האַלט נאָך דערוויילּ אין איין שפּראָצען...

די ערד איז נאָך שוואַרץ דאָ און דאָרט, קליינע גרינע קעפּלעך עפענען זייערע קליינע מיילעכלעך, קליינע בלומלעך קוקען אַרויס, ווי קינדערשע אויגלעך, מיט התפעלות, פרעהען זיך און לאַכען....

און אַלץ וואַקסט אויף די אויגען, וואַקסט און בליהט פאַנאַנדער... און אויבען איבער דעם אַלעם, שפּרייט זיך א ברייטער און א פרעהליכער הימעל, און אַרום איז קיינער נישטאָ, אויסער דיר איינעם; איינזאַם ביזטו, דיין פּעקעל אויף די פּלייצעס, דער שטאָק אין דער האַנד, און דו געהסט ווייט־ווייט, און עס דאַכט זיך דיר, אַז קיין וועלט איז גאָר נישטאָ, נישטאָ קיין שטאָדט ניט פאַר דיר, ניט הינטער דיר, איינער ביזטו אויף דער וועלט און דו ביזט דער הערשער איבער אַלץ, וואָס אַרום דיר...

---

הינטער'ן וואַלד שטעהט א קליין הייזעל, די ווענד פון ברעטער,

אַז די גמרא איז געלעגען אונטער די פיס פון דעם רשע — זייער פאַטער — וואָס האָט זי מבזה געווען — האָט זי ניט געקרעבצט. מיט גרויס סבלנות האָט זי איבערגעטראָגען די בזיונות, די חרפות, וואָס דער רשע האָט איהר אָנגעטהאָן.

דאָרט אין די שעהנע שרענק, אין דעם שעהנעם איינבונד, וואו מען האָט זי אריינגעשטעלט „צו וויזען זי" קרעבצט די גמרא.

אין דער שטיל הערט איהרע קרעבצען יעדער איינער וואָס האָט נור א נשמה אין זיך.

אַז עס וואָלט זיך געפונען אימיצער, וואָס וואָלט די גמרא ארויס־גענומען פון שראַנק דאָרט און זי אוועקגעטראָגען אין בית המדרש אריין, אין קאַסטען „שמות" אריין, וואָס שטעהט אונטער'ן אויוון, אַז מען זאָל זי בעגראָבען מיט שאר שמות הקדושות אויפ'ן היילינען „מקום" — וואָלט ער מקיים געווען די מצוה פון פדיון שבוים

דוד'ל איז געווען א יונגער מאַן — אַ פיינער קאָפּ, אַ עלוי, אַ גאון'ישען כאַפּ, אָבער „אָנגעזענקט" ר"ל... און האָט נוטה געווען „לצדם"...

קומען צוגעהן די קליינע ספרים'לעך און פערטרייבען די גרויסע... טרויערט די גמרא אין דער שראַנק.

מען דערצעהלט, אַז טהיילמאָל האָט ער געכאַפּט די גמרא און געוואָרפען אין דר'ערד ר"ל, האָט זי פּשוט געטראָטען מיט די פיס, פערשעמט זי, און עס האָט זיך שוין געטראָפען ער האָט זי דן געווען אויף שרפה.

אָבער ער האָט דאָך געהאַט אַ אידיש האַרץ, פלעגט ער דערנאָך פאַלען אויפ'ן בעט און ליעגען לאַנג, און קלערען טרויעריגע מחשבות. אודאי האָט ער חרטה געהאַט איבער זיינע מעשים, די נשמה זיינע איז דאָך געווען פון „מקור"... האָט ער אויפגעהויבען די גמרא פון דער ערד און אַנידערגעזעצט זיך לערנען. די אויגען האָבען איהם געברענט, דאָס פנים איז רויט געווען און די נשמה זיינע האָט קיין מקום מנוחה ניט געהאַט.

אמת, ער איז קאַליע געווען, אבער אַ גרויסער למדן ; איז ער געזעסען שעה'ן לאַנג און זיין נגון איז געגאַנגען וואָס אַמאָל העכער און ער האָט ממלא געווען די גאַנצע שטוב.

און טרויעריג איז געווען דער נגון. ער האָט פּשוט געשניטען דאָס האַרץ.

מען זאָגט : אַז זיין נשמה האָט געוויינט בשעת לימוד, און איהר געוויין האָט זיך געהערט אין לערנען.

עס קען זיין, ער האָט אודאי חרטה געהאַט איבער זיינע מעשים.

---

נאָך זיין טויט איז די גמרא אַריינגעפאַלען אין די הענד פון זיינע קינדער.

גוים גמורים, אוכלי טרפה'ניקעס, מיט געגאָלטע בערד, דאָך האָבען זיי גענומען די גמרא און האָבען זי געלאָזט שעהן איינבינדען און האָבען זי אויסגעציערט מיט בענדער, ווי מעשה גוים, און האָבען זי אַוועקגעשטעלט אין שראַנק צווישען זייערע טריף־פּסול'ס... און האָבען זי געוויזען, די גמרא, די שרים ושרות וואָס זיינען געקומען צו זיי : אָט איז די גמרא, וואָס מיר האָבען גע'ירשנ'ט פון אונזערע עלטערן.

ער פיהלט: ער שטעהט נאָך פון דרויסען. דאָס הארץ איז לעדיג. ער האָט ניט געפונען וואָס ער זוכט.

לעגט ער זיך איבער אין דער דעה: טאָמער „גער"? און באלד איז ער מסכים ניט טאָמער, נור טאקע „גער" — ווייל דאָרט איז דער אהל פון דער תורה.

געהט ער אהין.

די וועלט איז א סטאדע, די מענשען זיינען די שעפסען, הינד זיינען דאָ א סך, דער „פאסטוך" אָבער פעהלט.... עס איז נור איבער־געבליעבען דאָס „פייפעל" פון אלטען פאסטוך, קען אָבער קיינער דער־מיט ניט פייפען און ער איז שוין לאנג נסתלק געוואָרען, און די שעפסען זיינען פערשפרייט איבער די לאָנקע, שעפסען אָהן פאסטוכער...

ר' גדליה'ס נשמה בענקט...

האָט זיך געטראָפען א בעגעגעניש. ר' גדליה איז אמאָל געגאנגען אויפ'ן וועג. האָט ער דערזעהן א הויז און איז דאָרט אריינגעגאנגען. דאָרט האָט געוואוינט א איד א קרעטשמער: האָט ר' גדליה געוואָלט אריינקוקען אין א ספר אריין — האָט ער נישט געהאט ביי זיך נור דאָס ספר תהלים אליין. האָט דער איד ארויסגענומען די גמרא פון שראַנק. ר' גדליה גיט א קוק אויפ'ן שער און דערקענט דעם פאָטערס „למי שייך", מיט'ן אייגען כתב יד, פרעגט ער איהם: „ווער האָט די גמרא אהער געבראַכט?" דערצעהלט מען איהם, אז מיט יאָהרען לאנג איז א חסיד דורכגעגאנגען און האָט די גמרא פערלעגט אויף צוויי זהובים.

ר' גדליה האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט די גמרא און געוויינט אויס שמחה.

פאָהרט ער אמאָל נאָך קאָצק איבער זכות אבות, אמאָל נאָך גער — ווייל עס איז דאָס אהל פון דער תורה, מעהרסטענס זיצט ער אָבער אין דער היים און לערנט די גמרא.

אין דענסטמאָל ווען די נשמה צובענקט זיך און הייליגט זיך אין דעם געדראַנק פון די גמרא, פיהלט ער א זעבציגסטעל פון די קדושה פון קאָצק...

---

ר' גדליה האָט געשענקט די גמרא זיין זוהן דוד'ל צו דער חתונה חתן־מתנות.

וועלכע זאָל ערפילען זיין גאַנצע נשמה, אין וועלכע ער זאָל גלויבען מיט אמונה־שלמה, ניט ער זאָל זיך דאַרפען נויטען צו גלויבען.

א פונק פון פאטער. דאָס האַרץ בענקט, די נשמה בלאָנדזשעט אַרום און זוכט אַ מקור, אַ קוואַל, און וויל זיין אַ טראָפּען אייל, לויטע־רער אייל אָנצוצינדען די מנורת הכלל, מנורת התמיד, די מנורה פון דער וועלט.

דער פאָטער איז אָבער קיינמאָל ניט אין דער היים געווען. אויפ־געצויגען האָט איהם דער זיידע, דער מתנגד, מיט דער גאַנצער קאַלט־קייט פון מתנגדות. ער האָט איהם נאָר געגעבען צו פערשטעהן די תורה מיט איהרע ק"ן טעמים, אָבער ער האָט איהם ניט געגעבען די תורה גופא.. די נשמה פון דער תורה, דאָס לעבען פון דער תורה—צו וואָס איז עס געווען געגליכען? צו אַ רעצעפּט פון אַ דאָקטאָר. דאָס שטיקעל פּאַפּיער, אויף וועלכען עס איז אָנגעשריעבען דער רעצעפּט, איז נאָך ניט דער רעצעפּט אַליין...

וואָלט נאָך געלעבט דער „זקן", דענסטמאָל...

עס איז שוין נישטאָ צו וועמען צו פאָהרען. דער „זקן" איז נפטר געוואָרען. די מלוכה — צוטהיילט: אַ האַלבע האָט גענומען זיין זוהן, אַ האַלבע „ער" פון „גער".

כל זמן דאָס ליכט האָט געשיינט און האָט געשיקט זיינע שטראַה־לען, איז ער געווען דער מקור. אַלעס האָט געציעלט זיין וועג צו איהם — אין דעם מקור פון ליכטיגקייט. דאָרטען האָבען זיך די בונדען שטראַהלען בעהעפט און עס איז געווען איין אחד. אַז דאָס ליכט איז אויסגעלאָשען געוואָרען, זיינען די שטראַהלען צופאַלען. טהייל ווערען פערלאָשען... טהייל ווערען פערבלאָנדזשעט אויף שלעכטע וועגען... טהייל פאַלען גאָר אריין אין די הענד פון סמאל ר"ל.

און די סטרא אחרא האָט פערשפּרייט איהרע שוואַרצע פליגעל איבער'ן לאַנד...

דאָך האָט ר' גדליה ניט געקענט שטיל בלייבען, זיצען און גאָר נישט טהון.

איז ער געגאַנגען נאָך קאָצק, צום זוהן, וואָס האָט ממלא מקום געווען.

דער זוהן איז אבער ניט דער פאטער. איז איהם טאַקע מקרב, ער זעצט איהם בימינו — „עס איז אָבער ניט דאָס"...

מען דערצעהלט אזוי: איינמאָל, אז דער פאָטער זיינער, ר' יודעל ז"ל, איז אוועקגעלאָפען קיין קאָצק און דער שווער זיינער האָט זיך געבייזערט אויף די טאָכטער, זיין מוטער, וואָס האָט איהם נאָך געגעבען אויף הוצאות הדרך — האָט איהם די מוטער גענומען אויפ'ן האַנד און אוועקגעלאָזט זיך קיין קאָצק זוכען דעם מאַן.

דער וועג וואָס געהט אָב פון זייער שטעדטעל קיין קאָצק, טיילט זיך אין צווייען: איינער געהט אָב קיין קאָצק — וואָס איז דער וועג פון לעבען, דער צווייטער קיין איצביין, וואָס איז דער וועג פון טויט.

און גאָט'ס פעלדער שפּרייטען זיך איבער גאָט'ס ערד, וואָס איז פון הינטען, אזוי ווי זיי וואָלטען געהאַט בדעה צו זאָגען: זעה, מיר זיינען מקיים גאָט'ס מצוות, וואָס האָט אונז געהייסען ארויסציהען פון זיך א גרעזעל. און די גרעזער זיינען זיך מתאחד און ווינקען צו דיר: קום לעג דיך אנידער אויף אונז, און בייגען איין מיט אונטערטהעניגקייט די קעפּ אונטער די הימלען, וואָס ציהען זיך איבער זיי מיט גרויס רחמים. און אונטען און אויבען, ערד און הימעל זיינען זיך מתאחד און ווייסען גאַנץ גוט, אז איין גאָט האָט זיי בעשאַפען, און איין גאָט האָט השגחה איבער זיי.

די חסידים אָבער, וואָס זיינען עולה רגל צום רבי'ן אויף יום־טוב מיט די זעקלעך אויף פּלעקלעך און מיט'ן שטעקען אין דער האַנד — וואַרפען זיך אריבער שטיינער פון איין וועג איבער'ן צווייטען, און האַלטען מלחמה.

דאָרט וואו די וועגען צושיידען זיך שטעהט א בוים מיט לאַנגע, ברייטע צווייגען, הינטער דעם בוים ליעגט א שטיין.

דאָרט אויף דעם שטיין, פלעגט דערצעהלען ר' גדליה, האָט זיך מיין מאַמע מיט מיר אנידערגעזעצט און געגעבען מיר די ברוסט צו זויגען.

און ווער ווייסט, צו אויב די אָבשיידענהייט, וואָס ליעגט צווישען די ביידע וועגען, האָט ר' גדליה ניט אַנגעזויגט אין זיך אין איינעם מיט דער מוטער'ס מילך.

אזוי ווי א בית־המקדש אָהן א שכינה, אזוי איז ר' גדליה געוועזען אָהן א רבי'ן. א חביד מיט דער גאַנצער נשמה, האָט ער געהאַט דאָס הצטרכות צום חסידות, צו בעהעפטען זיך אין דער שכינה. אָבער עס איז קיין שכינה ניט געוועזען, אין וועלכע ר' גדליה זאָל זיך בעהעפטען,

שטעהען אויסער די תורה. ער וויל זיין אין די תורה גופא, איהר תמצית, צו פארנעמען זיך אין איהר פייער, צו היילינגען זיך אין איהר הייליג־קייט....

אמאל אין א שמיטה קומט ער אהיים צום ווייב און קינד. און עס איז דאך ידוע, אז דאס אבשיידען זיך פון „איהם“ איז אזוי שווער, ווי דאס אבשיידען זיך פון די נשמה מיט'ן גוף.

צוערשט, אז די בני בית האבען געזעהן, אז ער געהט אוועק נאך קאצק, האבען זיי געמיינט, אז דאס איז בלויז אויף א קורצע צייט, אזוי ווי דער סדר עולם איז, — האבען זיי שטיל געשוויגען און געלאזט איהם טהאן וואס זיין הארץ גלוסט: האבען איהם געגעבען אויף הוצאות הדרך, כאטש זיין שווער, וואס איז געווען א פערברענטער מתנגד, האט איהם אויס יורש געמאכט, ווייל ער איז א „קאצקער“. נאר זיין ווייב איז געווען אויף זיין זייט, האט זי גע'גנב'עט פון פא־טער'ס הויז אהן זיין וויסען, און האט איהם אריינגעשטעקט אין דער שטיל.

אז ער איז אבער צוריק געקומען נאך א פאאר חדשים, האבען זיי איהם שוין ניט געלאזט צוריק אוועק: האבען בעהאלטען די מלבושים און פערשלאסען אין קאסטען אריין.

ווער קוקט אבער אויף דעם, אז די נשמה ציהט, אז דאס הארץ ציהט דארט אהין! וואס טהוט ער? גנב'עט א גמרא פון ש"ס, וואס ער האט געקראגען דרשה־געשאנק, און האט זי אוועקגעלעגט אויפ'ן וועג ביי א איד א קרעטשמער און איז געגאנגען קיין קאצק.

און דאס איז טאקע געווען די זעלבע גמרא ברכות, און זי איז באלד עולה לגדולה געווארען, א תכלית פאר זיך אליין — זי האט דאך גורם געווען, אז איבער איהר זאל דאס שעפעלע צוריק אין סטאדע קומען...

---

איז די גמרא געלעגען ביי'ם איד דעם קרעטשמער אין אלמער. עס איז ניט געווען ווער עס זאל לערנען אין איהר. טיילמאל, אז עס איז געקומען אן עת צרה אויפ'ן קרעטשמער, פלעגט ער וויינען פאר דער גמרא און זי איז געווארען, ר"ל, א מין עבודה זרה.

---

ביז עס איז געקומען ר' גדליה, ר' יודעל'ס א זוהן, וואס איז געווען מורה הוראה אין א קליין שטעדטעל און האט זי אויסגעלייזט.

צוזאמען, איינער בעהעפט זיך אין צווייטען, אלע נשמות נאגען פון איין קוואל די חיונה, איין גארטעל פון חסד בינדט ארום אלע הערצער — רוהט אויף זיי איין שכינה. דאוונען זיי אין איין בית־המקדש, האפען זיי צו איין גאט. דער הימעל וואס איז איבער זיי — די ערד וואס איז אונטער זיי — געהערט צו אלע: דענסטמאל ווערט די נשמה ערפילט. די נשמה איז פרעהליך און דער גוף איז אויך פרעהליך, אוןביידע זיינען זיך מתאחד, און האבען א הנאה פון די שכינה. און דענסטמאל ווערט דעם מענשען'ס ווילען, אז דער קלענסטער און דער גרעסטער זאלען זיין גלייך, פון קלענסטען ביז צום גרעסטען.

דענסטמאל פערשטעהט ער די הייליגע גרויסקייט וואס איז אין דוד המלך'ס ווערטער: „ברב עם הדרת מלך" — איך און דו, ראובן און שמעון, אלע קומט לאמיר געהן אין גאט'ס הויז, לאמיר דאוונען, לאמיר זיך פרעהען צוזאמען — צו איין גאט, וואס זיין כבוד האט ערפילט די ערד און דעם הימעל, וואס ער האט ניט פערמינדערט זיין חסד פון קיין שום בריה: „ברב עם הדרת מלך".

אלע טייכען פליסען אין איין ים און אלע פישען שווימען צוזאמען אין דעם גרויסען ים.

דער יונגער מאן, יודעל, איז געווען אזוי ווי די ווייסקייט און ליכט — געליעבט גאט, ווייל ער האט געפיהלט, אז ער איז א חלק פון גאט; געליעבט זיך, געליעבט איהם, ווייל יעדער פון אונז איז א חלק פון גאט.

ער קען ניט פערשטעהן, ווי דער מענש קען דיענען גאט, דעם גאט, דעם בורא פון אלעם אויף דער וועלט, וואס ווייסט און ליעבט יעדע בעשעפעניש, וואס געפינט זיך פערהוילט פון מענשען'ס אויג אין דעם טיעפען שטיין — צו ליעבען זיין גאט, ווייל ער האט מורא פאר „איהם", ער, זיין יצור כפיו. אדרבה, צו פרעהען זיך דארפסטו אויף דעם שותפות, וואס גאט האט אין דיר און דו האסט אין איהם.

זיי צעהלען די מצוות און רעכענען זיך מיט גאט: „איך האב דיר געטהון דאס דייניגע, יעצט מוזט מיר טהון דאס מייניגע" — ניין, זיין ווילען דארף זיין צו בעהעפטען זיך אין גאט, צו שאפען מיט איהם בשותפות, „הצדיק גוזר והקב"ה מקיים" — דער צדיק בעפעהלט און גאט מוז מקיים זיין... טעג און יאהרען זיצט ער אין קאצק, ביי „איהם, זאל לערנען". ער לערנט ניט. די וואס לערנען — זאגט ער —

זייער לערנען איז געווען, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, נאָר איבער דעם מתן שכר, וואָס איז אין דער זייט. גאָט האָט געהייסען לערנען — לערענט מען, ווייל מ'טיילט דעם חלק שור־הבר מיט לויתן אויף יענער וועלט... זייער תורה איז ניט געווען געגליכען צו טראָפּענס אייל, נאָר צו טראָפּענס געפּרוירען וואסער...

איז די גמרא ברכות געווען דענסטמאָל נאָר א טפל צום גאַנצען ש"ס, א צוגעריכטס. צו וואָס איז די זאך געגליכען? צו א צווייג פון א בוים. כל זמן דער צווייג איז בעהעפט אין בוים און נאַגט חיונה פון דער ערד — בליהט דער צווייג; נעהם רייס אָבער די צווייג פון בוים אָב, הויבען אָן וועלקען די בלעטער וואָס זיינען אויף דעם צווייג, דאָס בליהעכטס ווערט אויסגעטריקענט, און ער ווערט געגליכען צו א מת.

אזוי איז דענסטמאָל געווען געגליכען די גמרא ברכות: אן אָבגעריסענער אבר פון דער גאַנצער תורה...

---

דערנאָך איז די זאך פערענדערט געוואָרען.

די גמרא ברכות איז מיט אַמאָל עולה לגדולה געוואָרען, אויף דעם העכסטען שטאַפּעל.

צו וואָס איז די זאך געגליכען? צו דעם צווייג וואָס מען רייסט איהם אָב פון בוים און מען פלאַנצט איהם אָבער צוריק איין אין א פעטער ערד, און ער בליהט און ציהט פון זיך פירות אַרוים פאַר זיך.

און עס איז אויך קיין וואונדער ניט.

דאָס איז געשעהן, ווען זיינע קינדער זיינען אַרוים איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס קינד אין הדר וויים וואו דער כבוד זיינער רוהט, וואו דאָס בית־המקדש איז און וואו די שכינה שיינט...

ר' יחיאל־מאיר האָט געשענקט דעם ש"ס גמרות זיין איידים, יודל'ען, דרשה־געשאַנק.

זיי, להבדיל, האַלטען זעהר פיעל פון די גרויסע, שטאַרקע פיש, וואָס ליעגען זיך אויפ'ן גרונד וואַסער, נאָרען זיך איין אין זאַמד און קלערען טיעף אַריין אין גרונד... אונזער יודעל איז אָבער ניט אַזוי געווען. א פיש א לעבעדיגע איז ער געווען אין לעבעדיגעם וואַסער. געשוואומען אין די טיעפקייט, מתאחד צו זיין זיך מיט אַלע פיש, לעבען אין אחדות און שלום. נאָכ'ן אחדות, נאָכ'ן שלום האָט ר' יודעל נאָכ־געיאָגט זיך זיין גאַנצען לעבען. דענסטמאָל ווען אַלע מענשען זיינען

# א מעשה מיט אַ ספר

דאָס „ספר“, פון וועלכען איך וועל די מעשה דערצעהלען, איז אַ גמרא „ברכות“, אַלט־אַמסטערדאַמער דרוק.

אָבגעריבענע אותיות, פערפלעקטע בלעטער, אָבגעריבענע, אָבגע־שליסענע טאָוולען. דאָך איז זי געגליכען צו אַן אַלטע שטאָב־פּאָהן, וואָס די זעלנער האָבען איהר צוריקגעבראַכט אַ דורכגעשאָסענע פון דער מלחמה.

ר׳ יחיאל־מאיר האָט געקויפט אַ גאַנץ אַמסטערדאַמער ש״ס פאַר פינף און צוואַנציג רענדלעך. ר׳ יחיאל־מאיר, אַן אַלטער בעל־הבית — אַ מתנגד, פיהרט זיך ווי די מתנגדים פון זיין דור: לערענט און ענדיגט ש״ס יעדע זיעבען יאָהר: אַ דף אַ טאָג, אַ דף אַ טאָג. האַלט ער ביי ברכות, לערענט ער אין דער גמרא. מסיים געווען ברכות — שטעלט ער זי צוריק אין שראַנק אַריין און וואַרט ווייטער זיעבען יאָהר, ביז עס וועט איהר צייט קומען.

די גמרא שיידעט זיך ניט אָב פון אַנדערע ספרים מיט גאָרנישט.

און עס איז קיין פּלא ניט. ר׳ יחיאל־מאיר האָט נאָך געלעבט אין דור פון פאַר מתן תורה... איך וויל דערמיט זאָגען: איידער זיין ליכט האָט נאָך אָנגעהויבען צו שיינען בק״ק קאָצק, איידער דער מאָרגענ־שטערען האָט נאָך אָנגעהויבען אַרויסשיקען זיינע גליהענדע שטראַה־לען צו דערוואַרעמען די הערצער און צוהיצען די נשמות... צו ברענגען דעם כלל אדם אין דער מדרגה, אונטער גאָט ברוך הוא׳ס פליגלען...

די תורה איז נאָך דענסמאָלט געווען, ר״ל, אַן עופה׳לע איינגעווי־קעלט אין די ווינדעלעך. דער בן־אדם האָט געלערענט לשון לימוד, דעם האַרטען לימוד, אָהן דער ווייכקייט, אָהן דעם לעבען, אָהן דעם בעהאַל־טענעם ליכט, וואָס ליעגט אין דער תורה. זיי האָבען געצעהלט די ווערטער, ווי מען צעהלט פּרוטות. פון יעדער אויסשפּראַך איז אַ מלאך געוואָרען בעשאַפען, נאָר דער מלאך איז געווען אַ טויטער....

— דו שוויגסט ? — האָט דער רבי געפרעגט אַ ביסעל שוין שטרענג.

— איהר דאַרפט „מעלה" צו זיין ? צי האָט איהר חס־ושלום אָבגעקויפט דעם רבונו של עולם פאַר אייך ? איהר מיינט, אַז דורך אייך וועט זיך אַ איד קענען דערנעהנטערען צו גאָט ברוך הוא ? אַז איהר זייט דאָס אויבערשטע פון שטויסעל, און אַלע אידען זיינען גאָר נישט ? גאָט'ס גנאָד איז פול אומעטום, וואו מ'קעהרט זיך און וואו מ'ווענדט זיך, און וואו מ'גיט אַ ריהר מיט אַן אבר, פיהלט מען גאָט ! אין האַרץ, יעדער ביי זיך, דאַרף מען זוכען גאָט, ווייל דאָרט האָט גאָט געמאכט רוהען די שכינה הקדושה...

אויף יעדער אָרט, אין יעדער צייט און אין יעדער רגע קען אַ איד זיך דערנעהנטערען צו גאָט.... —

אזוי האָט ער געענטפערט. נאָר איידער נאָך ער האָט געענדיגט, האָבען אונזערע לייט איהם שוין שטיל געמאכט, און ווען ניט דער רבי זאָל דעם עולם צוריקהאַלטען, וואָלט מען איהם צוריסען אויפ'ן אָרט.

— לאָזט איהם ! — האָט ער בעפוילען די חסידים.

און צו איהם אַליין האָט ער געזאָגט :

— אברהם, דו האָסט געזינדיגט !

און פון דעמאָלט אָן האָט מען איהם גערופען „דער זינדיגער". און ער איז פערשטויסען געוועזן פון אומעטום ; חסידים האָבען אויף איהם געהאַט אַן אויג און האָבען איהם גע'רודפ'ט, און אפילו אין בית־המדרש האָט מען איהם ניט געלאָזט דאַווענען.

און איך זאָג אייך דאָס מייניגע : אַ רשע, אפילו ער טהוט בייז, איז מקיים גאָט'ס געבאָט, און אפשר, ווער ווייס ?

אפשר זיינען זייביידע גערעכט געוועזן ?

א הויך קול, זינגט אויס יעדעס וואָרט מיט א בעזונדערען נגון און יעדעס אות קומט ארויס אין א בעזונדערער צורה....

„צום טיש!“ האָט מען ווייטער אויסגערופען...

אויבענאָן איז געזעסען דער רבי, רעכטס — די זיהן און די איידימס, לינקס — די קרובים, דערנאָך אַלטע שעהנע אידען, דערנאָך גבירים.

און ארום שטעהט דער עולם.

און דער רבי עסט און לאָזט איבער שירים, און נעהמט טיילען: צוערשט די זיהן און די איידימס, דערנאָך די איבעריגע טיש־זיצערס.

און נאָך די שירים ווערט שטיל. דער רבי האָט אָנגעהויבען צו זאָגען תורה; געגאַנגען איז פּרשה בהעלותך, און דער רבי האָט אָנגעהויבען:

„בהעלותך את הנרות“, אז א מענש׳ס נשמה איז אין א ניעדריגער מדרגה, רחמנא לצלן, אין דער טומאה... און דער נצוץ פון דער נשמה וויל זיך דערהויבען, צו קומען צו א מדרגה און קען ניט אליין, און מוז אָנקומען צו הילף.... איז א מצוה איהר צו העלפען, זי „מעלה“ צו זיין... און די מצוה ליעגט אויפ׳ן כהן איהר בעהילפיג צו זיין, און דאָס איז דער פּשט „אל מול פּני המנורה יאירו“, דאָס מיינט מען די תורה הקדושה. דער כהן דארף דעם איד׳ס הארץ מקרב זיין צו דער תורה, און אזוי ארום קען ער זי „מעלה“ זיין... און ווער איז דאָס דער כהן? דאָס זיינען די צדיקי־הדור, ווייל זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, מוז דער צדיק זיין א כהן, ווייל אזוי איז מען גוזר פון הימעל, אז ער זאָל זיין דער כהן...

— אברהם! — האָט דער רבי פּלוצלונג גערופען — אברהם! קום נאָר אהער, איך רוף דיך.

איז ער צוגעגאַנגען.

— האָסט פּערשטאַנען, אברהם? האָסט פּערשטאַנען דעם סוד פון די ווערטער?

— אז דו שווייגסט — האָט דער רבי ווייטער געזאָגט — הייסט דאָס, אז דו ביזט מודה, אז איך מוז דיך מעלה זיין; אפילו קעגען מיין ווילען און קעגען דיין ווילען.

און דער עולם איז געוואָרען טויט שטיל און מ׳האָט געוואַרט.

מיט די הענד זיינע ברעמען, און האָט געקוקט אויף ר׳ אברהם׳ען אַ היבשע ווײַלע שטילשווייגענדיג.

און ער האָט אויך געקוקט אויפ׳ן רבי׳ן און האָט אויך געשוויגען.

די חסידים האָט פערדראָסען אַזאַ עזות׳קייט.

פאַר־נאַכט זיינען מיר געגאַנגען דאַווענען אין רבי׳נס בית־המדרש. דער הימעל דאָרט איז צוריסען געוואָרען אויף צוויי שטיקער, און אין מיטען שטעהט די זונן און בעגילדט דעם הימעל און שיקט איהרע לעצטע שטראַהלען אויף די ניעדריגע הייזלעך און אויף די שויבען, וואָס פון זיי קוקען אַרויס שבת־ליכט; און די שטראַהלען מישען זיך צוזאַמען, און לעשען אויס, לעשען אויס, און דער הימעל טהוט זיך אָן אַ גראָען טלית, און אַ טרויערקייט און אַן עניוות ליעגט אויף אַלעם, און דאָרט ווייט... ווייט.... קוקט נאָך אַרויס די זונן מיט איין אויג אויף די קליינע שטאָדט, אויפ׳ן בית־המדרש, וואָס פינקעלט און גלאַנצט מיט דער העלער ליכטיגקייט לכבוד שבת. און אַ פער־שעמטע רויטקייט איז אויסגעגאָסען אויף אַלעם, אַזוי ווי די זונן וואָלט זיך שעמען דערמיט, וואָס גאָט האָט געמאַכט די הייליגקייט פון שבת אָבהענגיג אָן איהר אונטערגעהן.

און אידען האָבען זיך פערזאַמעלט אין רבינס בית־המדרש מקבל שבת צו זיין, און דאָס בית־המדרש איז פול אָנגעפּאַקט מיט אידען, איינער שטופּט דעם אַנדערען, דער כאַפּט זיך אָן אָן יענעמ׳ס גאַרטעל, נור נעבען ארון־הקודש האָט מען איבערגעלאָזט אַ פריי אָרט, ווי אַ האַלב ראָד און אין מיטען דעם ראָד שטעהט דער רבי און דאַווענט, און דער עולם רינגעלט איהם אַרום.

אברהם אָבער שטעהט ביי דער טהיר צווישען די אורחים און דאַ־ווענט אויך אויף זיין שטייגער.

„צו קדוש!“ האָט דער שמש אויסגערופען.

און די רבי׳צין מיט די טעכטער און די שנירען האָבען זיך בעוויע־זען, און געבליצט און געבלאַנקט האָט פון זיי דאָס ציערונג, די טהייערע שטיינער און די פּעריל.

און דער רבי שטעהט און מאַכט קדוש.

ער איז אַ ביסעל איינגעבויגען, און די גראָע באָרד ליעגט אויף זיין האַרץ, די ברעמען ליעגען אויף די אויגען, און ער מאַכט קדוש מיט

„אידען! איהר האָט שוין מקדש געווען די לבנה?" האָבען מיר זיך באַלד געשטעלט, אראָבגעלאָזען די פּעקלעך פון די פּלייצעס, געוואַשען די הענד אין אַ קליין וואַסערעל, וואָס האָט געפליסט ביי'ם ברעג און מיר האָבען מקדש געווען די לבנה.

ער איז געשטאַנען און געקוקט אויפ'ן הימעל, און זיינע ליפּען קוים־קוים ריהרען זיך, אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען: „שלום עליכם!" האָט ער זיך צו מיר געקעהרט און זיין קול האָט געציטערט אַזוי ווי די שטימע פון אַ פיעדעל, און זיינע אויגען האָבען גערופען צו מאַכען פריעדען און אהדות... צום ערשטען מאָל איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַן אימה פאַר ר' אברהם'ן. און אַז מיר האָבען געענדיגט מיט קדוש הלבנה, האָט אונזער טרויעריגקייט אָבגעטראָטען פון אונז, און מיר האָבען זיך געקליבען ווייטער אין וועג אריין.

ער איז אָבער געשטאַנען און געקוקט אויפ'ן הימעל און געזיפצט: רבונו של עולם! ווי שעהן איז דיין וועלט, וואָס דו האָסט בעשאַפען מיט דיין גוטסקייט און מיט דיין פיעל גנאַד. און דיין גוטסקייט און דיין גנאַד האָסטו מיטפּיע געווען אויף אַלע דינגע בעשעפענישען, זיי אַלע האָבען דיך ליעב און זיינען זיך אין דיר מתדבק, און דו — אין זיי... און די גאַנצע וועלט איז פול מיט דיין לויטערקייט.

איך האָב געקוקט אויף דער לבנה און מיר האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז זי קוקט אויף מיר און פרעגט: איך בלאָנדזשע; וואו אהין זאָל איך מיך ווענדען?

* * *

פרייטאַג נאָך מיטאָג זיינען מיר אָנגעקומען; און מיר האָבען נאָך געהאַט גענוג צייט צו געהן אין מקוה און „שלום" צו נעהמען.

„ער זאָל לעבען" איז געזעסען אין דער „שלום שטוב" ביי'ם טישעל, און זיינע לאַנגע ברעמען זיינען געווען אראָבגעלאָזט איבער זיינע אויגען. מיט דער לינקער האַנד איז ער געזעסען אָנגעשפּאַרט, און מיט דער רעכטער האָט ער אָנגענומען שלום; מיר זיינען צוגעגאַנגען איינציגווייז, גענומען שלום, און „ער זאָל לעבען" האָט גאָר נישט גערעדט מיט אונז. ר' אברהם איז אויך צוגעגאַנגען און האָט דערלאַנגט די האַנד.

דאָ האָט מען געזעהן אין רבי'ן אַ שנוי, ער האָט אויפגעהויבען

אזוי איז די אָרעמע ליכטיגקייט פון א לאָמפּ. א רייכער מענש קויפט זיך א סך לאָמפּען און בעלייכט זיין שטוב מיט א העלער ליכטיגקייט, און אָרעמאַן ווידער זיצט אין דער פינסטער. גאָט ברוך הוא איז די גרויסע ליכטיגקייט, וואָס שיינט פאַר דער גאַנצער וועלט און דער־קוויקט און דערפרישט אַלע זיינע ווערק. די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין גנאָד, און זיין באַרעמהערציגקייט איז פאַר אַלע זיינע בעשעפּעניש־ען... און גלויבט מיר, אז איהר דאַרפט קיין מליץ ניט פאַר איהם; גאָט איז אייער פאָטער, און איהר — זיינע ליעבע קינדער, און צי דאַרף דען א קינד האָבען א מליץ צו א טאַטען?

די בעלי בתים האָבען געהערט און געשוויגען, נור אונזערע לייט, „אנשי שלומנו“, האָט עס פערדראָסען די זאַך... און דעם אמת וועל איך אייך זאָגען, אז איך בין געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס דערצעהלט פאַר „איהם זאָל לעבען“. און אזוי ווי עס איז ידוע, האָט „ער זאָל לעבען“ געהייסען איהם ברענגען אהער.

האָבען מיר זיך גענומען איהם צורעדען און אזוי לאַנג, ביז ער האָט געמוזט מיט אונז מיטגעהן צום רבי'ן.

פיער טעג האָט געדויערט אונזער נסיעה.

און איך געדענק: ביי־נאַכט, די לבנה האָט געבלאַנדזשעט אין בלאָען ים, וואָס איז געלעגען אויסגעשפּרייט העט־וויַיט, און האָט זיך צום סוף אויסגעמישט מיט א וואָלקען, און מיט גרויס רחמנות און ליעבהאַרציגקייט האָט זי געקוקט אויף אונז, ווי זי וואָלט בעטען אונז, אפשר ווייסען מיר איהר וועג, ווי זי זאָל געהן, רעכטס אָדער לינקס, און באַלד האָט זיך א וואָלקען אָנגערוקט אויף איהר, און זי האָט אָנגע־הויבען צו שפּרינגען אַרויס פון איהם, און אין א מינוט אַרום איז זי ווידער ענטפּלעקט געוואָרען אין גאַנצען און האָט געשמייכעלט צו אונז מיט צניעות און חן.

און א לינד ווינדטעל האָט געבלאָזען און געגלעט אונזערע אַלע־מענס פּנים'ער. מיר האָבען זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיער זייטען וועלט, און עס האָט זיך געדאַכט, אז די גאַנצע וועלט איז איינגעהילט אין א טלית פון לויטער רחמים, און מיר זיינען אַריינגעפאַלען אין א ביסעל עצבות, אין אַזאַ שטילער טרויעריגקייט, אַזאַ זיסע, ליעבליכע, ווי א שטייגער שבת פאַר נאַכט ביי שלוש־סעודות.

פּלוצלונג האָט זיך ר' אברהם אָנגערופען און האָט געזאָגט:

שטעהענדיגערהייד פּאַר גרויס מתיקות, און די לאָמפּ ווערט טונקעלער...
און ער שטעהט, שטעהט און גיט זיך ניט קיין ריהר.

איז אָנגעפאַלען אַ גרויסע אימה אויף די אורחים, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שרייען; האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און האָט זיך דער־געהנטערט צו זיי, און זיי האָבען די אויגען פערמאַכט פון דער ליכטיג־קייט, וואָס האָט אראָבגעשיינט פון זיין פּנים און פון דעם הייליגען גלאַנץ, וואָס האָט געבלישטשעט פון זיינע אויגען, און ער שטעהט זיך רוהיג און פראַסט און פרעגט אַזוי שטיל: „וואָס שרייט איהר דען? ס'איז אייך קאַלט?"

און ער האָט אויסגעטהון זיין קאַפּאָטע און האָט זיי צוגערעקט מיט איהר.

צו־מאָרגענס האָבען די אורחים דאָס דערצעהלט און האָבען גע־זאָגט, אַז ווי נאָר די קאַפּאָטע האָט אָנגעריהרט זיי, זיינען זיי באַלד איינגעשלאָפען, און האָבען מעהר גאָר ניט געהערט און מעהר גאָר ניט געזעהן.

אָט נאָך דער מעשה, אַז מען איז דאָס געוואָהר געוואָרען אין שטאָדט, האָט מען ערשט געוואוסט, ווער ער איז. בעלי בתים האָבען אָנגעהויבען צו געבען קוויטלעך, און אַז מ'ברענגט איהם אַ קוויטעל, שמייכעלט ער און זאָגט אַזוי: „גלויבט מיר, אַ אינגעל, וואָס מאַכט המוציא איבער אַ שטיקעל ברויט, וואָס די מאַמע האָט איהם געגעבען, קאָן אייך העלפען מעהר ווי צוואַנציג אַזוינע ווי איך."

פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט ניט געהאָלפען און מען איז געלאָפען נאָך מעהר מיט קוויטלעך; פלעגט ער אַזוי ענטפערען:

— איהר ווילט, אַז אַ בשר־ודם ווי איך זאָל זיין אייער מליץ פאַר גאָט ברוך הוא. איך וועל אייך געבען אַ משל: צו וואָס איז די זאַך געגליכען? צו דער ליכטיגקייט פון דער זונן און די ליכטיגקייט פון אַ קליין לעמפּעל. פון דער ליכטיגקייט פון דער זונן קאָנסטו הנאה האָבען, וויפיעל דו ווילסט, און קיינער קען דיר ניט צונעהמען די הנאה: דער אָרעמסטער מענש און דער סאַמע ניעדריגסטער קוויקט זיך מיט איהר, אויף וויפיעל זיינע אויגען זיינען מסוגל דערויף. אפילו גאָר אַ איד זיצט, חלילה, אין תפיסה און די פענסטער זיינען פערהאַקט, פון דעסטוועגען רייסט זיך אריין אַן אָבגלאַנץ דורך די שפּאַלטען, און ער האָט הנאה פון דער ליכטיגקייט.... אָבער ניט

איינער רעדט מיט'ן צווייטען, פּאַמעלעך, האַרציג, אָהן חכמות, און אַזוי רוהיג.

איינמאָל האָט דער ראש־הישיבה איהם געזעהן אַזוי דאַווענען, האָט ער אַזוי געזאָגט פאַר אַלע אין די אויגען: לערנען קען איך אודאי בעסער פאַר איהם, נאָר אין דאַווענען דערגרייך איך ניט אפילו צו זיינע קנעכעל, אַזוי האָט דער ראש הישיבה געזאָגט.

און אַזוי האָט ר' אברהם געלעבט דאָרט, ביז ער איז אויסגעוואַק־סען און האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטען שניידער'ס אַ טאָכטער, און אַליין האָט ער זיך אויסגעלערענט שניידעריי און האָט געלעבט פון זיינע צעהן פינגער. ביי־טאָג איז ער געזעסען און גענעהט, און נעהענ־דיג האָט ער געהאַט ליעגען פאַר זיך אַ סדור אָפען, און געזאָגט זיך קאַפּיטלעך תהלים; ביי־נאַכט איז ער שטילערהייד געגאַנגען אין בית־המדרש אריין, קיינער זאָל איהם ניט זעהן און איז געזעסען און געלע־רענט אַ גאַנצע נאַכט.

איינמאָל זיינען אורחים געקומען אין שטאָדט אריין און האָבען גענעכטיגט אין בית־המדרש אונטער'ן אויווען. פּלוצלונג דערהערען זיי אַ דין זיס קול, אַזוי ווי אַ שעהנער נגון, טראָגט זיך, האָבען זיי זיך אויפגעכאַפּט און האָבען איהם דערזעהן לערנען. די קליינע לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן שנירעל, בעגיסט איהם מיט אַ מאַטע ליכטיגקייט, און די ווענד אַרום זיינען איינגעהילט אין שאָטענס.... און ער לערענט מיט אַ ברען, מיט התלהבות, נאָר דאָס התלהבות זיינס זעהט זיך ניט אַרויס פון אויבען, עס ברענט נאָר אין איהם אינעווייניג; ער שאָקעלט זיך פּאַמעלעך, און דער שאָטען שאָקעלט זיך מיט, און מיט אַ שטיל קול זינגט ער די גמרא... און וואָס אַמאָל ווערט זיין קול העכער און העכער, און דאָס פּנים זיינס ווערט צופלאַמט, די אויגען ברענען. מען האָט געזעהן בחוש, אַז די נשמה גיסט זיך אויס אין זיין לערנען, און די שכינה פלאַטערט אַרום איהם און ער איז זיך אין איהר מתדבק... און אין מיטען לערנען הויבט ער זיך אויף פון אָרט, געהט אַרויף און אַראָב, און שעפּצעט מיט אַ ציטעריג קול: רבונו של עולם! רבונו של עולם!

און זיין קול ווערט ווידער רוהיג... שטיל... און ער שטעלט זיך אָב פּלוצלונג; עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט איינגעדרעמעלט

מאכען א פשרה צווישען זיי... און דעמאָלט ליעגט זיך דער קליינער אברהם'על׳ע, און האָט נחת פון גאָט'ס לויטערקייט... און זיין הארץ איז פול מיט פרייד פון אלע גאָט'ס ווערק... און פלוצלונג, ווי א סוד וואָלט איהם ענטפלעקט געוואָרען פון הימעל, האָט ער זיך אויפגעהויבען און געגאנגען אהיים, און א פרעג געגעבען דעם בחור, דעם מלמד זיינעם: רבי, וואָס פאַר א ברכה מאכט מען אויף דער הנאה, וואָס מען האָט פון דער וועלט? דער בחור האָט געלאכט און געזאָגט: „גראָבער יונג! א ברכה מאכט מען איבער ברויט, איבער וואסער, אָבער איבער דער וועלט? האָסטו געהערט!"

האָט ער זיך געוואונדערט: די וועלט איז שעהן, די הימלען זיינען אזוי ליעבליך, און די ערד איז אזוי זיס און גוט, און אזא גנאַד און אזא לייטזעליגקייט ליעגט אויסגעגאָסען אויף אלעם — און קיין ברכה מאכט מען איבער דעם ניט?!

און אז ער איז אלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, איז ער פלוצלונג אוועקגעקומען פון דאָרף, און איז אָנגעקומען אין שטאָדט, אריין אין בית־המדרש און דערזעהן דער ראש־הישיבה זיצט אויבענאָן, ארום ביי'ם טיש — די תלמידים, און אלע לערנען מיט אזא הארציגער שטימע, וואָס ציהט דאָס הארץ.

האָט דאָס אינגעל אָנגעהויבען צו וויינען. דער ראש הישיבה האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן א אינגעל וויינט, און ער געהט אין א צו־ריסען היטעל, וואָס די האָאר זעהען זיך ארויס דורך די לעכער, און די אויסגעטהאָנענע שטיוועל האלט ער אויפ'ן אקסעל, ווי א גוי וואָס איז ערשט אָנגעקומען פון וועג, און די בחורים לאכען פון איהם, האָט דער ראש־הישיבה איהם געפרעגט, וואָס ער וויל.

— איך וויל לערנען — האָט ער געענטפערט שטיל, מיט גרויס עניוות און מיט א הארציג געבעט.

האָט דער ראש־הישיבה אויף איהם רחמנות געקראָגען און צוגענו־מען צו לערנען. און ער האָט זיך טאקע ערנסט גענומען צו דער תורה און האָט דעם גאנצען קאָפּ צוגעלעגט; באלד נאָך עטליכע טעג האָט ער שוין זיך אויסגעלערנט עברי און האָט אליין געקענט דאווגען.

און געדאווענט האָט ער, אז כ'איז א תענוג צו קוקען. מ'האָט איהם געדאַרפט זעהן דאווגען! ער שטעהט זיך און רעדט פשוט, ווי

וואָך נור צו טהון מיט זיין פערד און וואָגען און איז איינגעטונקט אַלע זעקס טעג בלויז אין גשמיות, וואָס אַבי נור ער כאַפּט דורך דאָס דאַוו־נען... און אַז ס'קומט שבת און ער זיצט ביים טיש, די בעטען זיינען אויפגעבעט, די ליכט ברענען, ווייב און קינדער זיצען ארום און מען זינגט צוזאַמען זמירות — אַזאַ בעל־עגלה, אַז ער דרעמעלט איין איבער'ן סדור און פערגעסט אפילו צו בענשען, זאָג איך אייך, אַז די שכינה רוהט אין זיין הויז און פרעהט זיך און זאָגט: וואויל איז מיר, וואָס איך האָב מיר אויסדערוועהלט אַזאַ פאָלק... אַזאַ איד האַלט שבת, רוהט אויס, און זיין פערד רוהט מיט, האַלט אויך שבת, שטעהט אין שטאַל און פיהלט אויך, אַז היינט איז שבת־קודש. אַז ער שטעהט דער־נאָך אויף פון שלאָף, פיהרט ער אַרויס די בהמה צו דעם ברונעם, פּאָיעט זי אָן, מען געהט זיך דערנאָך שפּאַצירען מיט איהר אויף דער לאָנקע.

און אַזאַ שפּאַציר איז פאַר גאָט ברוך הוא מעהר אָנגענומען ווי צו זאָגען „ברכי נפשי“. עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען דעריבער, וואָס ער אַליין האָט געשטאַמט פון אַ ניעדריגען שטאַם: ביז דרייצעהן יאָהר האָט ער געלעבט ביי זיין טאַטע'ן, אַ פּאַכטער אין אַ קליין פערוואָרפען דערפעל, און האָט ניט געקענט קיין צורת אות. דער פאָטער האָט אפילו גענומען צו זיך אין דאָרף אריין אַ בחור, ער זאָל מיט איהם לערנען, נאָר ר' אברהם איז אינגעלוויז געווען זעהר אָן אויסגעלאַסענער, האָט ניט געוואָלט אריינקוקען אין אַ ספר און איז אַ גאַנצען טאָג נאָר נאָכגעלאָ־פען די פערד און די אָקסען.

אויף דער לאָנקע פלעגט ער ליעגען, בעהאַלטען צווישען די גרויסע גרעזער, דערביי — די פערד, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ און צופּען גראָז, און ווייט ליעגט אויסגעשפּרייט דער שטח... ווייט.... ווייט... אָהן אַן עק, און אַנטקעגען איהם ליעגט אויסגעשפּרייט דער הימעל, ווייט... ברייט.... און די וואָלקענדלעך באָדען זיך אין איהם, און עס האָט אַ פּנים, ווי די זאַפטיגע ערד, וואָס איז בעדעקט מיט גרינס, קומט צום הימעל און ווי זי וואָלט וועלען שטאָלצירען און זאָגען: זעה, הימעל, איך בעמיה מיך מקיים צו זיין מיט שמחה וואָס גאָט האָט געבאָטען, איך זאָל בעגרינען די וועלט מיט גראָז. און אַנטקעגען איהר בעריהמט זיך דער הימעל: זעה, ערד, איך בעמיה מיך מקיים צו זיין די מצוה פון גאָט אויסצושפּרייטען זיך ווייט און ברייט. און די עטליכע בוימער, וואָס שטעהען צוואָרפען אין פעלד, זיינען אַזוי ווי עדות, וואָס ווילען

ר׳ אברהם איז געווען א חשוב און אן אָנגעזעהענער איד אין שטאדט. א איד א ירא שמים, וואָס אלע האָבען איהם ליעב געהאַט און אלע האָבען כבוד צוגעטהיילט, און מאַמעס האָבען זיך געוואונשען צו האָבען אזוינע קינדער, ווי ר׳ אברהם.

געזעסען איז ער א גאַנצען טאָג אין בית־המדרש און געלערנט. ער איז אפילו קיין גרויסער למדן ניט געווען, נור אזוי א פרומער, כשר׳ער איד; געגאַנגען זיך אין פּראָסטען וועג, — א איד אָהן פּיעל גאוה: דאַוונען פלעגט ער אין בית־המדרש צוזאַמען מיט די אורחים ביי דער טהיר, און שטיל, געלאַסען, אָהן געשרייען און אָהן גרויס התלהבות, קאָן מען זאָגען. ער שטעהט זיך אויף איין אָרט, ריהרט זיך ניט, שאָקעלט זיך ניט. די אויגען אראָבגעלאָזט, און קוים־קוים וואָס די ליפּען שעפּטשען, און זיין תפלה גיסט זיך, ציהט זיך, אזוי ווי דאָס וואַסער אין א רוהיגען טייך, זיס, פּאַמעליך, מיט גרויס דבקות און ליעב־ליכקייט. א שטייגער ווי א טרער, וואָס קייקעלט זיך אויף א קינד׳ס באַק און דערגרייכט דעם טרער, וואָס איז פריהער ארויס פון אויג. פון זיין תפלה, וואָס איז אויפגעגאַנגען צום הימעל און וואָס פאר איהר האָבען זיך אויפגעמאַכט אלע פערשלאָסענע טויערען ביז זי איז צוגעקומען און איינגעפלאָכטען זיך אין כתר־הכבוד — פון זיין תפילה איז דאָרט ניט געוואָרען א טייערער דימאַנט, וואָס בלענדט די אויגען מיט זיין ליכטיגקייט, נור א קליינע פּערל, וואָס שיינט מיט חן, און פינקעלט ניט און בליצט ניט, נור לייכט זיך אזוי שטיל, מיט עניוות, מיט באַרמהערציגקייט און גנאָד...

און פאר וואָס, פרעגט איהר, האָט מען איהם גערופען דער „זינדיגער“? — איבער אזא מעשה:

וויסען מוזט איהר, אז דאָס האָבען אלע מודה געווען, אפילו די וואָס האָבען איהם שטאַרק רודף געווען נאָך דער מעשה, אז ער איז געווען א גרויסער אוהב ישראל, און נאָך וועל איך אייך זאָגען, אז דאָס וואָס ער איז נכשל געוואָרען און האָט געהאַט, רחמנא לצלן, אזא מפלה— דאָס האָט אויך געשטאַמט דערפון, וואָס ער איז געווען אזא גרויסער אוהב־ישראל.

און ליעב האָט ער געהאַט דוקא דעם פּראָסטען אידען, דעם מגושם׳־דיגען אידען.

ער פלעגט זאָגען אזוי: א איד א בעל־עגלה, וואָס האָט א גאַנצע

# דער זינדיגער

(אַ חסידישע מעשה)

כדי איהר זאָלט מיך ניט חושד זיין, אַז איך האַלט זיין זייט, מוז איך אייך פריהער מקדים זיין אַ קליינע הקדמה.

עס שטעהט געשריעבען אַזוי: „אין אדם נוקף אצבעו למטה אלא אם כן נגזר עליו ממעלה“ (אַ מענש גיט זיך ניט קיין ריהר אין פינגער אונטען, אויב מען האָט אויבען ניט אַזוי גוזר געווען), און וואָס אַ מענש טהוט, איז ער דערמיט מקיים גאָט'ס אַ מצוה; און זעה: דאָס פויגעלע פליהט — גאָט'ס מצוה איז עס מקיים, וואָס ער האָט עס געהייסען פליהען. און אַן אָקס דעסגלייכען, וואָס ריטשעט און אפילו אַ הונד וואָס בילט, — אַלע לויבען גאָט מיט זייערע קולות און זאָגען שירה יעדער אויף זיין שטייגער.

און אפילו אַ רשע, וואָס טהוט עברות, דערפילט ער כביכול דער־מיט גאָט'ס רצון, ווייל וואָס דען? איהר מיינט אפשר, ער האָט באמת הנאה פון דער עברה? עס איז דאָך אַ פשיטא, אַז ער וועט חרטה האָבען! אַלא וואָס? — ער איז מקיים דעם הימעל'ס ווילען.

און דער יצר הרע אַליין! יעדעס מאָל ווען ער ווערט געשיקט אָנצורעדען אַ אידען צו אַן עברה, וויינט ער און זיפצט: „וועה איז מיר, וואָס איך האָב אַזאַ שליחות צו טהון!“ און געהט ניט פריהער אַרויס צו זיין עבודה, סיידען נור מלאכי חבלים שלאָגען איהם און נויטיגען איהם דערצו.

און יעדעס מאָל, ווען די עברות קומען פאַר גאָט, פרעהט זיך גאָט און זאָגט: וואויל איז דעם קעניג, וואָס זיינע קנעכט דיענען איהם אַזוי מיט געטריישאַפט.

* * *

פריהער, איידער נאָך די מעשה איז געשעהען, האָט מען איהם גערופען ר' אברהם, נור דערנאָך האָט מען איהם אויפגעהערט צו רופען ביים נאָמען, נור מען האָט געזאָגט סתם — דער זינדיגער.

און ער לעגט די פינגער צום מויל—
און א שארפער פייף שניידט דורך די וויינענדיגע שוהל...

---

דער עולם דערשרעקט זיך.
ווער איז ? וואָס איז ? ווער פייפט אין מקום קדוש ?
דער פאָטער וויל איהם אָנכאפּען ביים אקסעל און „דרויסען" — דער עולם וויל איהם שלאָגען...
נור פּלוצים דערהעט זיך איבער דער הייליגער צדיק פון דער מזרח־וואנד און פרעגט :
— וואו איז ער דער צדיק, וואָס האָט דעם גזר־דין צוריסען ? וואָס האָט דעם הימעל געלעכערט און דורך די בלייערנע וואָלקען אונזערע תפילות ארויפגעפיהרט ?

---

נאָר דער צדיק איז שוין ניט געווען...
ער האָט זיך ארויסגעכאפּט פון שוהל, געוואָרפען די שט־וועל איבער די אקסעל און שפּרייזט שוין צוריק אין דאָרף אריין.

גליטשט זיך איהם פון דער האַנד אַרויס, און ער שטעהט מיט ווייט־געעפענטע אויגען, און קוקט.

אַ פּאָאר וואוילע יונגען בעמערקען יאַשעק׳ן, איינער ווינקט צום צווייטען, ווייזען אויף איהם, לאַכען אין דער שטיל, באַלד געהט איינער צו און גיט איהם אַ שנעל אין נאָז.

ער הערט ניט, פיהלט ניט! ער שטעהט, גלאָצט מיט די אויגען, אַמאָל אויף דעם חזן, אַמאָל אויף די וויינענדיגע אידען. אָט זעהט ער דאָס ווייסע פּרוכת וואָס הענגט ביים ארון, מיט די גרויסע גאָלדענע אותיות: „קודש לה׳“.

גאָט מוז אַצונד זיין — דאָרט, דאָרט אונטער׳ן פּרוכת, טראַכט ער ביי זיך.

און פון דער ווייבער־שוהל קוקט אראָב זיין מוטער, זי בעמערקט איהר בן שטעהט און גלאָצט, דער סדור גליטשט זיך איהם פון האַנד אַרויס — און די אידענע קרעכצט, טראַכט זיך אין האַרץ:

— פויער, אַ געבוירענער גוי.

און דער פאָטער וואַרפט אויף איהם אַ בליק פון אונטער דעם טלית, קרעכצט שווער אָב:

— רבונו של עולם, געדענק אָן איהם אויך!

און יאַשעק שטעהט, און גלאָצט. אַלע וויינען, אַלע דאַווגען, אַלע רופען צו גאָט און איהם פערוווילט זיך אויך!

ער וויל אויך בעטען צו גאָט. ער וויל אויך, ניט וויינען, ניט שרייען, נאָר דאַנקען און ליבען גאָט וויל ער! פאַר אַלעם, פאַר אַלעם דאַנקען!

ער כאַפּט צוריק אויף דעם סדור, נעהמט זיך צו דער פערצייכענטער קריאת־שמע, הייבט אָן:

— א־ל, מ־ל־ך נ־א־מ־ן...

עס האַרצט איהם אָבער ניט אזא תפלה.

ער פערשטעהט זי ניט. דאָס איז נור אַ שפּרוך, אַ טרוקענער שפּרוך...

ער וויל דאַנקען און ליבען עהרליך, געטריי פון האַרץ — —

און ער האָט מורא פאַר׳ן עולם, פאַר׳ן גרויסען עולם, וואָס דאַווענט גאָר אַנדערש, נור די תאוה איז שטאַרקער פאַר איהם — און גאָט איז העכער פאַר אַלעם! ער מוז!

„נאָסיק“ דער דאָרפס־הונד הויבט אָן פּלוצלונג צו בילען, וואַרפט מיט'ן וויידעל, קוקט אין הימעל אריין און בילט — זאָגט ער: „נאָסיק“ דאַוונט; אז די „ווייסע“ געהט אהיים פאַרנאַכט פון פעלד, שטעקט די בעגייוועדטע צונג אַרויס, און גיט א לאַנגען, טרויעריגען בעטש: מע־ע־ע, טראַכט ער: די „ווייסע“ דאַוונט. דער „באַלאַן“ דאַוונט אויף אַן אַנדער אופן: ער צובריקעט זיך, שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס, בייגט שטייף דעם קאָפּ אויס: באָר—ר־ר!

אַלע דאַוונען, אפילו די פרעש אין וואַסער... איינער רוימט איין דעם צווייטען: קוואַ, קוואַ!

---

יאַשעק איז שוין אַלט געוואָרען דרייצעהן יאהר, קריאת־שמע קען ער נאָך ניט זאָגען, און עס איז פאַר ראש השנה.

און דער רבי ארבייט מיט יאַשעק'ן כאָטש אויף היי־יעהריגען ראש השנה נור בלויז קריאת־שמע זאָגען — מען זאָל איהם קענען מיט־נעהמען אין שטאָדט אריין.

און לכבוד יום־טוב האָט מען יאַשעק'ן געקויפט א נייעם צייגענעם אַנצוג, א פּאָאר שטיוועל, און א ניי היטעל...

זאָל ער כאָטש קריאת־שמע זאָגען.

---

פול אָנגעפּראַפּט אין די שוהל; קליין און גרויס, אַלע אָנגעטהאָן אין ווייסען, אריבערגעצויגען מיט די טליתים, אַלע שטעהען און שאָקלען זיך, און שרייען, און רופען, אַלץ העכער און העכער.

ביים עמוד, וואו עס ברענען זיך די זיעבען גרויסע וואַקסענע ליכט, שטעהט דער חזן מיט משוררים... לאַנגע וויינענדיגע טענער און בעגלייט מיט האַלבע אָבגעריסענע דערשטיקטע קולות לאָזען זיך הערען:

— מי לחיים, ומי למות...

און אַ פערשטיקט וויינען רייסט זיך אַרויס מיט אַמאָל פון דער וויבערשוהל. און יאַשעק שטעהט אָנגעטהאָן אין צייגענעם אַנצוג, די העלע האָאר לאָזען זיך אַרויס פון דעם אַרויפגערוקטען היטעל. ער שטעהט, פּלוצים ריהרט ער זיך פון אָרט, שפּאַרט זיך אַרויף אויבענאָן, שטעלט זיך אין דער זייט קעגענאיבער דעם חזן, דער סדור, וואָס דער פאָטער האָט איהם געגעבען, מען זאָל כאָטש מיינען, אַז ער דאַוונט,

און יאשעק וויל א דאנק און א ליוב אָבגעבען פאר דעם אלעם, אָט וואָס איז ארום און ארום.

און טהיילמאל ווילט זיך איהם געהען און געהען אזוי לאנג, ביז ער וועט אָנקומען דאָרט צו דער גרויסער שטאדט, וואו גאָט וואוינט, וואו זיין פאלאץ שטעהט!

— וועל איך צוגעהן און א קוש טהון גאָט אין האנד אריין! — טראכט ער זיך.

נור באלד זיפצט ער אָב:

— מען וועט מיך דען צולאָזען?

ער קען צוקומען, טראכט ער, צו גאָט'ס פאלאץ, נור דאָרט שטעהען „שווייצער", אזוינע הויכע מיט בלאָהע סטעננעס, געלע איבערגעלעגטע שטיוועל און רויטע פרעק, אזוינע ווי ער האָט געזעהען ביי די פריצים, וואָס זיינען געקומען צו זיין פריץ אויפ'ן דאָרף אויף א באל — און זיי וועלען איהם אוועקיאָגען....

און באלד דאכט זיך איהם, אז מען דארף ניט געהן, אז גאָט איז אויפ'ן פרייען פעלד, אז די שווייצער היטען א לעערען פאלאץ, אָהן גאָט!

---

„אל מלך נאמן" לערענט איהם דער רבי פון סדור... און דער אל־מלך־נאמן, דאכט זיך איהם, איז עפּעס א מין שפּרוך, וואָס, אז מען זאָגט איהם, דארפען די שווייצער אריינלאָזען אין גאָט'ס פאלאץ...

אָבער צו גאָט האָט ער אנאנדער מין געבעט, א געבעט אָהן ווערטער, א געבעט וואָס וואַקסט ביי איהם אין הארץ און דערפילט דאָס הארץ און איבערפילט עס און רייסט זיך ארוים מיט א פייף!

ער וויל בעטען, לעגט ער צוויי פינגער אין מויל אריין, שטעלט אויף די ליפּען, גיט א בלאָז. און זיין תפלה הילכט אין גאנצען וואלד!

און גאָט פערשטעהט איהם, פערשטעהט זעהר גוט זיין געבעט!

און ער פייפט נור דעמאָלט, ווען עס ווילט זיך פייפען צו גאָט, ווען ער פיהלט, אז מען ברויך פייפען...

און גאָט, דאכט זיך איהם, ליעגט ערגעץ ווייט, ווייט אויפ'ן פרייען שמעקענדיגען פעלד און הערט זיך איין, ווי ער פייפט, און האָט הנאה פון זיין פייפען, און פרעהט זיך דערמיט.

און ניט ער אליין פייפט! אלע, ווייסט ער, „פייפען". אז

זיך איבער'ן הימעל מיט א טרויעריגע דונקעלהייט, דעמאָלט שפּירט ער עפּעס, וויל ער עפּעס, בענקט ער נאָך עפּעס...

ווען עס געהט א גרויסער וואָלקען, עס שלאָגט א דונער, עס בליצט... צו א רעגען גיסט... אָדער א שווערער געפיהל הילט איין דאָס דאָרף, ווי אמאָל, ווען מען האָט דעם אלטען מאטשעק אפּירגענומען פון אונטער דער שניידמאשין און פון אונטערגעהאקטען פּוס האָט בלוט גערונען... דאָס דאָרף טרויערט... דעמאָלט, דערשפּירט ער גאָט! און ניט אין הימעל וואוינט גאָט, און ניט אויפהייבען דעם קאָפּ צום הימעל דארף מען, מען זאָל איהם זעהען; ניין, איהם דאכט זיך, אז גאָט וואוינט ערגעץ וויט, ווייט, אין א גרויסער שטאדט, דאָרט, וואו דער גרויסער שררה פון דאָרף וואוינט, און וואו אלע גרויסע שררות און גרויסע לייט וואוינען. און די אלע גרויסע שררות, און גרויסע לייט זיינען ניט מעהר, ווי גאָט'ס „פּראָבקעס", אזוי ווי סטאך און וואָיטעק זיינען פּאראָבקעס ביים „פּריץ" פון דאָרף.

אָבער ער, ווי קומט ער צו גאָט? אפילו ניט צו זיין זיינס א פּאסטוך! א פּאסטוך ביי גאָט, טראכט ער ביי זיך, מוז אויך זיין א גרויסער „פּאַן", א פּריץ א גרויסער! און ווער ווייכט צו דער פּריץ פון זייער דאָרף איז כאָטש א קוטשער ביי גאָט'ס פערד? וועט מען איהם, יאַשעק'ען, צולאָזען?

נור טהיילמאָל, ווען דער הימעל איז ריין און העל, און רוהט פער־חלום'ט, אין א בלויען פליסענדיגען שלייער, און די גרעזער וואקסען זיך אינטער במנוחה, און אריינגעוואָרצעלט איז דאָס גרעזעל אין דער ערד, און קוקט זיך שטיל אין הימעל אריין, און דאָרט קעגענאיבער שטעהט דער אלטער וואַל — דער גרינער זיידע פון דאָרף, און דאָרט ווייטער ציהט זיך צווישען די גראָזען דער וועג, א פוהר פאָהרט, און א איד געהט ערגעץ ווייט, ווייט... און פון אויבען דער הימעל ציהט זיך אויך ערגעץ ווייט אוועק און געהט וואָס אמאָל ניעדריגער, ניעדריגער, ביז ער לאָזט זיך אין גאנצען אראָב אויף דער ערד... און ער, יאַשעק, זיצט זיך אויף דער שוועל פון דער „סטאָדאָלע" און קוקט... דענסט־מאָל דאכט זיך איהם, האָט זיך גאָט אביסעל ארויסגעכאפּט פון די „שררות", פון די פּריצים, און איז זיך דאָ אליין אהער געקומען אין פעלד אריין, אויסגעצויגען זיך און ליעגט זיך אזוי און וואַרט...

# אַ דאָרף-צדיק

(פאָלקס־לעגענדע)

אין אַ טהוי־בעדעקטען ים פון גרינעם גראָז ליעגט ער בעהאַלטען, און פּאַשעט זיינע שעפּעלעך, וואָס דער פאטער האָט זיי איהם איבער־געגעבען.

מען רופט איהם „יאַשעק“. ווי ער הייסט אין „אידישען“ ווייס ער אַליין אויך ניט. מען האָט איהם קיין מאָל נאָך צו קיין „עליה“ ניט אויפגערופען.

אַלע ווייסען, אַז ער איז אַ פּויער, אַ גראָבער יונג. דער פאָטער זיינער, יצחק מילכיגער, איז זיך אין גאַנצען פון איהם מיאש; ער וועט נאָך איהם אפילו קיין קדיש ניט קענען זאָגען. און נור יוצא צו זיין האָט ער איהם אַראָבגעבראַכט אַ מלמד פון שטאָדט.

דער מלמד אַרבייט מיט איהם מיט אַלע כחות. הונדערט מאָל, הונדערט מאָל זאָגט ער איבער יעדעס וואָרט, און ער, אַזוי ווי ניט איהם וואָלט מען געמיינט — קמץ אלף זאָל דיר זיין „גוט וואָך“!

— געה האָב צו טהון מיט אַן עזעל־קאָפּ, זאָגט דער מלמד און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און די מוטער קוקט אויף איהר זוהן, און קרעכצט.

מען הייסט איהם אפילו ניט קיין סידור נעהמען. דאַווענען? ער, „יאַשעק“, וועט דאַווענען? וואו קומט ער צו גאָט? אַ חרפה פאַר זיין ליעבען נאָמען, ער זאָל קריאת־שמע זאָגען!

און דאָך פערשטעהט יאַשעק גאָט לויט זיין פערשטאַנד און פיהלט איהם אין זיין האַרץ.

און ער זעהט גאָט אומעטום, אומעטום וואו ער טהוט אַ קוק מיט זיינע אויגען: ער זעהט איהם דאָרט, וואו דאָס וואַסערעל גיסט זיך אין דער שטיל און דערצעהלט סודי־סודות דעם שטילען רוהיגען בעגראָזטען ברעג; און פון דאָרט וויַיט קומט דער וואָלקען, און ציהט

און ווייטער שטיל —

אראַבגעלאָזט פערשעהמט האָבען זיי ביידע די קעפּ— און דער שטערען, דאכט זיך איהם, האָט געזעהן און געלאַכט.

— רייזעלע. — האָט ער קויב הערענדיג אויסגערופען.

— מאַטעלע — דאכט זיך איהם האָט זי געענטפערט, מיט אזא ווייכקייט, מיט אזא ליעבליכקייט, אז זיין הארץ איז צוגאָסען געוואָרען.

— רייזעלע, זאָל איך דיך קושען? — האָט ער פלינק א פרעג געטהאָן. און עס האָט איהם שוין באנג געטהאָן, און פלינק האָט ער געוואָלט זיין וואָרט צוריקנעהמען—

און גאָר נישט, דאכט זיך איהם, האָט זי איהם געענטפערט, נור בעהאלטען האָט זי איהר פּנים צווישען איהרע קליינע הענדלעך און זי האָט געוויינט.

נור נאכהער, דאכט זיך איהם, האָט זי איהם איינגערוימט ווייזענ־דיג אויף יענעם שטערן: „דער שטערן זעהט אלץ— און פאר איהם שעהם איך מיך".

און זיי האָבען זיך פעררוקט אונטער די גראָבע בוימער און זיך בעהאלטען פון דעם שטערן—

— — אָבער דער שטערן, דאכט זיך איהם, האָט אלץ געזעהען און געלאכט—

— — — — — — — — — — — — — — —

באלד האָט זי, דאכט זיך איהם, א פּאָאר פליגעל פערשפּרייט און איז אוועקגעפלויגען. איהרע ווייסע תכריכים האָבען זיך איהר נאָכ־געשלעפּט — — —

ער איז געבליעבען אליין זיצען — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אין שטעדטעל האלט מען איהם פאר א מרה־שחורה'דיגען.

און יעצט זיצט ער דאָך מיט איהר אין וואַלד אַליין —

און די בוימער בעהאַלטען זיי און זיינגען איינגעשלאָפען— דאָס גאַנצע לעבען שלאָפט—

די לבנה האָט זיך אַרונטערגעכאַפּט אונטער דעם הימעל'ס דאַך און שלאָפט; אויך דאָס ליכטעל פון וועכטער'ס הייזעל איז אויס־געגאַנגען, אַ סימן— ער שלאָפט אויך.

נאָר יענער שטערן, דער לבנה'ס וועכטער, איז נאָך אויף, און נור די זשאַבע אין וואַסער קוואַטשעט — קוואַטשעט ביטערדיג.

נאָך אַ רגע, זי האָט אויפגעהערט קוואַטשען —

און דער שטערען קוקט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל אויף די גאַנצע וועלט— ער גריסט און קושט—

און דער שטערען קוקט אויף זיי און לאַכט — ער הערט זייערע סודות, וואָס זיי זאָגען זיך אין זייערע הערצער. נישט מיט ווערטער, ער ווייסט אַלץ און לאַכט—

און מאָטעלע'ן דאַכט זיך אַזוי ווי דער שטערען וואָלט געזאָגט צו זיי : — האָט ניט קיין מורא, ליעבע קינדערלעך, איך וועל פאַר קיינעם די סודות ניט אויסזאָגען.

און ער קושט זיי מיט אַ שטראַהל — און בעלייכט איהרע ווייסע תכריכים.

און זייביידע — דאַכט זיך מאָטעלען — זיצען צוזאַמען האַרט נעבען אַנאַנדער, איינער קוקט ניט אויפ'ן צווייטען. ער קוקט אַרויף אין דער הויך צום הימעל, און זי טיעף אין וואַלד אַריין—

און פּלוצלונג, דאַכט זיך איהם :

— מאָטעלע— !

— רייזעלע— !

ווייטער איז שטיל — אַראָבגעלאָזט די קעפּ צו דער ערד און רויט ווערען די פּנים'ער.

אַ טרער, דאַכט זיך איהם, קייקעלט זיך אַראָב פון איהר אויג אויף איהר באַק—

און שטיל איז אומעטום— אַלץ שלאָפט געשמאַק— קיינער געהט ניט—

געקוקט, דאַכט זיך איהם, האָט זי אויף איהם מיט פיעל רחמנות, מיט פיעל דערבאַרעמיגקייט.

ווײלע אַ דרימעל און לאָזט דערווײל וואַכען איהר קאַמערדיענער, דעם שטערן, וואָס בעגלייט זי.

נאָר איך אַליין בין אויף — טראַכט ער זיך — זיץ דאָ אַליין צווישען די בוימער פון וואַלד, איינזאַם, טרויעריג — און צו וואָס בין איך דען אַהער געקומען? פרעגט ער זיך אַליין. ווער האָט מיך אַהער געפיהרט? אסור אויב איך ווייס. איך געה און געה, ביז איך פערקריך מיך, און קום דאָ אין וואַלד און זעץ מיך אַנידער אונטער דעם גרויסען בוים מיט די גרויסע צווייגען, וואָס איהם האָב איך אַלץ פערטרויט — אַלץ געזאָגט, קיין זאַך ניט בעהאַלטען און איך האָב מיך גאָר ניט געשעהמט—

אַליין זיץ איך דאָ און שווייג.

טויזענדער שאָטענס, מיט טויזענדער בילדער און געשטאַלטען פאַר מיינע אויגען — און טויזענדער געדאַנקען און געפיהלען טאַנצען אין מיין קאָפּ און מיין הארץ—

און פּלוצלונג האָט ער פון אַלעס פערגעסען—

איהם דאַכט זיך ,ער זיצט אין וואַלד מיט איהר—

ער האָט דאָך איהר אַ בריוועל געשריבען, אַז זי זאָל קומען, און אַזוי קומט זי שוין שטענדיג אַלע נאַכט. זי קריכט אַלע נאַכט ארויס פון איהר קבר, מאַכט זיך אָב דעם זאַמד פון די תכריכים, צולאָזט זיך די האָאר, קומט אין וואַלד אריין און זעצט זיך אַנידער נעבען איהם— ער פרעגט זי: „רויזעלע, דו ביזט דאָך שוין אַ ווייבעל, דו האָבט דאָך התונה געהאַט פאַר ר׳ מרדכי דעם למדן, און ר׳ מרדכי למדן׳ס ווייב געהט אין די אייגענע האָאר, פע! רייזעלע, עס פּאַסט ניט, טהו אָן דיין הייבעל!“

און איהם דאַכט זיך אַז זי ענטפערט איהם:

— ר׳ מרדכי למדן׳ס ווייב איז געשטאָרבען, און איך בין ר׳ משה חיים׳ס טאָכטער, נאָך אַ מיידעל—

און ער פערגעסט, אַז זי איז געשטאָרבען. איהם דאַכט זיך אַז זי לעבט, און זי איז ווידער דיזעלביגע ווי זי איז געווען, איידער זי האָט נאָך התונה געהאַט— דענסטמאָל נאָך ווען ער פּלעגט אריינקומען צו ר׳ משה חיים׳ען.

דענסטמאָל— דענסטמאָל—

ער געדענקט אַלץ—

אהער, מאַטעלע! — נעהנטער — נעהנטער — און אַלעס איז מסכים — דאָס אַרויף־ און אַראָבגעהן פון ר׳ משה חיים׳ס הארץ איז אויך מסכים — אַלעס הייסט —

אָבער דער אויבערשטער ווייסט און זעהט אַלעס, וואָס דער מענש דענקט צו טהון —

אָבגערוקט האָט ער זיך —

אָבער די צוגעמאַכטע אויגען שלעפען איהם מיט געוואַלט. דאָס פנים ציהט — די האָאר — און גענעהנט האָט ער זיך —

דאָס הארץ קלאַפּט — די אויגען שווינדלען —

איהרע האָאר— ניין— אויף איהר פנים, אויף איהרע האָאר ליעגט א הייליגקייט— און דאָס לאָזט ניט— דאָס הייסט ניט— קושען— ניין— ליפּען טמא, מטמא מאַכען איהרע האָאר. אוועקשעבטען די הייליגקייט פון פּנים.

ניין— ניין—

יא— יא— קום— קולות זאָגען, דאָס הארץ ציהט— די האָאר נאָך שטאַרקער— דאָס פּנים איהר׳ס רעדט— די אויגען נעהמען מיט געוואַלד— און קיינער איז נישטאָ— קיינער זעהט ניט— און אַלעס הייסט— אַלעס איז מסכים— און גענעהנט האָט ער זיך שוין ווידער — — שוין ריהרען אָן זיינע ליפּען איהרע האָאר—

און די טהיר האָט זיך פּלוצים אויפגעעפענט און שפּרינגצע ר׳ משה חיים׳ס איז אריינגעקומען—

— אָ, וועה איז מיר! — א בראָך איז מיר!

— — — — — — — — — — — — — — — —

און ער איז געבליבען שטעהן ווי פריהער, גלאָצט מיט די אויגען. גאָר ניט גערעדט, גאָר זיך ניט פערענטפערט...

* * *

— אין א צייט אַרום —

מאָטעלע זיצט אין וואַלד אַליין —

עס איז א שטילע זומער־נאַכט.

אַלעס שלאָפט אַרום, די בוימער שטעהען שטיל און שלאָפען. דער הימעל האָט זיך אָנגעטהאָן זיין בלוי שלאָפקלייד און שלאָפט, נור די איינציגע צנועה׳דיגע לבנה גלאָצט אַראָב מיט איהרע אויגען. טהייל־מאָל בעהאַלט זי זיך אונטער דעם הימעל׳ס שלאָפדעק, כאַפּט אויף א

ער איהר א בריוועל געשריבען, אין בריוועל שרייבט ער איהר אזוי:
„קום, רייזעלע, היינט פאר נאכט ביי דעם ברונען אונטער דעם שטעד־טעל, איך דארף דיר א סוד זאָגען..."

און זי איז געקומען...

אָבער ער האָט ניט גערעדט און ניט געקוקט אויף איהר... ער האָט ניט געקענט...

און זי איז אוועקגעגאנגען פערשעהמט, אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד...

* * *

אין א שבת נאָכ'ן עסען איז דאָס געווען.

מאַטעלע איז געווען ביי ר' משה חיים'ן אין שטוב.

אין שטוב ביי ר' משה חיים'ן איז געווען א קליין „גן־עדן". אויס־געקעהרט, אויפגעראַמט, אַלעס שיינט, אַלעס גלאַנצט, א ווייס טישטוך אויפ'ן טיש.

אין אויר אפילו שפּירט מען די הייליגקייט פון שבת.

ר' משה חיים ליעגט אין שלאָף. די קאָלדרע, מיט וועלכער ער ליעגט צוגעדעקט, בעוועגט זיך פון דעם אָטהעמען פון זיין הארץ. די האָאר פון באָרד בעוועגען זיך אויך.

רייזעלע ליעגט אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויפ'ן טיש און שלאָפט...

און מאַטעלע זיצט און גלאָצט...

די זונן גנב'עט זיך אריין דורכ'ן פאָרהענגעל און בעגאָלדעט איהרע האָאר.

און איהרע האאר, דאכט זיך מאָטעלען, האָבען א שייכות מיט זיין הארץ — זיי שפּאַלטען עס דורך און קניפּען זיך צוזאמען און ציהען איהם...

איהרע אויגען זיינען פערמאַכט און איהר פּנים איז אזוי שעהן, און עס זאָגט אזוי: קום! קום! נעהנטער!... מאָטעלע שעהם דיך ניישט. האָב ניט קיין מורא... איצט איז קיינער נישטאָ... קיינער זעהט ניט... קיינער ווייסט ניט...

אָבער די שטראַהלען פון דער זונן — ?

פערשפּרייט האָט ער דאָס פאָרהענגעל פאר'ן פענסטער, טונקעלער איז געוואָרען אין חדר—

און זיי בעטען דאָך — איהרע צוגעמאַכטע אויגען זאָגען: קום

יא... נור די מאמע אליין האט אזוי געקוקט. און זי קוקט אויף אזוי. איהר בליק זאגט די ווערטער: „מאטעלע, וואס ביזט דו אזוי טרויעריג?" „וואס מאכסטו מאטעלע? ביזט דו געזונד? פרעגען איהרע אויגען מיט א ווארימקייט און ליעבע.

און ער וו׳ל עפּעס, און ער ווערט שטארק רויט, ער האט מורא מען זאל פון זיין פּנים ניט אראבלייענען, וואס ער האט אין זינען.

ער וויל איהר זאגען נור איין ווארט: „רייזעלע" — נור בלויז דאס, און ניט קוקען. דענסטמאל ווען ער וואלט זי געזעהען, וואלט ער ניט געקענט זיינע אויגען דערהויבען אין דער הויך.

און ווען ער זיצט ביי ר׳ משה חיים׳ס בעט, און גנב׳עט אהין א בליק צו איהר, שפּירט ער, ווי א זיס ציטערקייט נעהמט איהם אן, א מתיקה׳דיגע אימה.

און ער פיהלט, ווען זי קוקט אויף איהם; דענסמאל שפּירט ער, ווי א ווארעמקייט נעהמט איהם ארום, ער שפּירט דענסטמאל אזא זיסקייט, וואס ער קען ניט ארויסזאגען...

און דעמאלט האט ער מורא די אויגען אויפצוהויבען אין דער הויך, טאמער וועלען זיך די בליקען בעגעגנען.

און גאנצע נעכט פלעגט ער ליעגען אויף זיין געלעגער און קלערען. און איהם דאכט זיך, אז ער זיצט אויבענאן ביי א געדעקטען טיש, פון אויבענאן זיצט דער רב, אויף דער צווייטער זייט ר׳ משה חיים, א גרויסער עולם זיצט ארום, מען צוברעכט טעלער, מען זאגט „מזל טוב". ער ווערט שטארק רויט... ער שעהמט זיך...

און די קאלדרע פאלט איהם אראב פון זיין געלעגער. דאס ווינטעל, וואס בלאזט אריין פון פענסטער, בלאזט אויף איהם, און ער שפּירט ניט, און פיהלט ניט...

און איהם דאכט זיך:

נאך דער חתונה... רייזעלע געהט אנגעטהאן א הייבעל... זי קוקט פערשעהמט, זיי האבען ניט גערעדט נאך צווישען זיך איין ווארט... ער ווייס גאר נישט, ווי מען קען רעדען... ווי קען מען קוקען איהר גלייך אין די אויגען אריין...

אין דער פריה, ווען ער דערמאהנט זיך, וואס ער האט ביינאכט געטראכט, ווערט ער רויט, ער שעהמט זיך פאר זיך זעלבסט. ער האט מורא מען זאל איהם דאס פון פּנים ניט אראבלייענען... אמאל האט

מען פלעגט איהם דערפאר שנעלען אין נאָז, אָדער וואַרפען קנוילען שנעע אין קאָפּ אריין אין א ווינטער־נאַכט.

די שטאדט האָט געזאָגט, אז ער איז קראַנק, ער איז א פּער־חויש'טער. נור טהייל האָבען געזאָגט, אז דאָס האָט ער נור אין זומער טעג, ווען גרויסע היצען זיינען; טהייל האָבען געזאָגט, אז ער האָט עס א גאַנץ יאהר.

ער וואָלט שוין געוויס א חתן געוואָרען. — די מוהמע האָט שוין פאַר איהם געזאַמעלט פעדערן אויף בעטגעוואַנד—, ווען ניט די טרויעריגע מעשה, וואָס ס'האָט זיך געטראָפען מיט איהם ביי ר' משה חיים'ן.

* * *

ר' משה חיים א איד א חסיד, א חלוש, ליעגט שטענדיג אין בעט, און איז זיך מפרנס פון ווייב'ס קרעמיל, און א מיידעלע האָט ער געהאַט. רייזעלע האָט זי געהייסען, מיט בלויע אויגען און בלאָנדע לאַנגע האָאר.

מאַטעלע פלעגט אָפט אריינקומען צו ר' משה חיים'ן. דאָס אריינקומען האָט געהייסען גלאַט אזוי, אָדער משמש צו זיין ר' משה חיים'ן. אין אמת'ן מיינט ער טאקע גאַרנישט, נור משמש צו זיין ר' משה חיים'ן. זי, רייזעלע, איז איהם בקעקע חורא, ווי א ווייסע נאַנז, ווי גאָר נישט.

ער וויל נור האָבען, אַז ער זאָל זי טרעפען זיצען ביים ווינקעל פון קיך'ל, וואָס איז פערהאַנגען מיט'ן רויטען פאָרהענגעל, דאָרטען, וואוהין ער פלעגט אָפט וואַרפען פערשעהמענדיג זיין בליק, דאָרטען, פון וואַנען איהרע בליקען גנב'נען זיך אהין צו איהם.

און איהרע בליקען זיינען עפּעס אזוי דויטענדיג: זיי רעדען, דאַכט זיך, פריינדליך, ליעבליך, מיט טהיילנעהמונג. די אויגען קוקען שעהמעדיג...

שטענדיג, ווען ער זעהט זיי, ווערט ער ערנסט, גוט און רחמנות'דיג; זיין הארץ צוגיבט זיך איהם ווי וואַסער. עס גלוסט איהם צו וויינען.

דאַכט זיך, איהר בליק איז איהם ניט פרעמד. ער האָט אמאָל געזעהען אזעלכע גוטע אויגען. יא, ער האָט אמאָל אזעלכע אויגען געזעהען. און שוין לאַנג, לאַנג זעהט ער זיי ניט...

זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען.. דאַכט זיך, צייט דער מאַמע'ס טוידט...

א גאנץ קאפּאָטקעלע, מיט גאַנצע שטיוועלעך, א ווארעם קאפּטיל אויף ווינטער, ער זאָל זיך חלילה ניט פערקיהלען.

שבת נאָכ'ן שלאָף פלעגט זי זיך אָנטהון די נייע יאקע מיט דער נייער הויב, נעהמען דאָס אינגעל פאר דער האנד און פיהרען איהם צום דין פערהערען.

אז זי האָט געהערט איהר מאָטעלע'ן זאָגענדיג דעם „שעור", איז זי שטאָלץ און גרויס געוואָרען ביי זיך. זי האָט געהאלטען די וועלט פאר קליין און נידעריג. איהר וואָכעדיג פינסטערעס לעבען איז ליכטיג און העל געוואָרען. זי האָט געוואָלט מאָטעלע'ן אויסקושען אלע ביינ־דעלעך. אבער עס פאסט דאָך ניט פאר א מאמען צו קושען א דער־וואקסענעם אינגעל.

און אז מאָטעלע איז אלט געוואָרען א יאָהר צוועלף, איז ער ווייטער געוואָרען א יתום.

נאָך א קאלטען ווינטער־טאָג, איז חוה די שווארצע אהיים געקומען א דערפרוירענע, מאט און קראנק — א ציטערקייט האָט זי דורך און דורך גענומען, זי האָט געשיקט מאָטעלען נאָך דער מוהמען. די מוהמע איז געקומען, מען האָט געמאכט אין דער האלב־צעבראָכענער קיך פייער, די שטוב איז פול געוואָרען מיט רויך. אין א פּאָאר טעג ארום, ווען דער רופא מיט'ן אפּטייקער האָבען צוגענומען די לעצטע פּאָאר גילדען, און לוי דער מלוה די גאָלדענע אויערריגגלעך — וואָס זי האָט געקריגען א מתנה כלה־ווייז פון איהר „טרויעריגען" — און א קישעלע, איז די אידענע געשטאָרבען. און מאָטעלע איז געוואָרען א יתום.

די שטאדט האָט גענומען פאר איהם זאָרגען, געשאפט איהם טעג ביי די רייכע, — אין „בית המדרש" האָט ער געלערנט — דאָס ביסעל „בעל־בתישקייט" האָט מען פערקויפט און דאָס געלד האָט מען געגעבען צו האלטען א „בעל הבית" אין שטאדט.

דאָס גאנצע שטעדטעל איז געווען מיט איהם צופריעדען. א רוהיגער און שטילער, געהט זיך זיין אָקסען־שריט, נור שטענדיג פער־טראכט. אלע פארנאכט, ווען די זון געהט אונטער, פלעגט ער שטעהן און גלאָצען מיט די אויגען, ווייזענדיג אהין מיט'ן פינגער צו מערב־זייט: „ווי שעהן איז דאָרט! ווי שעהן איז דאָרט!" פלעגט ער אויסרופען צו די פארבייגעהענדע.

— מאַמע, — זאָגט ער שטיל און וויל זיך צוריקכאַפּען — מאַמע, איך וויל דיך קושען !...

— פּע, נאַרעלע ! פּע, עס פּאַסט ניט פאַר א דערוואַקסען אינגעל.

— ניין, מאַמע, איך וועל שוין מעהר ניט, — האָט מאָטעלע אויס־געראָפען פערשעהמט, און טרערען האָבען זיך איהם בעוויזען אין די אויגען — איך בעט דיך, דערצעהל ניט פאַר קיינעם. — און געטראַכט האָט מאָטעלע ביי זיך: „וואָס בין איך שולדיג, אז מיין יצר הרע איז אזוי גרויס ?"

— געה בעסער דאַווענען, — האָט איהם די מוטער געזאָגט — דאַווען פרום.

און מאָטעלע איז געגאַנגען דאַווענען. ער האָט פרום געדאַווענט און פון דעם אויבערשטען געבעטען, אז ער זאָל זיין יצר הרע אָב־שוואַכען.

א יתום איז מאָטעלע געווען. דער פאַטער זיינער איז איהם פאַר אייניגע יאָהר געשטאָרבען. דאָס איז געווען זיין גליק, דאָס האָט אָבגע־האַלטען דעם רבי'ן פון שלאָגען איהם, אונז פון חוזק מאַכען אויס איהם — ער האָט א געשטאָרבענעם טאַטען, ער וועט זיך פאַר איהם אָננעהמען.

און אז עס איז געקומען „תשעה באב", איז ער געווען אונזער גאַנצער פיהרער אויפ'ן „גוטען אָרט". ער האָט אונז אַרומגעפיהרט ווי א פריץ אין זיינע גיטער ; ער איז דאָך דאָ א היימישער : ער האָט דאָך דאָ ליעגען א טאַטען.

מאָטעלעס מוטער, חוה די שוואַרצע — אזוי האָט זי געהייסען — איז געווען א הויכע אידענע, א דאַרע, דאָס פּנים אויסגעצויגען, געל ווי וואַקס, די באַקען איינגעשרומפּען, צוזאַמענגעקנייטשט, די ליפּען איינ־געטריקענט, געשפּאָלטען, א האַלז א שוואַרצער, מיט גראָבע, בלויע אָדערען.

געהאַנדעלט האָט זי מיט היהנער, אייער, פּוטער, געפּראָרען איז זי א גאַנצען טאָג פאַר קעלט, געגאַנגען אָבגעריסען, געגעסען טרוקען ברויט און געהאָרעוועט ווי אַן עזעל.

איהר גאַנץ ביסעל גוטס אויף דער וועלט איז געווען מאָטעלע. זי האָט געצאָהלט פאַר איהם שכר לימוד־געלד, געזעהן ער זאָל האָבען

שטענס בעשעפעניש איז ערנסט און טרויעריג. אַלץ ווייגט אין דער שטיל און קיינער הערט ניט. ווי טרויעריג עס קוקען די הימלען פון דער הויך, ווי טרויעריג עס קוקען די לעצטע שטראַהלען פון דער זון אראָב פון די בוימער, ווי טרויעריג עס שאָקלען זיך די בוימער און צווייגען. אַלץ איז איבערגעצויגען מיט אַ זיסער טרויעריגקייט. און ער, טראַכטענדיג דאָס, ווערט ערנסט, איהם פערגלוסט זיך צו וויינען, און די טרערען רינען איהם אויף זיינע באַקען.

און ביינאַכט ווען ער פלעגט שטעהן, זעהענדיג די לבנה שיינען, האָט ער ביי זיך געהאַט אַן איינרעדעניש — אַז די לבנה שפּיעלט מיט איהם אין בעהעלטעניש. זי גנב'עט זיך ארונטער אונטער אַ וואָלקען און בעהאַלט זיך פאַר איהם — זי פערשטעלט זיך פאַר איהם, אַז ער זאָל זי ניט געפינען. אָט שפּאַלט זי דורך דעם וואָלקען און ווינקט צו איהם ממזר'יש, אָט נעהמט זי אַ שטערן און וואַרפט איהם — און ער עפענט אויף די האַנד, ווי ער וואָלט איהם וועלען כאַפּען.

שבת פאַרנאַכט. די שטערן האָבען זיך נאָך ניט בעוויזען און אין שטוב איז נאָך קיין ליכט ניט אָנגעצונדען. עס איז טונקעל, לאַנגע שרעקליכע שאָטענס בעוועגען זיך אהין און אהער אויף די וועגד, אויף דער פּאָדלאָגע. מאָטעלע שטעהט ביים פענסטער און קוקט אויף די שפּיץ בוימער, וואָס ווייזען זיך שוואַך ארויס פון דעם גרויען פלעק, וואָס האָט איינגעהילט דאָס וועלדיל. די מוטער זיצט אין ווינקעל, און ברומט „גאָט פון אברהם". פלוצלונג פערווילט זיך איהם עפּעס. ער ווערט שטאַרק רויט, ער וויל פּרובען זיין ווילען צו פעריאָגען, אָבער ער קען נישט, עס ציהט איהם שטאַרק פאַר דאָס האַרץ, ער קען זיך ניט איינהאַלטען, ער מוז זאָגען. ער געהט צו צו דער מוטער, דאָס האַרץ קלאַפּט איהם, די אויגען פינקלען איהם, ער שעהמט זיך, די מוטער וועט איהם אויסלאַכען — טראַכט ער ביי זיך — אבער פער־פאַלען: „מאַמע, זאָגט ער מיט אַ שטילען שעמעדיגען טאָן, מאַמע, איך בעט דיך, בייזער דיך נישט... לאַך נישט..." און איז שטיל געבליעבען.

— וואָס ווילסטו, מיין קינד? — פרעגט איהם די מוטער מיט צערטליכקייט.

דאָס האָט נאָך מעהר זיין ווילען פערגרעסערט.

# מאָטעלע.

צוזאַמען האָבען מיר מיט מאָטעלען געלערנט ביי ר׳ יוחנן דעם דרדק׳ער.

פון קינדוויַיז אָן איז ער געווען אַ טרויעריגער, שטענדיג נעווען פער׳חושכ׳ט, פערקלערט. ער פלעגט זיך אָפּט אָבשטעלען און קוקען פערטראַכט, ער קוקט און ווייס אַליין נישט וואָס. ער הערט מיט אָפענע אויערען. און וואָס, ווען? ער אַליין ווייס נישט.

געזעסען זיינען מיר קינדער ביים טיש, אין חדר, און מיר האָבען געלערנט.

דער רבי איז געשטאַנען פאַר אונז און אכטונג געגעבען, אז מען זאָל פון דער גמרא ניט אַרויסקוקען.

— מאָטעלע, — פרעגט דער רבי פּלוצלונג אין מיטען לערנען — מאָטעלע, וואו האלטסט דו?

מאָטעלע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, רופט אויס מיט בליצענדיגע אויגען פאַר פרייד, ווייזענדיג צום הימעל:

— פייגעלעך פליהען, אַ חתונה... די צוויי וואָס פליהען פאָראויס זיינען חתן כלה, די איבריגע אודאי כלי־זמרים...

הערענדיג דאָס, ווערט אַ גרויס געלעכטער צווישען אונז, מיר לערנען: צוויי קריגען זיך איבער אַ טלית, און ער דערצעהלט אַ מעשה פון פייגעלעך, וואָס מאַכען אַ חתונה.

מאָטעלע פלעגט זיך אָפטמאָל אַרויס׳גנב׳ענען פון חדר און פער־קריכען אויפ׳ן גאַנצען טאָג אין וועלדעל אַריין, וואָס שטעהט אונטער דעם שטעדטעל. ער געהט אַרום צווישען די ביימער און רעדט מיט זיך אַליין; ער זעצט זיך אויף אַ בערגעל, וואָס שטעהט נאָהענט ביים וואַסער און קוקט אין וואַסער אַריין; ער קוקט אויפ׳ן הימעל און זעהט ווי די ווייכע וואָלקענס ציהען זיך — ער פערלאַנגט עפּעס, ער בעט עפּעס פון די גרויע הימלען — און ער ווערט שטאַרק טרויעריג...

און איהם דאַכט זיך, אַז אַלץ איז טרויעריג. דעם גאַנצען איבער־

— רבי, — זאָגט טויבע פערשעמט — פערטייטשט מיר, זייט מוחל, דאָס לשון־קודש'דיגע.

— עס איז דאָך תורה, איהר וועט ניט פערשטעהן.

— נו, לייענט כאָטש דעם בריעף אויף לשון קודש, הויך, הויך, איך זאָל איהם הערען.

— איהר וועט דאָך אָבער ניט פערשטעהן, עס איז דאָך לשון־קודש.

— שמייכעלט דער דין.

— נו, וועל איך ניט פערשטעהן, — זאָגט די אידענע — עס איז דאָך מיין קינד'ס תורה, מיין קינד'ס.

דער דין האָט עפּעס געקלערט, און אָנגעהויבען לייענען הויך.

— שחיטת חוץ שנתערבה בקודש... רמב"ם בהלכות... מ"א...

באַלד אָבער קוקט ער אויף די אידענע און דערמאָנט זיך אָן עפּעס: ער זאָגט גאָר תורה פאַר א אידענע.

— נאָט אייך דעם בריעף, עס איז גאָר נישטאָ פאַר אייך. — האָט ער געזאָגט רחמנות'דיג און צוריק זיך געזעצט אויף זיין אָרט.

— עס איז דאָך מיין קינד'ס תורה, מיין יצחק'לס בריעף, פאַר וואָס זאָל איך ניט הערען? לאָם איך ניט פערשטעהן, עס איז דאָך מיין קינד.

---

דערנאָך ווען טויבע איז אַהיים געקומען, האָט זי זיך ביים טישעל אַנידערגעזעצט, אַראָבגענומען דאָס לעמפּעל פון צוואָק, און ביי דער שיין פון דעם פעררויכערטען לעמפּעל, האָט זי שטום אויף דעם בריוועל געקוקט.

זי האָט דעם בריעף געקושט, נאָר באַלד האָט זיך איהר געדאכט, אַז זי איז מטמא דעם בריעף מיט איהרע ליפּען, זי איז א זינדיגע אידענע...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, אַרויסגענומען פון ספרים־שאַפּקעלע דעם מאַנ'ס סדור און צווישען די בלעטער אַריינגעלעגט דעם בריעף.

מיט ציטערדיגע ליפּען האָט זי געקושט די טאָוולען פון דעם סדור, און עס צוריק אַריינגעשטעלט אין ספרים־שאַפּקעלע.

„איהר יצחק׳ל, טויבע דער מארק־אידענע׳ס א אינגעל.“ — טראכט זי מיט שטאָלץ.

— נאט אייך דאָס בריוועל, — זאָגט דער דין צום סוף — איך האָב עס שוין דורכגעלעזען.

— נו, וואָס ? — פרעגט די אידענע.

— וואָס ווילט איהר דען ?

— וואָס שטעהט אין בריוועל ? — פרעגט די אידענע אין דער שטיל.

— עס איז ניט פאר אייך, איהר וועט עס ניט פערשטעהן. — זאָגט דער דין מיט א שמייכעל.

---

יצחק׳ל שרייבט אהיים בריוולעך, וואָס אמאָל ווערען די אידישע ווערטער ווינציגער, די לשון־קודש ווערטער מעהר, אמאָל נור א גערוס צו דער מאמען — און זי קומט צו ר׳ יוחנן ; ר׳ יוחנן לייענט איהר דורך די אידישע ווערטער און זי לאָזט זיך דערמיט בענוגענען. „די לשון־קודש ווערטער זיינען פאר דעם דין,“ טראכט זי זיך.

אמאָל קריעגט זי א בריוועל פון יצחק׳לען.

זי געהט ארײן צו ר׳ יוחנן, ער זאָל עס דורכלייענען.

ר׳ יוחנן לייענט עס דורך.

— גאָר נישטאָ צו אייך. — זאָגט ער.

— ווי הייסט ?

— גאָרנישט. — ענטפערט ער אָב קורץ.

— לייענט־זשע מיר כאָטש דאָס, וואָס איז דאָ.

עס איז דאָך לשון קודש, תורה, איהר וועט דאָך ניט פערשטעהן.

— וועל איך ניט פערשטעהן.

— געהט אייך געזונדערהייט און פערדרעהט מיר ניט דעם קאָפּ.

טויבע איז ארויס מיט דעם געדאנק, אויף דער נאכט צו געהן צום דין.

— רבי, זייט מוחל, פערטייטשט מיר דעם בריעף אויף אידיש. — זאָגט זי צום דין, איהם דער בריעף איבערגעבענדיג.

דער דין נעהמט דעם בריעף און לייענט איהם איבער.

— גאָר נישטאָ פאר אייך ! — זאָגט ער איהר.

— וואָס איז דער טייטש ? דער טייטש ? — פרעגט אַלץ די אידענע.

— גאָר נישט, ניט פאַר אייך, איהר וועט עס ניט פערשטעהען, עס איז אַ פּשט'ל.

זי האָט געשוויגען, די לשון־קודש'דיגע ווערטער האָבען אויף איהר אַ שרעק געוואָרפען, און זי האָט מיט דרך־ארץ אויסגעהערט.

„איך גערים אמי אהובתי, מיט אחותי, און שרה'ן און גאָלדע'ן און יעקב, לאָז ער זיך גוט לערנען, איך האָב אַלע טעג... און שלאָף ביי ר' חיים'ען." האָט פּלוצים ר' יוחנן געלייענט.

טויבע האָט זיך געלאָזט בענוגענען מיט די פּאָאַר ווערטער. זי האָט צוגענומען דעם בריעף, איהם געלעגט אין קעשענע אריין און געגאַנגען מיט גרויס פרייד אין מארק אריין.

„אויף דער נאַכט," — האָט זי זיך געטראַכט — „וועל איך אַרונטער צום דין, לאָז ער לעזען דאָס בריוועל."

אויף דער נאַכט, ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי אויף גיך מיטאָג אָבגעקאָכט, געגעבען די קינדער עסען, און געלאָפען צום דין מיט'ן בריוועל.

זי איז אין שטוב אריין. לאַנגע פּאָליצעס מיט ספרים בעדעקען די וועגד, און אַ איד מיט אַ ווייסע באָרד זיצט אויבענאָן, און קוקט אין אַ ספר אריין.

— וואָס, אַ שאלה ? — פרעגט דער דין פון דערווייטען.

— ניין.

— וואָס דען ?

— אַ בריוועל פון מיין יצחק'לען.

דער דין האָט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען, זי אָנגעקוקט און האָט צוגענומען פון איהר דאָס בריוועל, און אָנגעהויבען לייענען, אין דער שטיל, פאַר זיך.

— וואויל, אויסגעצייכענט, גוט... דער קליינער פערשטעהט...— רעדט דער דין צו זיך.

טויבע'ן גיסען זיך טרעהרען פון די אויגען...

— וואָלט ער כאָטש געלעבט ! וואָלט ער כאָטש געלעבט !

— שחיטת חוץ... רמב"ם... תוספות איז גערעכט... — רעדט דער דין ווייטער צו זיך.

זי האָט אָנגעלעגט דעם וועג כדי עס זאָל איהר אויסקומען פאַרביי־נעהן דעם „בית עולם“.

ניט קיין היכער פאַרקען פון ברעטער האָט דעם בית עולם אַרומ־גערינגעלט און די מצבות האָבען זיך אַרויסגעוויזען און געקוקט אין הימעל אַריין.

זי איז צוגעגאַנגען און אַרויפגעקלעטערט אביסעל אויף דעם פאַרקען און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין „פעלד“ אַריין, און זי האָט צווישען די מצבות עפּעס מיט די אויגען געזוכט, און אַז זי האָט דערזעהן אַ בעקאַנטע קליינע מצבה, האָט זי מיט דעם קאָפּ אַהין געשאָקעלט:

— ברוך, ברוך! דיין זוהן יצחק'ל איז אין דער ישיבה געפאָהרען תורה לערנען.

באַלד אָבער האָט זי זיך דערמאָהנט אָן דעם מאַרק. יענטע האָט אודאי דאָס גאַנצע אויבס אָבגעקויפט! פאַר איהר וועט גאָר ניט איבערבלייבען, און זי האָט זיך אין שטאָדט געאיילט.

זי איז גיכער געגאַנגען, און זעהר צופריעדען מיט זיך געוועזען. עפּעס האָט זי געפיהלט, אַז זי האָט אַ גרויסע זאַך געטהאָן, און טראַכ־טענדיג דאָס, האָט זי פערגעסען אָן דעם עגמת־נפש פון דעם, וואָס יענטע האָט דאָס גאַנצע אויבס אָבגעקויפט.

---

אין צוויי וואָכען אַרום האָט זי פון יצחק'לען אַ בריוועלע ערהאַל־טען. אַליין לעזען קען זי ניט, איז זי אַוועקגעגאַנגען מיט דעם בריוועל צו ר' יוחנן מלמד, ער זאָל עס איהר איבערלייענען.

ר' יוחנן האָט די ברילען אָנגעטהאָן, גוט אָבגעהוסט און האָט אָנגעהויבען פון בריוועל אַרויסצולעזען:

„לאמי אהובתי הצנועה...

— וואָס איז דער טייטש? — האָט טויבע געפרעגט.

— אַ טיטעל איז דאָס צו דער מוטער, זאָגט ר' יוחנן און לייענט ווייטער.

טויבע'ס געזיכט איז ליכטיגער געוואָרען. זי האָט גענומען איהר פאַרטוך צו די אויגען און אָנגעהויבען וויינען.

ר' יוחנן האָט דאָס בעמערקט און געלייענט ווייטער לשון־קודש ווערטער.

געגאַנגען דעם מאַרק און דערזעהענדיג יענטע'ן, האָט זי אויף איהר געקוקט מיט שטאָלץ...

זיי זיינען אַרויס אונטער דעם שטעדטעל, אויף דעם וועג, און אָבגעוואַרט אַ געלעגענהייט נאָך לענטשיץ, אַז פון דאָרט זאָל יצחק'ל ווייטער פאָהרען קיין קוטנאַ.

דער הימעל איז געווען גרוי און קאַלט. דאָרט ווייט האָט ער זיך אויסגעמישט מיט דעם רויכערדיגען טהוי־וואָלקען וואָס האָט פון די פעלדער אויפ'ן הימעל אויפגעשטייגט, אָדער פון הימעל אויף די פעלדער אַראָבגענידערט און האָבען זיך איינאיינעם צוזאַמענגעגאָסען... און דער וועג האָט שטילשווייגענד ווייט זיך אַוועקגעצויגען.

זיי האָבען זיך ביידע ביים שלאָבען אַנידערגעשטעלט און געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט.

און די מוטער האָט אַרויסגעקראַצט אַ פּאָאַר פּערציגערס פון דער קעשענע און איהם איינגעבונדען אין העמד, אויפ'ן האַרץ.

באַלד איז אַ פוהר דורכגעפאָהרען פול מיט פאַרשוינען. זי האָט פאַר יצחק'לען אויסגעדונגען אַן אָרט פאַר פערציג גראָשען, און האָט דאָס קעסטעל אויף דעם וואָגען אַרויפגעלעגט.

— פאָהר געזונדערהייט ! פערגעס ניט אָן דער מאַמען ! — האָט זי וויינענדיג אויסגערעדט.

יצחק'ל האָט געשוויגען.

זי האָט געוואָלט איהר קינד קושען, נור זי האָט געוואוסט אַז דאָס פּאַסט ניט פאַר אַ דערוואַקסען אינגעל, און האָט זיך איינגעהאַלטען.

יצחק'ל איז אַרויף אויף דער פוהר. די פּאַסאַזשירען האָבען פאַר איהם צווישען זיך אַן אָרט געמאַכט.

— בלייב געזונד, מאַמע. — האָט ער געזאָגט, ווען די פוהר האָט זיך פון אָרט גערירט.

— פאָהר געזונדערהייט, מיין קינד ! זייז און לערען דאָרט און פערגעס ניט אָן דער מאַמען — האָט טויבע דער פוהר נאָכגעשריען.

די פוהר האָט זיך וואָס אַמאָל דערווייטערט אַרויף אויף דעם באַרג, וואָס האָט זיך געזעהען פון דערווייטענס.

טויבע איז נאָך אַליין געשטאַנען און נאָכגעקוקט דער פוהר. ווען די פוהר איז פון דערווייטען אין קאָרזש פערלוירען געוואָרען, האָט זיך טויבע אומגעדרעהט און צוריק אין דער שטאָדט אַריין.

קלערט, און עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי זיצט ביי איהר זוהן; ער איז אַ רב אין אַ גרויסער שטאָדט. אָט זיצט ער אָנגעטהאָן אין שיך און זאָקען, אַ גרויס שטריימעל אויף דעם קאָפּ און האַלט אַ גראָב ספר אין דער האַנד און קוקט אריין. זי זיצט ביי זיין רעכט האַנד און שטריקט אַ זאָק. די טהיר עפענט זיך, עס קומט אריין יענטע מיט אַ טעלעריל אין דער האַנד פרעגען איהר זוהן אַ שאלה.

אַ קונה האָט זי אויפגעוועקט פון איהרע זיסע געדאַנקען.

גאַנצע נעכט איז טויבע געזעסען ביי דעם טישעל און ביי דער שיין פון דעם קליינעם פעררויכערטען לעמפּעל האָט זי צורעכט געמאַכט די העמדער פאַר יצחק'ל אין וועג אריין; ביי יעדען שטאָך האָט זי געקלערט, אַז זי נעהט עס פאַר יצחק'לען, ער וועט אוועקפאָהרען אין דער ישיבה אריין, זיצען און לערנען און אַלע פרייטאָג אָנטהון אַ העמד, וואָס די מאַמע האָט פאַר איהם צורעכט געמאַכט.

יצחק'ל איז שטענדיג געזעסען אויף דער צווייטער זייט טיש און האָט אין אַ ספר'ל אריינגעקוקט. די מוטער האָט איהם געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר זי האָט ניט געוואוסט וואָס...

---

טויבע מיט יצחק'לען זיינען פאַרטאָג אויפגעשטאַנען.

יצחק'ל האָט געקושט די ברידערלעך אין שלאָף. די פערשלאָפענע שוועסטערלעך האָט ער געזאָגט בלויז: „בלייבט געזונד". איין שוועס־טער'ל, גאָלדע, האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבען צו וויינען, אַז זי וויל אויך מיטגעהן בעגלייטען דעם ברודער. די מוטער האָט זי אין דער שטיל איינגענומען, און טראָגענדיג יצחק'לס קעסטעל זיינען זיי ביידע פון דער שטוב אַרוים.

די גאַס האָט נאָך געשלאָפען, די לאָדען זיינען נאָך געווען פער־מאַכט, פון אונטער דעם שפּיץ פון דער קירכע האָט דער מאָרגענשטערען אַפּירגעשיינט און קאַלט בעגילדעט די קאַלטע פריהמאָרגענדיגע ראָסע וואָס איז געלעגען איבער די דעכער; און איבער דעם שטעדטעל און גאַס האָט גערוהט אַ שטילקייט. — נאָר אין מיטען מאַרק איז אַ פויערשע פוהר געשטאַנען מיט אויבס, אַרום די פוהר — ווייבער, און פון דערווייטען האָט זיך געהערט יענטע'ס קול:

— פינף גילדען מיט צעהן גראָשען, דאָס גאַנצע אויבס נעהם איך.

און טויבע, נאָכטראָגענדיג יצחק'לען דאָס קעסטעל, איז דורכ־

טויבע הערענדיג, אז איהר יצחק'ל וויל זי איבערלאָזען, איז זי שטאַרק דערשראָקען געוואָרען, נור די ווערטער „דין", „ראש הישיבה", „מקרב זיין" — די הויכע לשון קודש ווערטער וואָס זי האָט ניט פערשטאַנען, האָבען געוואָרפען אויף איהר עפּעס אַן אימה און זי האָט געפיהלט, אַז זי דאַרף דרך־ארץ האָבען.. באַלד האָבען זי די ווערטער בערוהיגט: יצחק'ל האַלט זיך מיט איהר אַן עצה, מיט איהר, זיין מאַמע...

— מילא, אז דער דין הייסט, האָט זי אָבגעענטפערט מיט אַ פרומע מינע.

— יאָ, — זאָגט ווייטער יצחק'ל, דאָרט לערנט מען „שעור" מיט אַלע מפרשים. ר' חיים, דער מחבר פון „אור תורה", איז אַ למדן מופלג, דאָרט קען מען אויסוואַקסען אַ לייט.

די ווערטער האָבען זי אין גאַנצען בערוהיגט, זי האָט זיך געפיהלט עפּעס גליקליך, עפּעס דערהויבט. דאָס איז איהר קינד — זי איז די מאַמע פון אזאַ קינד, און ווען ניט זי, וואָלט דאָך יצחק'ל ניט געוועזען... נאָר דאָס הארץ האָט איהר געריסען און זי איז טרויעריג געוואָרען...

דערנאָך האָט זי זיך דערמאָהנט אָן איהר מאַן און איז אַרויס מיט אַ געוויין:

— וואָלט ער כאָטש געלעבט, וואָלט ער כאָטש דעם נחת דערלעבט. — האָט זי געזיפצט.

יצחק'ל האָט אין ספר אריינגעקוקט.

דאָס וואָס יצחק'ל קלויבט זיך אוועקפאָהרען, האָט זי ביי נאַכט ניט געלאָזט שלאָפען, דאָס הארץ האָט איהר געריסען.

און ביינאַכט ליעגענדיג אויף איהר געלעגער, האָט זיך איהר געחלום'ט, ווי עפּעס גרויסע רבנים מיט טיעפע שטריימלעך און לאַנגע פאות קומען אָן, און נעהמען פון איהר איהר יצחק'ל אוועק. איהר יצחק'ל טראָגט אויך אַ שטריימעל מיט לאַנגע פאות און האַלט אַ גראָב ספר אין האַנד, און ער געהט ווייט אוועק מיט די רבנים. זי שטעהט און קוקט נאָך און זי ווייסט אַליין ניט, אויב זי זאָל זיך פרעהען, אָדער וויינען גאָר..

אין דער פריה האָט זי זיך שפּעט אויפגעכאַפּט, יצחק'ל איז שוין ניט געוועזען. זי האָט אויף גיך די קינדער אָבגעפערטיגט און געאײלט זיך אין מאַרק אריין, און זיצענדיג ביי איהר שטעל האָט זי זיך פער־

באלד האָט זיך די טהיר געעפענט, און יצחק׳ל איז אריינגעקומען.

יצחק׳ל איז א אינגעל פון א יאָהר פערצעהן, הויך און דאַר, זיין ווייס פּנים שיינט ברוגז׳דיג ארוים פון דער שווארצער קאפּאָטקעלע און פון דעם שווארצען היטעל.

— גוטען אָווענד, האָט ער שטיל געזאָגט.

די מוטער האָט איהם אָבגעטרעטען איהר אָרט. אין הארץ האָט זי געפיהלט, אז זי דארף פאר איהר קינד דרך־ארץ האָבען, ניט וויסענ־דיג אליין פארוואָס, און באלד האָט זיך איהר געדאכט, אז זי מיט איהר אָרעמקייט זיינען פאר איהר יצחק׳ל אן אומגליק.

ער האָט זיך אָנידערגעזעצט און ארויסגענומען פון דעם ספרים־שאפקעלע א ספר און אריינגעקוקט.

די מוטער האָט ארויסגעדרעהט דאָס קנויטעל פון לעמפעל, אויס־געווישט מיט דעם פארטוך דאָס גלעזעל און דאָס לעמפעל צו איהם נעהענטער צוגערוקט.

— וועסט טרינקען א גלאָז טהעע, יצחק׳ל? — פרעגט איהם די מוטער אין דער שטיל, ווענלענדיג איהר קינד מיט עפּעס דיענען.

— ניין, איך האָב ערשט געטרונקען.

— אפשר אן עפּעלע?

ער האָט געשוויגען.

די מוטער האָט ריין געמאכט א טעלעריל, ארויפגעלעגט א פּאאר עפּעלעך מיט א מעסער און אנידערגעשטעלט אויף דעם טיש נעבען איהם.

ער האָט זיך בנעימות׳דיג, ווי א גרויסער, אָבגעשיילט אן עפּעלע, הויך א ברכה געמאכט און געגעסען.

ווען יצחק׳ל האָט געגעסען דאָס עפּעלע, האָט טויבע זיך צו איהם מעהר מאמע׳דיגער געפיהלט און האָט זיך נעהנטער צוגערוקט צו איהם.

און אָבשיילענדיג בנעימות׳דיג דאָס צווייטע עפּעלע, האָט יצחק׳ל נאָך ליעבליכער גערעדט:

— איך האָב היינט מיט דעם דין געשמועסט וועגען דער נסיעה, דאָ אין היגען בית־המדרש איז נישטאָ וואָס צו טהון, נישטאָ דאָ ביי וועמען צו לערנען, און וואו צו לערנען. ער האָט מיר אן עצה געגעבען נאָך מאקעווע אין דער ישיבה צו פאָהרען, ער וועט מיר מיטגעבען א בריעף צו ר׳ חיים דעם ראש הישיבה, ער זאָל מיך מקרב זיין.

גוטען קאָפּ האָבען זיי איהם אריינגעגעבען אין בית־המדרש, געשאפּט איהם טעג אין די רייכע הייזער, און איהם אװעקגעגעבען לערנען.

טויבע זעהענדיג, אז יצחק׳ל עסט ביי די נגידים, האָט עס איהר אין הארצען הנאה געטהאָן: נעבעך א שוואַך קינד, וואָס קען זי איהם געבען עסען? דאָרט, ביי די נגידים האָט ער פון אַלעם בעסטען. דאָך אָבער אין דער שטיל האָט זי דערפון עגמת־נפש געהאט, וואָס יצחק׳ל עסט אין פרעמדע רייכע הייזער. זי האָט אליין ניט געוואוסט, אויב מען האָט איהר מיט דעם א טובה געטהאָן אָדער א רעה...

איינמאָל אזוי זיצענדיג פאַר איהר „שטעל“, זעהט זי ווי איהר יצחק׳ל געהט ארויס פון דעם שול־געסעל מיט דעם תפילין־זעקעל אונטער דער אָרעם און געהט גלייך אין זונדעל דעם גביר׳ס הויז אריין פרישטיק עסען, האָט עס איהר אין הארצען געשטאָכען. זי איז דענסטמאָל נאָך גוט געוועזן מיט יענטע׳ן, ווייל באַלד נאָך דעם מאַנ׳ס טוידט האָבען אַלע אויף איהר רחמנות געהאַט, האָט זי צו איהר געזאָגט:

— גלויבט מיר, יענטע, איך ווייס אליין נישט, זעהט, וואָס האָב איך דאכט זיך פּרעטענזיעס צו די בעלי־בתים, זיי האָבען דאָך גוטס געטהאָן מיט מיר און מיט מיין קינד: געשאפּט איהם עסען אין רייכע ערטער, בעהאַנדעלט איהם, זאָג איך אייך, ניט ווי ער וואָלט זיין א מארק־אידענעס א קינד, נור ווי א גביר׳ס, דאָך יעדעס מאָל ווען איך גיב די קינדער מיטאָג, פערגעס איך און שטעל אנידער א טעלער פאַר מיין יצחק׳ל אויך, און אז איך דערמאָן מיך אז ער עסט ניט ביי מיר, וויין איך פשוט ווי א קליין קינד.

— געהט, איהר זייט א נאַרישע אידענע, — ענטפערט איהר יענטע אָב — וואָס דען, ביי אייך וואָלט ער א ליט געוואָרען. וואָס קען נעבעך אַן אָרימאַן א קינד געבען צו עסען? מישטיינס געזאָגט

— איהר זייט גערעכט, יענטע, — זאָגט טויבע, — אָבער דאָך, ווען איך צוטהייל דעם מיטאָג, שניידט מיר אין האַרץ.

און איצט זיצענדיג ביי דער קיך, אָבקאָכען עסען פאַר די קינדער, האָט די אידענע דאָס זעלבע געקלערט. עפּעס האָט זיך איהר געדאכט, אז מען רויבט ביי איהר יצחק׳לען אַוועק.

ווען די קינדער האָבען אָבגעגעסען און זיך שלאָפען געלעגט, האָט זי דאָס לעמפּעל אויף דעם טיש אנידערגעשטעלט, און גענומען פאַר־ריכטען א העמד פאַר יצחק׳לען.

קינדער ארומגעשטעלט נעבען טויבע׳ן און ניט אויפגעהערט צו שרייען „מאמע“. איין קינד׳ס קול איז געווען א וויינענדיגער: „וואו ביזט דו דאס געווען א גאנצען טאג?“ א צווייטענס קול איז געווען א פרעה־ליכער: „ווי גוט איז מאמע, אז דו ביזט געקומען“. און די אלע קולות האבען זיך אין איינעם אויסגעמישט.

— שווייגט! לאזט מיך כאטש דעם אטהעם כאפען, שרייט די אידענע אניעדערשטעלענדיג די קוישלעך.

זי איז צו צום קוימען, עפעס געזוכט, און באלד איז דאס קליינע שטיבעל פון א קליין פעררויכערט לעמפעל בעלויכטען געווארען.

דער שוואכער שיין האט נור בעלויכטען דאס ארט ארום דער קיך וואו טויבע איז געשטאנען און דארטען צוויי העלצלעך אונטערגעהייצט; בעלויכטען אן אלט־פערשטויבטע מאשין וואס איז געשטאנען נעבען א בעט (א סימן פון א געוועזענעם שניידער), און א האלב בעט וואס איז קעגענאיבער דעם לעמפעל געשטאנען. אויף דעם בעט איז געווען אויסגעשפרייט שטרוי, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען פערשיעדענע אויבס, און זייער ריח האט זיך געטראגען איבער דער שטוב, דאס איבריגע טהייל שטיבעל מיט די בעטען זיינען פערלוירען געווארען אין דעם שאטען.

ערשט אנדערטהאלבען יאהר ווי איהר מאן, לייזער שניידער, איז געשטארבען. נאך ביי זיין לעבען, צום סוף ווען דער הוסט האט זיך איהם געשטארקט און ער האט ניט געקענט זיין ווייב און קינדער מפרנס זיין, האט זיך טויבע אוועקגעלאזט עפעס צו פערדיענען, און וואס מעהר די קרענק האט זיך געשטארקט, האט זי געמוזט מעהר הארעווען, און אז זי איז געווארען אן אלמנה, איז זי שוין געוועהנט געווען צו ארבייטען פאר׳ן גאנצען הויזגעזינד.

דאס עלטסטע אינגעל, יצחק׳ל, האט געהאט א גוט קעפעל, ער איז געווען דער איינציגער טרייסט אין לייזער שניידער׳ס פינסטערען לעבען, און ליעגענדיג אויף דעם טויטען־בעט האט ער זיך געטרייסט, ער לאזט כאטש איבער א גוטען קדיש נאך זיך.

ווען לייזער איז געשטארבען, האבען די בעלי־בתים רחמנות געהאט אויף דער וויסטער אלמנה, צוזאמענגעמאכט א פאאר רובעל, אז זי זאל האבען מיט וואס צו האנדלען. און זעהענדיג אז יצחק׳ל האט א

יצחק׳ל שפּאַרט זיך מיט נעחע׳ס קינדער אין לערנען. זיי קענען עפּעס דען? זיי קומען עפּעס צו זיין פאַדעשווע? „ער וועט זיך פערשעמען", האָט זי זיך געשראָקען, „ווען ער וועט מיך דאָ טרעפען מיט דער הוהן אין דער האַנד"... „זיין מאַמע איז אַ מאַרק־אידענע, אַ שעהנער יחוס"... און דאָך האָט זי די קיך ניט פערלאָזט. „אַ קינד ניט קיין גראָשען אָב־געקאָסט, און וויפיעל קאָסטען נעחע׳ס קינדער אָב?" וואָלט זי היינט געהאַט וואָס איהר יצחק׳ל וואָלט געדאַרפט אָבקאָסטען, וואָלט זי דאָך אַ נגידה׳סטע געווען... און איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט צו זיין קול.

„אוי! ע ר האָט בעדאַרפט לעבען, און זעהן יצחק׳לען, ער וואָלט דאָך באַלד געזונד געוואָרען."

באַלד האָט זיך געעפענט די טהיר, עס האָבען זיך בעוויזען נעחע׳ס בחורים׳לעך, אין דערמיט איהר יצחק׳ל, די בעקלעך האָבען איהם געפלאַמט.

— גוט מאָרגען! — האָט ער שוואַך ארויסגערעדט, און באַלד דורך די טהיר אַרויס. זי האָט געוואוסט, זי האָט איהם עגמת נפש אָנגעטהאָן, ער איז פערשעמט געוואָרען פאַר זיי, פאַר נעחע׳ס בחורים׳לעך.

און זי פיהלט אין האַרץ: איהר קינד, איהר יצחק׳ל, איהר מילך געזויגען, וואָס פאַר אַ געשעפטען האָט נעחע צו איהם; און אויסגיסענדיג איהר ביטער האַרץ אויף יענטע׳ס קאָפּ, אויך פאַר דאָס וואָס איהר זוהן האָט גאָר נישט אָבגעקאָסט און קען בעסער פאַר נעחע׳ס בחורים׳לעך, האָט זי הויך מיט אַ קול געשאָלטען:

— רבונו של עולם, דו זאָלסט זיך מיין קריוודע אָננעהמען, דו זאָלסט איהר דערפאַר בעצאָהלען, זי זאָל די היינטיגע נאַכט ניט איבער־לעבען!

די פערבייגעהער זעהענדיג ווי אַ אידענע געהט אַליין און שילט, האָבען געלאַכט.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט, און פינסטער איז אין שטעדטעל געוואָרען.

טויבע איז מיט די קוישעלעך אַהיים געגאַנגען, האָט זיי אַרויפ־געשלעפּט אויף די טרעפּ פון איהר הויז און געעפענט די טהיר.

— די מאַמע, די מאַמע! — זיינען איהר קולות אַנטקעגען געקומען. די שטוב איז געווען רויכיג, אין מיטען דער שטוב האָבען זיך די

יענטע'ס שטעכעדיגע ווערטער קען איהר פון זינען ניט ארויס. מילא, דאס וואס זי זאגט: איבער איהר איז דער מאן געשטארבען, ארט עס איהר ניט; אלע ווייסען וואס זי האט אוועקגעארבייט ביי איהר מאן'ס קריינק, נאר וואס זי זאגט, אז איהר יצחק'ל שעמט זיך מיט איהר, דאס קרענקט איהר ביז אין ריפ. טאקע, דאכט זיך איהר, אז ער קומט אהיים אויף דער נאכט נעכטיגען, וויל ער ביי איהר קיין זאך ניט פערזוכען...

און קלערענדיג דאס, האט זי אנגעהויבען שילטען יענטע'ן.

— ניט דערלעבען זאל זי דאס, רבונו של עולם! טאטע איינער!

עפעס האט זיך איהר געדאכט, אז דאס וואס זי מיינט, אז יצחק'ל שעמט זיך מיט איהר, האט זי קיינעם ניט צו פערדאנקען נאר יענטע'ן, אלץ האט זי, די מכשפה'טע אנגעמאכט.

— מיין קינד, מיין יצחק'ל, וואס פאר א געשעפטען האט איהר צו איהם? ! — און זי איז ארוים מיט א קול:

— רבונו של עולם, דו זאלסט זיך אננעהמען מיין קריוודע, ביזט דאך א טאטע פאר יתומים, דו זאלסט עס איהר ניט שווייגען.

— ווענען איז דאס? וועמען שילט איהר אזוי, טויבע? —האט זיך צו איהר אנגערופען נעחע די נגידית'טע, וואס איז געשטאנען אין טהיר פון איהר שניט־קראם, און האט געהערט ווי טויבע שילט אזוי צו זיך אליין, אהיים געהענדיג.

— וועמען דען, בעל־הבית'טע, אז ניט די חצופה, די ימח־שמה'ניצע? — האט זי אויסגערופען ווייזענדיג מיט דעם פינגער אין מארק אריין, און ניט אפילו דעם קאפ אויפהויבענדיג צו זעהן ווער עס רעדט צו איהר, איז זי זיך ווייטער געגאנגען.

און טויבע, ווייטער געהענדיג, האט זיך דערמאנט, אז היינט איז דער פריה, ווען זי איז צו נעחע'ן מיט א הוהן אין קיך אריין, האט זי פון דער צווייטער שטוב געהערט יצחק'לס קול ווי ער שפארט זיך מיט נעחע'ס בחורים'לעך אין לערנען, זי האט געוואוסט, אז מיטוואך עסט איהר יצחק'ל ביי נעחע'ן, און טאקע מיט א כיון אהין צוגעגאנגען מיט דער הוהן, כדי איהר יצחק'ל זאל א גוטע יויך האבען, ער איז דאך, נעבעך, אזוי שוואך.

און הערענדיג פון דער צווייטער שטוב איהר זוהנ'ס קול, האט זי טאקע די קיך געוואלט פערלאזען, נאר דאך איז זי ניט אוועק, איהר

איז לײדיג געשטאַנען, האָט דערװײל זי אָנגעשאָלטען מיט טויטע קללות.

— װאָס טויג מיר דײן געלד, פּריצ׳טע! װעסט שטאַרבען און אַפילו אַ הונד װעט נאָך דיר קײן קדיש ניט זאָגען... — האָט די אידענע געשריען.

טויבע האָט דערמיט איהר שכנ׳טע געװאָלט געבען אָנצוהערען פון איהר זוהן יצחק׳ל, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פּאַסט ניט זיך אַלײן צו ריהמען, איז זי אין מיטען רײדען שטיל געװאָרען.

יענטע, אָבמעסטענדיג די קונה׳טע אַ קװאָרט באַרען, האָט איהר אָבגעענטפערט:

— אודאי, װען דו װאָלסט אַ שטיקעל לײט געװען, װאָלט דאָך דײן מאַן איבער דיר ניט געשטאָרבען, און דײן קינד װאָלט זיך דאָך מיט דיר ניט געשעמט. ער שעמט זיך דאָך מיט דיר.

טויבע איז געװאָרען אין כעס און אַרויס מיט אַ קול:

— חצופה! מײן קינד שעמט זיך מיט מיר! אַ כפּרה מעגסטו זײן פאַר זײן מינדסטען נאָגעל, ביזט אַפילו ניט װערטה מײן קינד׳ס נאָמען צו דערמאָנען.

זי האָט געװאָלט אַרויס מיט אַ געװײן, װאָס מען זאָגט, אַז איבער איהר איז איהר מאַן געשטאָרבען, און איהר קינד, איהר יצחק׳ל שעמט זיך מיט איהר, נאָר ניט צו דערפרעהען יענטע׳ן מיט איהרע טרעהרען, האָט זי זיך מיט אַלע קרעפטען אײנגעהאַלטען ניט צו װײנען.

די זונן האָט זיך װאָס אַמאָל מעהר אַרונטערגעלאָזט אונטער יענער זײט שטעדטעל. אידען האָבען זיך געאײלט איבער דעם מאַרק און אַלע זײנען אַװעק אין דער בית־המדרש געסעל מנחה דאַװנען. בײ דעם ברונעם, אין מיטען מאַרק, האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאַמענקלײבען חדר־אינגלעך, װאָס זײנען ערשט פרײ פון דעם חדר געגאַנגען.

טויבע האָט צוזאַמענגענומען איהרע פּאָאר קױשלעך אויף די הענד (די טהיר מיט די שטוהלען האָט זי אין מאַרק געלאָזט: עס װעט קײנער ניט גנב׳ענען), און איבערלאָזענדיג די גראָבע יענטע אַ פּאָאר קללות, איז זי שטיל פון דעם מאַרק אַװעק.

װען זי איז זיך מיט די קױשלעך אויף די הענד אַלײן אַהײם גענאַנגען האָט זי װעגען איהר יצחק׳ל געקלערט.

# אויף אַ מאַמע

(געווידמעט מאַטילדען.)

---

פיער־עקעדיג איז דער מארק, ארומגערינגעלט פון אלע פיער זייטען מיט ניעדריגע, קליינע אָבגעווייסטע הייזלעך. פון דעם איינ־שטאָקיגען הויז, וואָס שטעהט קעגענאיבער דעם ברונעם, דאָרט וואו דער בעקער וואוינט, געהט פון דעם קוימען א געדיכטער רויך ארויס און ער צולעגט זיך הארט איבער דעם מארק. אונטער דעם רויך פליהען ווייסע טויבען אהין און צוריק, און א הויכער יונג שטעהט ביי דעם איינ־שטאָקיגען הויז און פייפט אויף די טויבען.

קעגענאיבער דעם ברונעם שטעהען „שטעלען", טהירען אויפגע־לעגט אויף צוויי שטוהלען, אויף די טהירען ליעגען פערשיעדענע פרוכ־טען און גרינס, און ווייבער מיט אָבגעברענטע מיעדע פנים'ער, ארומ־געוויקעלט מיט טיכלעך אין די גרעסטע היצען, שטעהען פאר די „שטעלען" און קריעגען זיך.

— אודאי, עס לוינט זיך מיר באלד מיט אזא שנאָררין צו קריעגען, פערמאָגסט מיין מיסט? דו שלעפערקע.

יענטע, א אידענע פון א יאָהר עטליכע־און־פערציג,—וואָס פון איה־רע ליפען האָבען די ווערטער זיך געלאָזט הערען, — טראָגט א ברייטען שמוציגען פאַרטוך, און איהר דיק אָבגעברענט פנים, וואָס קוקט רוהיג ארויס פון אונטער דער טיכעל, האָט מסכים געווען אויף איהרע ווערטער.

— וואָס מיינסטו, האָסט שוין גאָט פאר'ן באָרד געכאפט? ער געהערט מיר אזוי גוט ווי דיר אָן — האָט איהר טויבע אָבגעענטפערט, אראָברוקענדיג דאָס טיכעל איבער די האַלבע אויערען און מיט כעס זיך די האָאר ארונטערגעשארט.

א קונה'טע איז צוגעקומען צו יענטע'ס „שטעל". און טויבע, וואָס

שטוב האָט אַלעס מיט שבת געשמעקט. דער שניידער איז פון דער חברה אַהיים געקומען, צום טיש זיך געזעצט און געגאַנגען קידוש מאַכען.

אין אַ ווינקעל זיצט דער זעלנער, ביים זעלנערישען ראַנעץ, און פּאַקט זיך איבער די זאַכען: אַ פּאָאַר שטיוועל, הויזען, העמדער... נאָדעל מיט פאָדעם. דערנאָך נעהמט ער זיך אַרויס דאָס ראַזעוואַנע ברויט, נעהמט אַ טעפּעל וואַסער און הויבט זיך אָן צו עסען.

די אַלטע זיצען ביים טיש און עסען די שבת׳דיגע פיש מיט די שבת׳דיגע חלה. אַלץ איז אין דער שטוב שבת׳דיג, נור דאָרט אין ווינ־קעל זיצט עפּעס דער וואָכעדיגער זעלנער, מיט דעם וואָכעדיגען זעלנע־רישען ברויט. די אידענע אַרט דאָס זעלנערישע ברויט; עפּעס אַ שמיק וואָכעדיגעס אין שבת׳דיגען — שניידט זי אָב אַ „מוציא“ חלה און איז איהם מכבד: לאָז דער זעלנער אויך טועם זיין פון דער שבת׳דיגער חלה.

דער זעלנער נעהמט עס צו גלייכגילטיג, און עסט זיך די חלה מיט דער זעלבער גלייכגילטיגער מינע.

אָבגעגעסען, אָבגעבענשט, רוימט די אידענע פון טיש אַראָב. עס קומט אַריין אַ שכן מיט אַ שכנ׳טע, יואל שוסטער מיט׳ן ווייב, נאָך עפּעס אַ אידענע, מען זעצט זיך ביים טישעל. דאָס קליינע לעמפּעל לייכט זיך שבת׳דיג, די ליכט צאַנקען אין די לייכטער און דער חלב־ריח שמעקט און שטינקט אין דעם חדר. דער שוסטער הויבט אָן צו דערצעהלען אַ מעשה, מען האָרכט איהם אויס, שרה־רחל נעהמט אַרויס פון שירץ זוימען (סעמעטשקעס) און שיט עס אויס אויפ׳ן טיש, די געסט מכבד צו זיין. באַלד ווערט די פּאָדלאָגע פערפּלייצט אין שאָלעכץ. דער זעלנער זיצט אין ווינקעל, זעהט סעמעטשקעס אויפ׳ן טיש — שטעקט ער אויך די האַנד אַריין און נעהמט זיך גלייכגילטיג די סע־מעטשקעס, — ווי עפּעס אַ שמעק־טאַבאַק, ווען די טאַבאַק־פּושקעלע איז אָפען, — הויבט אָן מיטצוקנאַקען מיט די געסט, און פערשפּרייט שאָלעכץ מעהר פון זיי. דענסטמאָל איז דער שניידער מיט דעם זעלנער מעהר היימישער געוואָרען, געהט ער צו צום זעלנער און קלאַפּט איהם אויפ׳ן רוקען:

— נו, בודיעט וואָינאַ? — פרעגט ער דעם זעלנער.

— בודיעט, בודיעט — מאַכט דער זעלנער מיט דער האַנד, קנאַקענדיג די סעמעטשקעס מיט׳ן מויל.

פאַר לאַנגווייליגקייט הויבט ער זיך אויף, נעהמט פון דער שניידערינ'ס האַנד דאָס שטיק האַלץ, און צוהאַקט עס.

די שניידערין גיט איהם אַוועק, מיט אַ צוגעוואָרפענעם געבייזער, עס הייסט: ווילסט עס דוקא, נאַ דיר!

דער זעלנער נעהמט די האַק און צוהאַקט, וואו נור אַ שטיקעל האָלץ, וואָס עס געפינט זיך אין שטוב צוהאַקט ער — און זוכט נאָך — און די האַק איז ביי איהם נאָך גרייט אין דער האַנד נאָך צו האַקען.

אַז ער האָט דאָס האָלץ צוהאַקט, געהט די שניידערין און שניידט אָב אַ שטיק ברויט און דערלאַנגט איהם מיט דעם פאָריגען, צוגעוואָרפענעם געבייזער. אַז דער זעלנער האָט דאָס ברויט צוגענומען, נעהמט ער זיך דאָס קענדעל, און פרעגט ניט, אויב עס איז יאָ דאָ וואַסער, אויב ניט — געהט נאָך וואַסער, ברענגט און גיסט אָן אַלע כלים, אַלע טעפּ, אַלע שאַפען, אַזוי ווי ער וואָלט זיי געוואָלט בעזאָרגען מיט וואַסער אויפ'ן גאַנצען לעבען, און די האַנד האַלט נאָך דאָס קענדעל, און איז נאָך גרייט וואַסער צו ברענגען.

די שניידערין זאָגט צום שניידער פון הינטער'ן קוימען אַרויס, פון וואַנען זי איז בעשעפטיגט מיט'ן שבת מאַכען:

— ווייסט, גאָר ניט קיין שלעכטער זעלנער.

— איך האָב עס באַלד געוואוסט — ענטפערט איהר דער שניידער.

— ער האָט עס באַלד געוואוסט! — זאָגט די שניידערין מיט איראָניע.

אין דער שטוב, אָהן ווערטער, בעט מען זיך איבער איינער מיט'ן צווייטען, ביז דער זעלנער ווערט אין שטיבעל אַ גאַנצער היימישער...

פרייטאָג־צו־נאַכטס. די אידענע האָט אין איהר שטיבעל שבת געמאַכט, צוגערוימט, די וואָכעדיגע מאַשין הינטער'ן אויוון אַרונטער גערוקט און זי מיט אַ חלה־צוועלעכיל (טיישטוך) בעדעקט. איבער'ן ברייטען שניידערשען טיש אַ טיש־טוך פער־שפּרייט, חלות און מעשענע לייכטער אַרויפגעשטעלט.. דעם אויוון האָט די אידענע פרייטאָג־צו־נאַכטס ניט אונטערגעהייצט, אַז עס זאָל וואַרעם זיין אַ גאַנצען שבת. דער אויוון האָט געבריהט צוויי איילען פון דערווייטען, און הייס איז אין שטוב געווען, אַז פון די שויבען האָט אָנגעהויבען טראָפּענס צו קאַפּען, אין די טראָפּענס האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט די שבת־ליכט, וואָס האָבען געברענט אין אַ צווייטען פענסטער געגענאיבער. אין דער

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר, פּאַני זשענזע לעבען. זעה, א בראָך צו מיר, מיין מאַן, מיין ברויט־געבער, איז מיר ביי־נאַכט אוועקגעפּאַלען, וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען ? — ברעכט די אידענע די הענד.

— אוי, אוי, אוי ! — קרעכצט דער שניידער אונטער דער שווערער דעק.

— זשאַלקאָ, זשאַלקאָ, — ברומט זשענזע, דרעהענדיג זיך איין וואָנצע — אָט האָט מיך דער פּאַני נאַטשאַלניק געשיקט צו דיר, זאָלסט איהם קומען א מאָס נעהמען אויף א פראַק. ביזט קראַנק — מוז איך מיר געהן צו קאַבאַנסקען — זאָגט זשענזע, גרייטענדיג זיך ארויסצוגעהן.

— וואָס האָסטו מיך קראַנק געמאַכט ! א בייזע נאַכט אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ — זאָגט דער שניידער. — פּאַני זשענזע, פּאַני זשענזע! — רופט דער שניידער פון בעט ארויסקריכענדיג.

— זשיד מאַשעניק ! — רופט זשענזע לאַכענדיג — (צום זעלנער): דאָ איז דיין קוואַרטיר — און זשענזע איז שוין ניטאָ.

דער זעלנער נעהמט זיך קאַלטבלוטיג זיין פּאַק, טראָגט עס זיך אין א ווינקעל אריין, מאַכט זיך היימיש אין שטיבעל.

און ביים טיש קריעגט מען זיך איבער איהם — דער שניידער מיט דער שניידערין. זי שילט איהם אָן, פאר וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָבנארען, ער ענטפערט איהר מיט טויטע קללות — און דער זעלנער אין ווינקעל, ווי עס וואָלט גאָר ניט איבער איהם געווען — פּאַקט זיך אויס זיינע „וויעשצעס“, נעהמט זיך ארויס דאָס ראָזעוואַנע ברויט, צושניידט זיך צו שטיקלעך מיט דעם קליינעם, זעלנערישען מעסער׳ל — און דער זעלנערישער דזיעגעכטס־געשמאַק טראָגט זיך איבער דער שטוב, און נעהמט דאָס גאַנצע שטיבעל איין...

— ווי ער האָט זיך צולעגט, ווי ער האָט זיך צולעגט ! —ברומט די אידענע ביי דער קיך.

דער זעלנער טהוט זיך דאָס זייניגע.

— געה זאָג איהם, — רופט די אידענע, נעהמענדיג זיך האַלטן צו האַקען.

— געה זאָג דו איהם — רופט דער שניידער פון טישעל אהער.

דער זעלנער, זעהענדיג ווי די אידענע אַרבייט ביים שטיקעל האָלץ צוהאַקען, האָט זיין זעלנערישע נאַטור עס ניט געקענט ליידען — און

# דער זעלנער

(אַ בילד)

פרייטאג אין דער פריה, ווען שרה רחל די שניידערין איז ארויס מיט די חלות צו דער בעקערין, האָט זי דערזעהן, ווי דער מארק איז פול מיט זעלנער. ביי־נאכט איז עפּעס פון הימעל א חיל אראָבגעפאלען, מיט אזוי פיעל פּעקלעך, אין אזעלכע קרומע היטעלעך מיט ביקסען און שווערדען — און דער געזונדטער, געשמאקער ריח פון דזיעגאכטס געהט אויף און פילט אָן די גאס. זשענזע סטראזשניק שטעהט און טענה׳ט עפּעס מיט זיי, — האָט זי באלד פערשטאנען, אז דאָס מיינט מען די זעלנער אויף די קוואטירען איינצושטעלען — האָט זי זיך באלד געגעבען א דרעה אויס מיט די חלות און צוריק אין שטוב אריין.

— מענדעל! אין בעט אריין! — האָט די שניידערין געגעבען א געשריי.

— וואָס איז? — פרעגט דער ערשראָקענער מאַן.

— זעלנער זיינען געקומען, מען צושטעלט זיי אין די קווארטירען.

דער שניידער האָט זיך אויסגעטהאָן, ארונטערגעקראָכען אונטער די שווערע דעק, וואָס האָט אין זיך געהאט אלע פעדערען, פון די אלע געננ, וואָס די שניידערין פלעגט נור פון צייט נאָך איהר חתונה שעכטען. זי האָט דעם שניידער דעם קאָפּ מיט א טיכעל פערבונדען. און ער קרעכצט.

און זי אליין האָט זיך ביים בעט אביעדערגעשטעלט, און גענומען די הענד ברעכען:

— מיין מאַן, מיין ברויט־געבער!

עס האָט זיך אין דער טהיר געוויזען זשענזע סטראזשניק, הינטער איהם האָט זיך נאָכגעשלעפּט א זעלנער מיט א קעסטעלע.

— גוט מאָרגען, פּאַני קראַוועץ — גיט איהם אָב זשענזע דאָס זייניגע.

די מוהמע שרה האָט באַלד אויפגעשטעלט א פיין־קוכען, דער עולם האָט געגעסען.

נאָכ'ן עסען האָט זבולון מאיר ארויסגענומען א בראָנזלעטעל און עס איבערגעגעבען דבורה'ן, ניט ריידענדיג א וואָרט.

— א שעהנעם דאנק — האָט דבורה געענטפערט רויט ווערענדיג — ווערענדיג איהם ווייזען, אז כאָטש זי איז א קליין שטעדטעלדיגע, דאָך וויים זי ווי צווישען מענשען זיך אויפצופיהרען.

נאָכ'ן עסען איז זבולון מאיר מיט דבורה'ן ארוים אויף'ן גאַס שפּאַצירען.

— דער פעטער זכריה און דער פאָטער האָבען זיי נאָכגעקוקט.

— א יונג, א לייט! — זאָגט דער פעטער.

א גאַנצען וועג זיינען זיי געגאַנגען, ניט ריידענדיג א וואָרט איינער צום צווייטען.

די גאַנצע גאַס האָט אויף זיי געקוקט.

פּלוצים איז זבולון מאיר אָבגעשטעלט געוואָרען.

— וואָס מאַכסטו, גוטער ברודער? — זאָגט צו איהם לייב פּשאָ־רעק, אויסשטרעקענדיג א בעשמוצטע האַנד.

— איי, גאָר נישט, — האָט זבולון מאיר געענטפערט, רויט ווערענדיג, און איז ווייטער געגאַנגען.

— א רוח אין דיין טאַטען אריין, א גאַנצער שררה מיר געוואָרען, ער שעמט זיך שוין אויך — האָט לייביל איהם נאָכגעשריען, קוקענדיג ממזר'דיג מיט איין אויג.

די מוטער איז איהם ארויס אנטקעגען אין הויף, מיט א גרויסע גדולה. זבולון מאיר האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן: — קושען? ע, עס איז איהם עפעס ניט געווען צום הארצען.

און די באבע איז איהם אנטקעגען געגאנגען און זיך געהויישט די אויגען מיט דעם שירץ: — מיין קינד, מיין גאלדען איניקעל!

מען האט דעם גאסט אין שטוב אריינגעבראכט — דער קעלער איז געווען אויסגעווייסט ריין, גאר איהם ניט צו דערקענען, א ווייס פארהענגעל איז געהאנגען אויפ'ן פענסטער — און די פאדלאגע איז געווען מיט זאמד בעשיט, אין שטוב איז געווען א יום־טוב'דיגער ריח, פון בארשטש און מצות.

— לאז מען אויפשטעלען בראנפען — האט דער פאטער קאמאנדירט.

און זבולון מאיר האט זיך דאס היטעל ארויפגעשארט, ארויסגענומען פון קעשענע די מתנות און יעדען איינגעטהיילט.

די מוטער האלט די אויערינגלעך און בעקוקט זיי, קוקט אויפ'ן זוהן, די באבע קומט צו, בעקוקט זיי אויך — „ריין זילבער" — קרעכצט זי.

— וויפיעל האסטו בעצאהלט פאר די שמאכטעס? — פרעגט דער פאטער דעם זוהן, איינגיסענדיג בראנפען.

— א געשעפט האסטו, — ענטפערט זבולון מאיר מיט א טאן פון א נגיד — א דריי רובעל'דיגען.

---

דעם ערשטען טאג יום־טוב נאכ'ן עסען זיינען דער פאטער, די מוטער און זבולון מאיר אריבער צום פעטער זכריה.

געטראפען פונקט ביי דעם יום־טוב'דיגען קוגעל, די געסט האבען זיך אנידערגעזעצט — און זבולון מאיר האט געווארפען אייגען אויף דבורה'ן.

דבורה איז געזעסען, — א רויט מיידעל, אבגעוואשען און אויפגעקעמט. פון די האאר האבען נאך טראפען וואסער גערונען, און אנגעטהאן איז זי געווען אין א ניי גרין קלײדעל.

— דערצעהל אונז עפעס נייעס, זבולון מאיר — האט זיך דער פעטער אנגערופען.

— וואס פאר א נייעס — האט זבולון מאיר געענטפערט וואזשנע.

— דבורה, וואו איז דיין פיין־קוכען? — רופט זיך אן דער פאטער.

טען אויף יום־טוב. אזוי האָט ער צו ביסלעכווייז געקויפט אַ שירעם, אַ פּאָאר קאַלאָשען, אַ זיידען טיכעל, אַ פּאָאר אויערינגלעך: פאַר אַ מתנה, — און וואָס ער קויפט לעגט ער אַלץ אריין אין קעסטעל.

ער פאָהרט אין וועג, ער פייפט זיך צו, קוקט זיך ארום און קלערט: איך וועל אהיים קומען אין גאַנצען פּאַראַד, אַ נייעם קאָסטיום, אַ פּאָאר נייע שטיוועל — אויסגעציערט, ווי זונדעל'ס קינדער — געה איך מיר, אזוי נאָכ'ן עסען אין גאַס. אַלע קוקען — לאָזען זיי קוקען — און גאָר נישט.

באַלד דערמאָנט ער זיך אָן דבורה'ן, דעם פעטער זכריה'ס טאָכ־טער. אַ שעהן מיידעל, אַ בעל־בתיש קינד, פאַר איהר אויך עפּעס אַ מתנה... אַ פּאָאר אויערינגלעך, אַ בראָנזעלעט, געה איך מיט איהר שפּאַציערען, קוקען אַלע, קריגען די פּאָפּלעקציע — ווער איך מיר אַ חתן....

דאָ הערט ער אויף קלערען, ער האָט מורא, טאָמער וועט ער דער־מיט שאָדען — פייפט ער — גיט אַ שמייס די פערדלעך: נאָ! נאָ!

---

ערב פסח.

זבולון מאיר איז אהיים געקומען. אויסגעקליידט איז ער געווען פון קאָפּ ביז די פיס. אַ נייער קאָסטיום, מיט אַ נייעם פּאַלטאָ — אַ נייע היטעל און אַ פּאָאר נייע קאַמאַשען. די קעשענעס פול מיט מתנות פאַר אַלעמען. פאַר'ן קומען האָט ער נאָך אַ פּאָאר פונט פלייש און פיש געקויפט אויף יום־טוב.

אַנטקעגען איז איהם געגאַנגען דער פאָטער צו דער באַהן, — גענומען איהם דאָס נייע קעסטעל פון דער האַנד, און דער פאָטער איז מיט איהם געגאַנגען אהיים איבער דעם גרויסען מאַרק.

עס איז געווען אַ שעהנער זומער־טאָג — דאָך איז זבולון מאיר געגאַנגען מיט אַ פּאָאר קאַלאָשען און מיט אַ שירעם אין דער האַנד.

די גאַנצע גאַס האָט זיי נאָכגעקוקט.

— איי, זבולון מאיר, דער קויהלען־כאַפּער, איז גאָר אַ גאַנצער שררה געוואָרען, וואָס דאָס פרעמד מאַכט אַלץ! — זאָגען די ווייבער נאָכקוקענדיג זיי.

— וואָס דען? דאָ ביי אונז ווערען קינדער ליים! — ענטפערט אָב אַ אידענע — גנבים ציהט מען אויף, און ווייטער גאָר נישט.

— נו, שרייבט מען אמאל א בריוועל אהיים, בעריש שרייבט פון אמעריקא, אז ער פערדיענט 20 דאלאר א חודש, שיקט ער עפעס אויך. ברוך איז אוועק צו מיליטער, — שרייבט ער מיר, — איז א חורבן נאך די יאהרען.

— און די מאמע, וואס מאכט עפעס?

— אך, די מאמע, זי וואשט היינט שוין מאקע ניט. א ביסעל האט זי שוין קיין כח ניט צו דעם. א ביסעל לאז איך ניט. און אנשטאט איהר פערדיענסט שיקט א ביסעל בעריש פון אמעריקא.

— ווייסטו וואס, זבולון מאיר, — זאגט צו איהם דער פאטער, נאך א לאנגען זיפץ — קום אהיים אויף פסח. איך ווייס, עס געהט אזא חול־המועד, זאג איך דיר, איז דיר דבורה דעם פעטער'ס טאכטער אויסגעוואקסען, א רויז, זאג איך דיר, פאר וואס נישט? לאז די מאמע אויך א שטיקעל נחת האבען...

— ווייס איך, האב איך א זארג פאר א כלה, דארף איך זיי אויף טויזענד כפרות. נאר אויב דו ווילסט, קום איך — און ווייטער פטור.

דער טאטע מיט'ן זוהן האבען זיך שטארק געפרעהט — און עס איז געקומען ביים בעצאהלען, קריעגען זיי זיך.

— אוועק — שרייט דער פאטער, — דו סמארק איינער, איך בין א טאטע, ווילסטו בעצאהלען.

— ניין, טאטע, ניין — שרייט ער — אין לעבען זאל עס מיר נעהן...

און זבולון מאיר האט געקויפט א פאטשיילעביל פאר די מוטער, א שירץ פאר די באבע'ן. ער האט עס מיטגעגעבען מיט דעם פאטער און זיי האבען זיךביידע היים געזעגענט.

---

זבולון מאיר האט געוואלט אויף יום־טוב אהיים קומען ווי א לייט, זאלען זיי זעהן אין דער היים, אז מען איז עפעס א שטיקעל מענש.

און א גאנצען ווינטער האט ער וועגען דעם געקלערט, אין יעדען שטעדטעל, וואוהין ער איז געקומען, האט ער עפעס זיך געקויפט אויף פסח. דא א קראוואט, דא א פאאר קראגענס. פלעגט ער וואס קויפען, פלעגט ער דאס ברענגען ביי זיך אהיים, אין שטאל. דארט אויפ'ן בעט האט ער געהאט ליעגען זיין קעסטעל, און אין איהם פלעגט ער אלץ אריינלעגען איינגעוויקעלט נאך מיט דעם שטיקעל פאפיער — בעהאל־

.2

זבולון מאיר איז ביי נאָטע'ן שוין אַ גאַנצער פּריץ. ער קריגט צו עסען, צו טרינקען, אויף אַלע פּסח אַ זומערדיגען קאָסטיום מיט אַ פּאָאר קאַמאַשען, און אויף סכות אַ ווינטערדיגען קאָסטיום מיט אַ פּאָאר שטיוועל, מיט לאַנגע באַליאַוועס.

זבולון מאיר איז צופריעדען, דערהויפּט איז ער צופריעדען מיט זיין קניפּעל, וואָס ער מאַכט פון די פּאַסאַזשירען, וועלכע ער נעהמט אויף אויפ'ן וואָגען הינטער דער שטאָדט אָהן דעם בעל־הבית וויסען.

אין דעם שטעדטעל איז ער געוואָרען אַ גאַנצער היימישער, אַ וואוילער־יונג, אַלע שבת קומט ער זיך צוזאַמען מיט נאָך בחורים און דיענסט־מיידלעך, און מען טאַנצט, און מען לעבט.

ווער ווייסט, צי זבולון מאיר וואָלט נאָך אַמאָל געדענקט עפּעס פון דער היים, ווען עס מאַכט זיך ניט אַמאָל אַזאַ מעשה:

אַמאָל, ווען זבולון מאיר איז געווען אין ק. אויפ'ן יאַריד, געהט ער אַזוי אויפ'ן פּערד־מאַרק, בעקוקט זיך אַ שימעל פּאַר זיין אַלטען, גיט ער אַ קוק, זעהט ער, עס שטעהט עפּעס אַ איד און דינגט עפּעס וואָס ביי אַ פּויער.

געהט ער צו נעהנטער, קוקט, — דאַכט זיך, זיין טאַטע.

יאָ, אַזוי פּערעלטערט געוואָרען — די גאַנצע באָרד איז שוין וויים.

— גוט מאָרגען, טאַטע, וואָס מאַכסטו עפּעס?

דער פּאָטער קוקט זיך אום: זבולון מאיר!

— זבולון מאיר, וואו ביזטו? וואָס מאַכסטו? ווי קומסטו דאָ אַהער? שרייבסט גאָר קיין בריוועל ניט צום טאַטע'ן אַהיים? צו דער מאַמע'ן?

— וואָס מאַכט איהר? וואָס הערט מען? קום נאָר אין שענק אריין, דאָרט וועט מען זיך שוין וועגען אַליץ דורכשמועסען.

געהען זיי אין שענק אריין און זעצען זיך אַנידער ביי אַ טישעל.

— ביער, — שרייט דער פּאָטער; — אָקעוויט, שפּירט — שרייט זבולון מאיר.

— וואָס הערט מען ביי דיר? וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט די מאַמע? ביי מיר איז אַליץ גוט, געלויבט צו גאָט, זעהסט דאָך, איך בין נאָך ביי נאָטע'ן, אַ פּאָאר גילדען אויך דאָ.

איהם פון דאָרט מיט אַ שטיק האַלז אַרויסגעיאָגט. — ווענין האָב איך איך, בענקערטעס, אין דער היים, דאַרף איך אייך דאָ נאָך ביי דער אַרבייט, — האָט זי געשריען.

און ער, שטעהענדיג הינטער דער טהיר, האָט אַריינגעשריען אין קיך אַריין:

— מאַמע, בלייב געזונד, איך פאָהר אוועק.

די מוטער האָט געמיינט, אַז ער זאָגט דאָס זי צו רייצען, האָט זי איהם געענטפערט:

— פאָהר און צוברעך הענד און פיס.

שפּעטער, אַז די מוטער האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם פענסטער און געזעהען, ווי דער שניי דרעהט, האָט זי זיך עפּיס דערמאָהנט, און געקרעכצט:

— האָט'ש איהם אַ טיכעל מיטגעגעבען, אַזעלכע וועטער'ן.

---

אַרויספאָהרענדיג פון דער שטאָדט, וואַרפט זבולון מאיר אַ בליק אויף דאָס לעצטע הייזעל, וואָס שטעהט הינטער דער שטאָט — און גע־קוקט האָט ער, אַזוי ווי געוואָלט זאָגען: בלייב געזונד.

ביי נאַכט איז ער אַריינגעקומען אין שטעדטיל. נאָטע'ס ווייב האָט איהם עסען געגעבען — און געגאַנגען נעכטיגען איז ער אין שטאַל.

ליגענדיג אַזוי אין שטאַל אויף דער היי — האָט זבולון מאיר נישט געקענט איינשלאָפען — (אויף אַ נייַ געלעגער גלוסט זיך נישט צו שלאָ־פען). עפּיס האָט איהם דאָס האַרץ געקלעמט נישט וויסענדיג אַליין פאַר וואָס.

פון אַ שפּאַלט שיינט אַריין אַ בלאַסער שיין פון אַ נאַכט־לאָמ־טערנע. פּלוצים הויבט ער זיך אויף, געהט צו צו די פערד, ער דערלאַנגט אַ גלעט מיט דער האַנד איינ'ן פערד'ס האַלז. דאָס פערד הויבט אויף דעם קאָפּ, גיט זיך אַ שאָקעל און צוהירזשעט זיך אויף אַ קול — בר־ר־ר.

דערנאָך איז ער צוריק צו צום בינטעל היי — און מיט דעם געדאַנק, אַז גאַנץ לאַנג, גאַנץ לאַנג וועט איהם די שטאַל זיין פאַר אַ היים, און די פערד פאַר ברידער, האָט ער דאָס בינטעל היי צו זיין האַרץ צוגעדריקט און איז איינגעשלאָפען.

דער פאָטער זיינער איז אָבער שוין געוועהנט געוועז אָהן איהם, זבולון מאיר קען זיך זיין ברויט שוין אליין פערדיענען, האָט ער איהם ווייטער אין גאס געשיקט, נאָר אויף דער נאכט, ווען די מוטער איז אהיים געקומען און האָט איהם געפונען ליגען אין פאָרהויז און וויינען — האָט זי איהם אין שטוב אריינגענומען, אויסגעבעט איהם ביים אויווען, און געגעבען איהם עסען.

א גאַנצע נאכט האָט זי זיך מיט דעם מאַן געקריעגט איבער איהם.

זבולון מאיר אָבער האָט שוין ניט געקענט אריבערטראָגען דאָס אונטערטהעניגקייט... מען דארף זיך איבער איהם קריעגען... ניין, האָט ער ביי זיך בעשטימט.

אויף מאָרגען איז זבולון מאיר אראָב אין שנעע צו דער באהן. דערזעהענדיג נאָטע'ן, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם.

— ר' נאָטע — האָט ער אָנגעהויבען — נעהמט מיך מיט אין אייער שטעהטעל בחינם, נור בלויז פאר עסען און נאכטלעגער.

— איך וויים ניט, אויב דו ביזט עס ווערטה, — האָט נאָטע איהם געענטפערט.

זבולון מאיר האָט אויף איהם געקוקט.

— נאָר איך וויים — האָט אויסגעלאָזט נאָטע —קראצענדיג זיך אין קאָפּ, — איך וועל פּרואווען, פאָהר מיט.

זבולון מאיר האָט איהם גאָר נישט געענטפערט, נאָר געקוקט אויף איהם. געקוקט אויף די פערד און געשמייכעלט.

פאר'ן אוועקפאָהרען איז ער אריין אין קעלער זיך געזעגענען.

קומט ער אריין און געפינט קיינעם ניט און אויף א צוואָק, אויפ'ן וואנד, העננט א פּאָאר שטיוועל.

זבולון מאיר קלערט עפּעס, און מיט הארצקלאפּונג כאפּט ער די שטיוועל און לויפט ארויס, מיטנעהמענדיג מיט זיך אויך דאָס אָנגע־הויבענע ברויט, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש.

אין דער טהיר האָט ער געטראָפען די באָבע'ן, יענע האָט עפּעס פערשטאַנען און אָנגעהויבען שרייען. נאָר זבולון מאיר איז שוין לאַנג ניט געווען.

אויפ'ן וועג איז ער אריין אין זונדעל דעם גביר'ס קיך, וואו די מאַמע זיינע וואַשט דאָרט. נאָר דערזעהענדיג איהם, האָט די מוטער

די פערד — האָט זיך זבולון מאיר'ן דורכאויס פערגלוסט צו ווערען א שמייסער.

„א שמייסער — טראַכט ער ביי זיך — איז עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך. איך פאָהר מיר, מען כאַפּט אַ פאַרשווינדעל אונטערוועגס, מען פערדיענט א פערציגער, א צוויי גילדענעם אָהן בעל־הבית וויסען — עס איז גאָר אַן אַנדער לעבען.“

ווי אזוי אָבער?

און זבולון מאיר כאַפּט זיך דערווייל צו צו נאָטע זשאַבלינער'ס וואָגען. גלייך ווי נאָטע קומט נור צופאָהרען, זבולון מאיר איז שוין דאָ, העלפט די פערד אויסשפּאַנען, לויפט נאָך אַן עמער וואַסער, נאָך א בינטעל היי, שיט אָן פּאַר די פערד האָבער און ליעגט אויפ'ן וואָגען ביז צו דעם צווייטען צוג.

די שמייסערס ווייסען זיין מיין, פּרואווען זיי איהם פערזיאָגען מיט דער בייטש. עס העלפט אָבער גאָר נישט, זבולון מאיר נעהמט אַלעס צוליעב.

נאָטע פלעגט איהם דערפאַר ערלויבען מיט די פערד געהן צום וואַסער, באָדען זיי, אַמאָל איהם לאָזען אליין צו דער באַהן אראָבפאָהרען...

אָבער ניט דאָס מיינט זבולון מאיר.

דערווייל רוקט זיך אָבער צו דער ווינטער, דער הימעל איז פערכמאַרעט, עס זיינען נאָכאַנאַנד קאַלטע ווינדטען, און די קעלט בלאָזט איהם אַריין דורך די לייכטע צוריסענע מלבושים. די שטיינער זיינען געפרוירען און די נאַקעטע פיס קענען אויף זיי ניט שטעהן. אמת, די הויט פון די פיס איז זעהר דורכ'ן זומער פערגרעבט און פערשטיינערט געוואָרען אזוי, אז ניט אזוי גרינג וואָלט אפילו א טשוואָק פון דער וואַנד אָדער א שפּיציגער שטיין פון דער ערד זי דורכגעלעכערט אָדער פערוואונדעט, אָבער דאָך איז עס מענשען־פלייש און די שטיינער זיינען געפרוירען.

שטעהט ער אויף דער גאַס, איין פוס האַלטענדיג אויף דעם צווייטען, און ציטערט פון קעלט.

אהיים אָבער וויל ער בשום אופן ניט געהן.

נאָר אז עס איז געקומען דער ערשטער שניי, און ער האָט געזעהן, אז עס איז קיין ברירה ניטאָ, איז ער אוועק אהיים.

האָט ער ביי זיך, פאַר וואָס ער איז שוין לאַנג אויף דעם פּראָיעקט ניט געפאַלען.

אויף מאָרגען פריה האָט איהם אויפגעוועקט אַן עמער קאַלט וואַסער, וואָס ישכר קצב האָט אויף זבולון מאיר'ן ארויפגעגאָסען, ווען ער האָט איהם געפונען אין זיין שטאַל.

זבולון מאיר כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך אום, ווייסט ניט וואו ער איז. נאָר באַלד איז ער צו זיך געקומען, האָט זיך אויפגעהויבען און איז אנטלאָפען.

אזוי האָט זיך זבולון מאיר ארויסגעכאַפּט פון טאַטענ'ס רשות און איז געוואָרען א גאַסען־יונג.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז עס וועט נאָך איהם קיינער ניט בענקען, און אַז איצט איז ער איינער אליין. אריינטרעטענדיג אין לעבען, האָט זבולון מאיר אָנגעהויבען טראַכטען וועגען א תכלית אויף שפּעטער. נאָכלויפענדיג נאָך די פוהרען קויהלען — קלערט ביי זיך זבולון מאיר, אַז דאָס איז קיין געשעפט ניט, אַז מען מוז וועגען עפּעס אַנדערש קלערען.

און געפאַלען איז ער אויף א געדאַנק: ער וועט אראָב צו דער באַהן און ווערען א פּעקעל־טרעגער.

אויף די שמיץ פון די בעלי־עגלות בייטשען און די קלעפּ פון דעם זשאַנדאַר'ס שווערד האָט ער ניט געקוקט — צו קלעפּ איז ער געוועהנט געוואָרען פון זיין קינדהייט אָן.

און זבולון מאיר קומט אראָב צום באַהנהויף. די בעלי־עגלות זיינען איהם מכבד מיט דער בייטש — זבולון מאיר שטעהט אָבער און וויל ניט אָבטרעטען, ער רייסט אויס דאָס פּעקעל פון פּאַסאַזשיר'ס האַנד און לויפט פאָראויס אַהיים.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, די אַלטע פּעקעל־טרעגערס זיינען מיט איהם געוועהנט געוואָרען, מיין זבולון מאיר האָט שוין אָנגעהויבען אליין אוועקיאָגען פרישע, וואָס זיינען אראָבגעקומען צום באַהנהויף.

און זבולון מאיר האָט זיך געפיהלט גאַנץ צופריעדען — טאַקע דאָס פּערדיענסט איז ניט זעהר גרויס — א גילדען א טאָג, נאָר אויף ברויט איז עס גענוג, און מען דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבען.

נאָר קוקענדיג אויף די חברה שמייסערס — מיט זייערע לאַנגע שטיוועל, ווי זיי זיצען פון פאָרענט, האַלטען די בייטשען און שמייסען

אין גאַס איז פרעהליך, די ליכטיגע זונן שיינט — צעהן קאָפּיקעס האָט ער אין קעשענע און איהם איז גוט.

עס קומט אָבער פאַר־נאַכט, אַ קאַלטער ווינד בלאָזט.

— וואוהין געהט מען נעכטיגען? — טראַכט ער זיך, — אהיים בשום אופן ניט.

נאָר באַלד טרעפט ער לייביל'ן מיט וועלוועל'ן, ער דערצעהלט זיי זיין זאָרג.

— אַ געשעפט האָסטו, וועסט מיט מיר נעכטיגען אין בית־המדרש, — זאָגט צו איהם וועלוועל. — דער גאַנצער קאַסטען „שמות“ אין מיין.

אין בית־המדרש האָט זיך זבולון מאיר'ן ניט געגלוסט צו נעכטיגען. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט דער פאָטער איהם דאָרט זוכען.

מיטגענומען האָט איהם מיט זיך לייביל אין ר' ישכר בער קצב'ס שטאַל אריין. ביי־נאַכט איז עס געווען. זיי האָבען זיך דורך דעם טרי־קענעם רינשטאָק הינטער'ן פּליוט ארונטערגעלאָזט, דערנאָך האָבען זיי ביידע ארויפגעקלעטערט אויף דעם קליינעם פּליטעל, וואָס שטעהט בי'ם שטאַל; פון דאָרט האָבען זיי זיך אריינגעכאַפּט אין אַ בוידעם־לאָך.

— האַלט דיך אָן אָן דראָנג און לאָז דיך אראָב, — שרייט צו איהם לייביל. זבולון מאיר איז אָבער ניט גוט געניט געווען, איז ער אראָבגעפאַלען און האָט זיך צוקלאַפּט.

דאָך האָט ער גאָר ניט געשריען און איז געבליבען רוהיג ליעגען.

— האָבט דיר אַ שטאַרקען קלאַפּ געגעבען, זבולון מאיר? — פרעגט איהם לייביל.

— דאַכט זיך אַ ביסל — ענטפערט אין דער שטיל זבולון מאיר.

— וואַרט, איך וועל דיר איהם איינקוועטשען, — זאָגט לייביל, און שפּאַרט ארויף אויף איהם זיין האַנד און קוועטשט זבולון מאיר'ן דעם שטערען.

— שוין גענוג, עס טהוט וועה — ענטפערט יענער.

— נאַ דיר אַ בינטעל היי, לעג דיך אויף יענער זייט, קאָרטשע איין די פיס, אז דער אָקס זאָל דיר קיין דריק נישט געבען, — וואָרענט איהם זיין חבר.

זבולון מאיר איז געלעגען אויפ'ן בינטעל היי, וואַרעמער איז איהם געווען אין שטאַל, ווי אין דער היים אין קעלער, אין געקלערט

ברויט מיט די קארטאָפּלעס, וואָס ער פּלעגט, אין דער שטיל, ווי אַ הונד, אַוועק'גנב'ענען.

הויבט די זונן אָן צו שיקען דורך דאָס קליינע פענסטער'ל איהרע ווארעמע שטראַהלען נאָך דעם לאַנגען, טרויעריגען און וויסטען ווינטער, ווייסט אויך זבולון מאיר, אַז דער זומער איז געקומען, לאָזט ער זיך אין דער שטיל פון שטוב אַרויס און קומט אין גאָס אַריין. ער זעהט זיך מיט וועלוועל באָק, לייביל פּשאָרעק, וועלכע פּלעגען נאָכ־לויפען נאָך פוהרען קויהלען און אַראָבכאַפּען שטיקער קויהל. לייביל פּשאָרעק האָט געהאַט אַן אונטערגעשלאָגען אויג פון אַ שטאַרקען שמייז, וואָס אַ פוהרמאַן האָט איהם געגעבען מיט דער בייטש.

זיי האָבען זיך מיט איהם שטאַרק געפרעהט. זיי האָבען איהם געקענט נאָך פון דעם פאַר־אַ־יאָהריגען זומער, האָבען זיי איהם מיט־גענומען און אַרומגעשלעפּט מיט זיך אַ האַלבען טאָג. עס האָט איהם זיך אויך איינגעגעבען אַראָבצוכאַפּען אַ שטיק קויהל, — ער האָט דאָס צוגעלעגט צו זייערע שטיקער קויהלען, וועלכע זיי האָבען בעהאַל־טען הינטער דער בריק, וואָס איז אויף דעם קראַשעננוויצער וועג. זבולון מאיר'ן האָבען זיי איבערגעלאָזט, אַז ער זאָל אַכטונג געבען אויף די קויהלען — דערפאַר האָבען זיי איהם צוגעזאָגט אַ חלק אין פערקויף — און זיי האָבען זיך ווייטער נאָך די פוהרען נאָכגעלאָזט.

דערנאָך זיינען זיי די קויהלען געגאַנגען פערקויפען, קריגען זיי דריי גילדען, זבולון מאיר בעקומט צעהן קאָפּיקעס פאַר זיין טייל און איז גליקליך.

קומט ער אהיים. די באָבע פאַלט אויף איהם אָן:

— שמד'ניק, אַ קרענק זאָל דיך כאַפּען, וואו ביזטו געוועזן אַ גאַנצען טאָג?

— עסען גיב מיר, — ענטפערט ער איהר אָב.

— קרענק וועל איך דיר געבען, — בעקומט ער אַן ענטפער.

און זבולון מאיר לאָזט זיך צום שענקעל און כאַפּט זיך צום ברויט, די אַלטע וויל עס איהם אַרויסרייסען, ער גיט איהר אַ שטופּ, זי פאַלט אום, און הויבט אָן שרייען.

— אויף טויזענד שאָק כפרות דאַרף איך אייך שוין — האָט זבולון מאיר אַ געשריי געטהאָן אַרויסלויפענדיג פון שטוב.

# אַ היים

### .1

זבולון מאיר גערענקט נאָך פון דער היים דער באָבע'ס קאסטען, וואָס שטעהט צווישען דעם טאטעג'ס און דער מאמע'ס בעט. דאָרט פלעגט זיך זבולון מאיר בעהאלטען, ווען דער פאָטער האָט איהם געוואָלט שלאָגען. מיט שרעק פלעגט ער ארויסקוקען פון דאָרט אויף דעם שפּינבעוועבטען באלקען און אויף דאָס קליינע פיערעקעדיג פענסטערל מיט די צובראָכענע שויבען, וועלכע זיינען מיט אַן אַלט טוך פערדעקט — ער גערענקט, ווי די טראָלטען פון דער טוך זיינען ווינטער פערפרוירען אין דעם אייז, וואָס ליעגט ארום די רעהמען. אויף דעם טוך ליעגט דאָס לאָקשען־ברעט, כדי דער ווינד זאָל דאָס טוך ניט אוועקשארען.

די מאמע איז קיינמאָל אין דער היים ניט געוועזן — אַ וועשין איז זי, פלעגט זי תמיד פריה אוועקגעהן צו דער ארבייט, איידער זבולון מאיר האָט נאָך די אויגען געעפענט, און אויף דער נאכט קומט זי תמיד אהיים זעהר מיעד, זיפצט אויפ'ן בעט און עטהעמט שווער. זבולון מאיר פלעגט זיך צו איהר צורוקען, גלעטען זי, ציהען ביי דער שירץ, און שטום קוקען אויף איהר. טיילמאָל ענטפערט איהם די מוטער מיט אַ ליעבליכען בליק אָב, זי גיט איהם צוריק אַ גלעט מיט דער האנד אויף זיין באק; טיילמאָל אָבער אז זי איז שלעכט אויפגעלעגט שטופּט זי איהם פון זיך אוועק, און לעגט זיך שלאָפען.

נעקאָכט האָט די באָבע, און מיט איהר קריעגט ער זיך תמיד. זי פער'מסר'ט איהם פאר דעם פאָטער, אז ער וויל איהר קיין וואסער ניט ברענגען, אַ בינטעל האָלץ צוהאקען אָדער אַזוי אין אַ שליחות געהן.

ביז אַכט יאָהר איז זבולון מאיר ביי'ם פאָטער געווען און האָט צוליעב גענומען דעם פאָטער'ס קלעפּ, די באָבע'ס שילטען פאר דעם

בטחון אין האַרצען אויף דעם קליינעם קעסטעלע, וואָס איז פערשאָטען מיט ביינדלעך פון פיש און ברעקלעך פון דער חלה...

אין דעם קליינעם שטיבעל האָבען צוויי געטער געצאַנקט — די קליינע שבת־ליכטלעך ביים טישעל און דאָס קליינע לעמפעל פאַר דעם „הייליגען בילד“, און זיי זיינען אין דער־ שטיל, אין דער־ שטיל אויסגע־ גאַנגען.... אלעס איז געגאַנגען זיך שלאָפען לעגען, און איז איינגע־ שלאָפען אין דער טונקעלער ווארעמער נאַכט פון פרייטאָג־צו־נאַכט....

אידענע האָט עס ניט געקענט אריבערטראָגען: פּונקט ווען זי בענשט איבער די ליכט.

נאָכ'ן ליכט־בענשען האָט די אידענע זיך א חלה אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש, מיט א טעלערעל פּישלעך, וואָס א שכנה שיקט איהר אריין אויף יעדען שבת.

די גוי'ע האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבען פון הייליגען בילד און איז צוגעגאַנגען צו דער אידענע'ס טישעל. די אידענע האָט זי מיט פּישלעך מכבד געווען, האָבען זייביידע געגעסען און געשמועסט פון פערשיעדענע זאַכען.

אין שטוב איז געגאַנגען ווארעם געווען. די גוי'ע האָט שטאַרק דעם אויוועז געהייצט אויף שבת פון דער אידענע'ס וועגען; די ליכט האָבען געברענט אויפ'ן טישעל, און אין צווייטען ווינקעל איז דאָס לעמפּעל פאַר'ן „הייליגען בילד" פערלאָרען געוואָרען אין האַלבען שאָטען. די ווייבער זיינען געזעסען, האָבען פּאַמעלעך די פּישלעך געגעסען, אז זיי זאָלען קיין ביינדעל ניט אראָבשלינגען, און האָבען פּאַמעלעך געבאָלבעט וועגען פערשיעדענע זאַכען, לשון־הרע אויסגערעדט אויף שכנות, ביז עס איז צורייד געקומען וועגען זייערע קינדער דאָרט ווייט. האָבען געקלערט, וואו זיי זיינען אהינגעקומען, וואָס עס טהוט זיך מיט זיי.

— וואו קענען זיי איצט זיין? — פרעגט די גוי'ע.

— אין ים אודאי דערטרונקען געוואָרען — ענטפערט די אידענע.

— האָדעווע אויף קינדער פאַר די פיש'ס צייהן — וויינט די גוי'ע.

— און אפשר לעבען זיי? — פערלירט די אידענע דעם מוטה ניט.

— און אפשר לעבען זיי? — העלפט די גוי'ע אונטער.

— און אפשר זיינען זיי בעגליקט געוואָרען? — וויל האָפען די אידענע.

— און אפשר האָבען זיי שוין זייערע אייגענע פעלדער און הייזער — געהט די גוי'ע ווייטער.

— גאָט וועט העלפען — איז מבטיח די אידענע.

— גאָט וועט ניט פערלאָזען — העלפט אונטער די גוי'ע.

און זיי פערגעסען איין מינוט, וועלכער גאָט, צי דער דאָ ביי די שבת־ליכטלעך, צי יענער דאָרט אין פערנעבעלטען ווינקעל, און זיי ווערען איינגעשלאָפען מיט גאָט'ס נאָמען אויף די ליפּען און מיט

אָבגעגעבען דאָס ווינקעל ביים אויווען. קיין סך פון איהר שטיבעל האָט זי ניט געהאַט וואָס איבערצוטראָגען. די ווינטערדיגע קאָלדרע, די צוויי שבת־ליכטערלעך, דאָס עלמעריל, די טערקישע שאַל מיט דער שבת'־דיגער הויב און דאָס „קעסטעלע".

האָט די אידענע געוואוינט אין ווינקעל שטוב ביים אויווען. אין צווייטען ווינקעל ביים פענסטער, איבער דער גוי'עס בעט, איז געהאַנגען א „הייליג בילד", פאַר וועלכען עס האָט זיך א לעמפעל געברענט.

די אידענע האָט מורא געהאַט אהין צו קוקען אין דעם ווינקעל, וואו עס הענגט דאָס בילד. זי זינדיגט מיט די אויגען... אָט ווערט זי שוין בלינד... און דער קריסטוס־קאָפּ, וועלכער איז געווען ארומגענומען מיט א שטעכענדיגען צווייגען־קראַנץ, האָט זיך איהר געדאַכט, שטעכט פון דער־ווייטען... דאָס אַלטע יום־כפור'דיגע מחזור, א ירושה פון איהר מאמען, וואָס זי האָט מיט זיך געהאַט, האָט זי אין טערקישען טוך איינגעוויקעלט, אַז די גוי'ע זאָל עס ניט זעהן, און אַז עס איז געקומען אויף דער נאַכט, צום קריאת־שמע לייענען, האָט זי פאַר איהר ווינקעל דאָס קעסטעלע אַניעדערגעשטעלט — א מין מחיצה געמאַכט, אַז דאָס קריסטוס־בילד זאָל ניט הערען איהר תפילה...

מיט דער גוי'ע איז אויך דאָס זעלבע. עס איז געקומען אויף דער נאַכט און זי האָט געדאַרפט איהר געבעט מאַכען, האָט זי אָבגעוואַרט ביז די אידענע וועט שוין איינשלאָפען, און האָט פערשטעלט איהר טייל ווינקעל, אַז די אידענע מיט איהר גאָט, וואָס זי האָט דאָרט אין קעס־טעלע, (דאָס מחזור, וואָס איז ארומגעוויקעלט אין טערקישען שאַל) זאָל חלילה ניט דערהערען א וואָרט.

עס איז געקומען דער ערשטער פרייטאָג־צו־נאַכט. די אידענע האָט זיך גענומען אָנגרייטען צום ליכט־בענשען אין איהר ווינקעל. זי האָט א טישטוכעל אויסגעשפּרייט איבער'ן קעסטעלע, — האָט אויס־געשטעלט איהרע צוויי לייכטערלעך, ליכט אַריינגעשטעלט, האָט זיך אָנגעטהון אין די שבת'דיגע הויב, און האָט זיך גענומען זאָגען די תחינה. דער גוי'ע האָט עס אין האַרצען שוין פערדראָסען, — ביי איהר אין שטוב מאַכט מען א אידישען יום־טוב. דאָך אַרויסווייזען וועט זי דאָס ניט. נאָר זעהענדיג, אַז די אידענע דאַוועט פאַר איהר גאָט האָט זי זיך פאַר'ן „הייליגען בילד" אַניעדערגעקניעט און האָט אָנגעהויבען זיך צו „מאָדליען" פאַר איהר גאָט און אין האַרצען זיך געשלאָגען... די

געקוקט, און דערזעהענדיג, ווי דער „גוי“ שלעפּט די טאַטישקע מיט זאַמד און אין זאַק אַרומגעוויקעלט, פלעגט זי זיך אָנרופען צום מאַן:

— עס איז עפּעס טאַקע ביי זיי קיין שבת ניט. אַ אומה עפּעס!...

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט. די שכנות האָבען זיך פערעלטערט. די קינדער זייערע אין אַמעריקאַ, חיים און אנטעק, זיינען ווייטער ערגעץ־וואו פערפאַלען געוואָרען און האָבען אויפגעהערט צו שרייבען בריעף, צו שיקען פּאָטאָגראַפיעס און שטיקלעך פּאַפּיר, פּאַר וועלכע דער שפּילעטער זאָל אויסצאָהלען זיעבען רובעל מיט פופציג גראָשען די גוי'ע, אַזוי ווי די אידענע, האָבען ווייטער איינע דער צווייטער פאַר־געוואָרפען. די זאָגט: „דיינער“ האָט מיינעם אָבגערעדט, און די צווייטע טענה'ט פערקעהרט.

נור דער אידענע'ס טייל הייזעל איז אינגאַנצען איינגעלעגט געוואָ־רען אונטער דער רינע פון פייערשטיינ'ס שפּייכלער. דאָס דעכעל איז נעפּאַלען אויף די פיער ווענדטלעך, וועלכע האָבען זיך געטרייסעלט און געשאָקעלט זיך צום איינפאַלען ביי דער לייכטעסטער בעוועגונג. דער קוימען פון אויווען איז אין גאַנצען צובראָכען געוואָרען, און דער רויך פון דעם אויווען פלעגט אָנפילען די גאַנצע שטוב. פון דעם האַלבען רובעל אַ וואָך, וואָס דער שותף און דער מחותן, ר' מתתיהו חרון, צאָהלט איהר אויס איהר טהייל ריוח (אַזוי איז שוין ביי זיי, ביי די פישערס, אַ מנהג, אז מען צאָהלט דער אלמנה אַ טייל ריוח, כאָטש זי האָט אין געשעפט קיין געלד ניט אריינגעלעגט, נור פאַר חזקה), קען זי קוים אויסקומען מיט ברויט און מילך, מיט אַ שטיקעל פלייש אויף שבת, און דערפון צאָהלט זי נאָך צוואַנציג גראָשען אַ וואָך חנה'לען דער קרעמע־רין פאַר לייוועגט אויף תכריכים, אויף נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר... מילא, זומער האָט זי געלעבט אין איהר טייל שטוב, ווי ווייט זי האָט געקענט. עס איז אָבער געקומען ווינטער. דאָס פּרעסטעל נעהמט. זאָל זי זיך אפשר אריינציהען צום שותף און מחותן ר' מתתיהו חרון, אז בלומעלע די מחותנת'טע (אַ אידענע פון אכציג יאָהר) זאָל פון איהר נקמה דערלעבען? — געמוזט אָנקומען צו מיין טיש! — איז איהר ניט געבליבען קיין אנדער עצה נור איבערצוואַווינטערען ביי דער גוי'ע אין אַ ווינקעל שטוב. כאָטש אַ גוי'ע, „נור אַ גוטער שכן איז פיעל בעסער, ווי אַ ווייטער קרוב“.

די גוי'ע האָט זי צוגענומען מיט'ן גרעסטען כבוד, און האָט איהר

די אידענע פלעגט דערנאָך דעם קינד'ס מויל שייערען, רייבען און כשר'ן מיט הייסע שטיינדלעך, און דער יונג פלעגט דערביי מאַכען געוואַלדען ביז צום הימעל... איז ביי איינער דאָס קינד קראַנק געוואָרען, האָט עס די צווייטע אָבגעהיט, געלאָפען צום פעלדשער, רפואות געבראַכט. אין נויט האָט איינע דער אַנדערער אַ גראָשען געלה, אַ לעבעל ברויט און אַ טראָפּען מילך געבאָרגט.

נור די געטער פון די צוויי שכנים האָבען ניט געקענט לעבען צווישען זיך אין שלום און האָבען אָנגעמאַכט גרויסע מחלוקת'ן צווישען די שכנים.

איז געקומען אַ יום־טוב פון איין גאָט, האָט עס דער צווייטער גאָט ניט געקענט דערליידען. למשל, אזוי אַ גאַנץ יאָהר, גאָרנישט, לעבט מען זיך אין שלום; קומט אָבער ביי דער גוי'ע אַ יום־טוב, די קריסטוס־נאַכט, און פון דעם גוי'ס שטוב איז אויפגעגאַנגען דער ריח פון זייערע ניין געריכטען, האָט די אידענע געדרעהט מיט דער נאָז... און אַז דער גלח איז געקומען מיט'ן הייליגען וואַסער „בעשווענצען" די „פלאַצקעס", האָט די אידענע די קינדער פערשלאָסען צו זיך אין שטוב און זיי ניט ארויסגעלאָזט. אַז די אידענע האָט דערזעהן דאָס אָבגעפרעגעלטע חזיר'ל, וואָס פון די אויגען־לעבער האָט גרינס ארויס־געשטאַרט, האָט איהר אָנגעהויבען צו נודיען, און זי שפּייט אַ גאַנצען טאָג.

— אָ, אַ יום־טוב ביי זיי! אַזאַ שוואַרץ יאָהר זאָלען זיי מיר האָבען — פלעגט די אידענע זאָגען און אַ גאַנצען יום־טוב ניט ווייזען זיך דער גוי'ע פאַר די אויגען.

איז ווייטער געקומען אַ אידישער יום־טוב, אַ פּסח, און די אידענע האָט די פיש געקאָכט, האָט די גוי'ע די טהיר פערהאַקט ביי זיך אין שטוב:

— זשידאָווסקי פאַרשיווא סוויענטאַ, סעניאַ זאַסמאָהטשילי..

און אַז מען האָט געבראַכט די מצות, — האָט די גוי'ע איהרע קינדער אריינגעכאַפּט אין שטוב און די טהיר פערשלאָסען.

און שבת אויף דער נאַכט, אַז די אידענע האָט די פיש אויפ'ן טיש ארויפגעשטעלט און די שבת־ליכט האָבען זיך געברענט, און איהר ברוך האָט זמירות געזונגען, האָט די אידענע דורכ'ן פענסטער ארויס־

דאָס ווענדטעל. האָט דער איד „פונקט“ קיין געלד נישט געהאַט. און אַזוי האָט זיך עס אָבגעשלעפּט פון יאָהר צו יאָהר. דעם אידענ׳ס חלק הייזעל האָט שוין אויסגעצאָהלט נדן זיינע צוויי טעכטער, וואָס זיינען דערנאָך אַוועק מיט זייערע מאַנען, איינע קיין אַפריקאַ, די צווייטע אויך קיין קאַנאַדאַ, — און דאָס הייזעל איז אַלץ געבליבען אָהן אַ פייער־וואַנד.

דער גוי אָבער האָט זיך גענומען צייט און וואו ער האָט אין גאַס אַן איבעריגען ציגעל, אַן איבעריגען שטיין געפונען, האָט ער געבראַכט אַהיים צו שלעפּען. אַז עס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ רעכט ביסעל ציגעל, האָט ער זיך אַליין גענומען פערמויערען זיין חלק פייער־וואַנד און האָט אָבגענויגט די רינע פון פייערשטיין׳ס שפּיכלער אויף דעם אידענ׳ס חלק דאַך, אַזוי, אַז עס איז געווען אַ רעגען, האָבען זיך די דיגע ווענדטלעך פון דעם אידענ׳ס שטוב געשאָקעלט, און פון דאַך האָט אַזוי גערונען, אַז מען האָט געמוזט אויף די בעטען, אויפ׳ן טיש און שאַנק טעפּ, טעלער, בעקענס און שיסלען אונטערשטעלען, עס זאָל אין זיי דאָס וואַסער אַריינרינען.

נור אַזוי בכלל האָבען דער איד און דער גוי צווישען זיך געלעבט אין שלום, געקריעגט זיך און שלום. זיך געזידעלט און דערנאָך צוריק ווייטער חבר געוואָרען. אין שלום האָבען אויך געלעבט די גוי׳ע מיט דער אידענע. פלעגט די גוי׳ע געהן צו דער ארבייט און האָט איבער־געלאָזט איהר קליינעם אנטעק אין וויעג, און דער קליינער גוי האָט גע־מאַכט געוואַלדען דעם הימעל נור צו שפּאַלטען, איז אַריין צו איהם די אידישע שכנה, וועלכע האָט דענסטמאָל געזויגען איהר חיים׳ען, און האָט איהם אויף די הענד גענומען און איהם געגעבען פון איהר ברוסט. דער קליינער חיים, וואָס זיצט אויף דער מוטער׳ס צווייטער האַנד, ווערט אייפערזיכטיג, און דער קליינער איד מיט דעם קליינעם גוי הייבען אָן צו קוקען איינער אויפ׳ן אַנדערען; אפשר האָבען זיי זיך שוין דענסטמאָל אָבגעשמועסט צוזאַמען די רייזע נאָך אַמעריקאַ צו מאַכען... איז פאַר אַ יום־טוב געקומען, פאַר אַ פסח, למשל, אַז גאַלדע די פישערין האָט זיך פון שטוב און הויף אַריינגעצויגען, און די קינדער, ווי די אינדיקעס, האָבען זיך צווישען די באַליעס אַרומגעוואַלגערט מיט אַ געוויין, מיט אַ געוואַלד, — האָט די גוי׳ע דער אידענע׳ס אַ קינד צו זיך אין שטוב אַריינגעכאַפּט און געגעבען עס צו עסען פון איהר מיטאָג.

און צו משה לעהרער געגאנגען מיט די בריעף. משה לעהרער האָט זיי פאָרגעלייענט, ווי די קינדער לאָזען הערען „פון זייער ליעבען געזונד, און דאָס נעמליכע ווינשען זיי צו הערען פון זייערע ליעבע עלטערען“. דערנאָך שרייבען זיי, אז זיי האָבען אָן די אלטע מוטערס ניט פערגעסען. זיי האָבען גרויסע צרות איבערגעליטען, ביז זיי זיינען געקומען אויף א שטיקעל מדרגה. און זייביידע ארבייטען אין איין ווארשטאט, און פערדיענען 15 דאָלאר א וואָך, נור ניט שטענדיג איז פארהאן ארבייט, און זיי שיקען די מוטערס צו א פונט, און ווילען ווייטער אויך אָן זיי ניט פערגעסען. זיי ענדיגען די בריעף, אז זיי זיצען א גאנצע נאכט און שרייבען די בריעף, נור אָט געהט שוין די לאָמפ אויס, מוזען זיי די בריעף ענדיגען.

אין די בריעף זיינען געלעגען צוויי בלאָע שטיקלעך פאפיער, פאר וועלכע לייבוש שפילעטער האָט נאָך גרויס מיה אויסגעצאָהלט צו 7 רובעל מיט 50 גראָשען.

די ווייבער זיינען נאָך יענעם טאָג אויפ׳ן בית־עולם געגאנגען אָנזאָגען זייערע מאנען, אז די קינדער זייערע האָבען זיך צוריק געפונען, און האָבען אָן די אלטע מאמעס ניט פערגעסען.

---

אזוי האָבען געלעבט די צוויי ווייבער אין שכנות א צייט מיט יאָהרען נאָך די מאנען׳ס טויט און א צייט מיט יאָהרען פאר די מאנען׳ס טויט אין דעם קליינעם חורבה׳דיגען הייזעל, וואָס שטעהט אויף יענער זייט טייכעל, וואו די ווייבער וואשען די וועש. דאָס קליינע הייזעל איז אריינגעקומען אין שותפות צו דעם איד און צו דעם גוי, איין גאָט ווייס עס נור ווי אזוי ארום. געהערט, זאָגט מען, האָט עס צו א גלח, וועלכער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך זעקס „קעפ“, און אז די „קעפ“ האָבען זיך צוטהיילט, איז עפּעס דעם אידען ביי א גוי געלד געקומען, האָט ער עפּעס אָבגענומען איין חלק פון א „קאָפּ“, — גענוג, עס איז אויסגעקומען, אז א האלב הייזעל געהערט צום אידען. דאָס הייזעל האָט געדארפט א פייער־וואנד, וואָרום דער רעגען, וואָס האָט זיך אראָבגעגאָסען פון פייערשטיין׳ס שפייכלער, האָט גלייך אראָבגענאָסען אויפ׳ן הייזעל׳ס דעכעל, און דער רעגען האָט געבויגען די דינע ווענדטלעך אונטער זיך. דער גוי האָט שטענדיג געטענה׳ט מיט׳ן אידען, אז דער איד זאָל קויפען מאטעריאל, וועט ער דערפאר אליין אונטערמויערען

— און נאָך דער אָרעמער מאַמע'ן אויף דער עלטער העלפען ?
מיט אמאָל קומט צו געהן חנה'לע, די בריעף־טרעגערין :
— גאָלדעלע, גאָלדעלע, גוטע בשורות זאָלען איך ווערען אָנגע־זאָגט, עס איז דאָ א בריעף פאר אייך !
— פון וואנען א בריעף ?
— א בריעף מיט א שיפעל, פון יענער זייט ים.
און זי האָט איהר איבערגעגעבען א בריעף־פּאַקעט. פאר דער גוי'ע איז אויך געווען א בריעף.
זיי האָבען אויפגעריסען די בריעף, ערשט זיי נעהמען ארויס צוויי פאָטאָגראפיעס. צוויי פּריצים מיט קאפּעלושען, האלטען שטעקעלעך אין איין האנד און גיבען זיך אָב שלום־עליכם מיט דער צווייטער האנד.
די ווייבער קוקען אָן די פאָטאָגראפיעס. זיינען עס יא זיי, זיינען עס ניט זיי ? — דאכט זיך, עפּעס גאָר פערשטעלטע.
— מיין חיים, — כליפּעט די אידענע ארויס א געוויין.
— מיין בלוט, מיין פלייש, — וויינט די גוי'ע.
אז די ערשטע איבערראשונג איז אריבער, האָט מען גענומען בעטראכטען די צוריק געפונענע קינדער.
— מיין חיים האָט זיך גארנישט פערענדערט, — זאָגט די אידענע.
מיין אנטעק אויך נישט.
— קוק נור אָן די קייט אויף דער וועסט, מיט די הענדשקעס. ווי ער וואָלט זיין זונדעל'ס א קינד.
— און זעהסטו, ווי מיינער טראָגט א צילינדער, ווי דער גראף פּאָטאָצקי ?
— הע, אידיש בלוט, צום שלעכטען האָט „דיינעם" מיינער אָנגע־רעדט ?
— אז נישט חיים, וואָס פאר אַן עצה וואָלט ער זיך געגעבען, — זאָגט די אידענע צו דער גוי'ע.
— איך וויים נאָך ניט דאָס גליק, וואָס איז מיט איהם : ציערט זיך אין גאָלדענע קייטען, און אָן דער אלטער מאַמע'ן פערגעסען.
— מען דארף צו משה לעהרער געהן, ער זאָל די בריעף איבער־לייענען.
ביידע ווייבער האָבען זיך אין די פאטשיילעס איינגעוויקעלט

# מענשען און געטער

גאָלדע די פישערין האָט געוואוינט אין שכנות מיט אַנטאָניע יאַכטאָוונע אין דעם קליין־חורבה׳דיגען הייזעל, וואָס איז אויף יענער זייט טייכעל, וואו די ווייבער וואַשען די וועש. איינע ווי די אַנדערע זיינען זיי שוין לאַנג אלמנות פון די מאַנען און פערלאָזטע פון די קינדער זייערע, וואָס זיינען זיך צופאָהרען אין דער וועלט.

גאָלדע׳ס עלטערער זוהן, חיים קאַמאַשניק, איז אַמאָל אהיים געקומען אויף חול־המועד פון לאָדז, וואו ער האָט דאָרט געאַרבייט איבער׳ן זמן, און האָט זיך אין דער שטיל אָנגעהויבען צו סוד׳ען מיט אַנטאָניע׳ס זוהן, אַנטעק דעם סטאָליאַר. עס קומט נאָך יום־טוב, און דער יונג מאַכט זיך נאָך אַלץ ניט אין וועג צום מייסטער. נור ער דרעהט זיך שטוב־איין שטוב־אויס. די מוטער האָט שוין פערשלאָסען דאָס ברויט אין קאַסטען און קריעגט זיך מיט איהם. ערשט אין אַ שעהנער נאַכט זיינען די צוויי בחורים, חיים און אַנטעק, פערפאַלען געוואָרען. מען זוכט אהין, מען זוכט אהער — ניטאָ די בחורים. אין ים אריין. די אידענע קריעגט זיך מיט דער גוי׳ע, די גוי׳ע מיט דער אידענע. די זאָגט: דיין זוהן האָט מיינעם אָנגערעדט; די צווייטע טענה׳ט פערקעהרט. אזוי איז עס געווען ביז אין אַ שעהנעם זומער־פריהמאָרגען. גאָלדע און אַנטאָניע שטעהען אזוי פאַר דער טהיר פון הייזעל, און שלאָגען אָן מיט אַ פערטעל מעהל דעם באָרשטש אויף אָנבייסען, און ריידען זיך איינע פאַר דער צווייטער דאָס האַרץ אויס:

— וואו קענען זיי איצט זיין?

— אין ים אודאי דערטרונקען געוואָרען.

— האָרעווע אויף קינדער פאַר די פיש׳ס צייהן!

— און אפשר לעבען זיי? פרואווט די אידענע מוטה צו האָבען.

— און אפשר לעבען זיי! — העלפט די גוי׳ע אונטער.

— און אפשר זיינען זיי בעגליקט געוואָרען?

— און אפשר האָבען זיי שוין זייער׳ע אייגענע פעלדער און הייזער?

עס איהם אויסגעלערענט דאָס ? — זיין מענדעל שטעהט פאר גאָט און רעדט עברי ווי אידיש־דייטש...

דער אַלטער דערמאָנט זיך אָן טויט, ווי זיין מענדעל שטעהט דערנאָך און זאָגט קדיש נאָכ'ן פאָטער, און גאָט האָרכט איהם אויס און פיהרט דעם אַלטען גלייך אין גן־עדן — זיין מענדעל !...

און דער אַלטער איז געשטאָרבען.

וואָס איז דאָרט געוואָרען מיט איהם אויף יענער וועלט נאָך מענדעל'ס קדיש־זאָגען, ווייס איך ניט. איך ווייס נור, וואָס עס איז געוואָרען דאָ אויף דער וועלט מיט דער אלמנה, וואָס דער אַלטער מתתיהו חרון האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

זי האָט זיך איבערגעצויגען צום זוהן, צו מענדל'ען — געוואָלט אויף דער עלטער די אייניקלעך האָדעווען, — איז זי דאָרט געווען א גאַנצען טאָג. עס איז געקומען נאכט, האָט זי זיך פערבייגקט אהיים צו איהר אין שטוב, וואו זי האָט אָבגעוואוינט 62 יאָהר, נאָך דעם אויוועז, וואָס זי האָט אין שטוב איבערגעלאָזט, נאָך דעם פּלומפּ, וואָס איז פאר'ן פענסטער, און די נארישע אידענע האָט א גאַנצע נאכט ניט געקענט איינשלאָפען : די ווענד זיינען איהר פרעמד.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מענדעל געמוזט נעהמען דעם אַלטען שראנק מיט'ן טיש און די אַלטע מאַשין מיט'ן קאסטען און צוריק עס אוועקטראָגען אין איהר שטוב אריין, וואו זי איז אָבגעזעסען נאָך 18 יאָהר, און האָט געקוקט דורכ'ן פענסטער'ל צום פּלומפּ, וואו מען שעפּט וואסער. זי האָט זיך אליין תכריכים אויפגענעהט און זיי פון צייט צו צייט זיך אָנגעמאָסטען און געקוקט אין שפּיגעל אריין, ווי זי זעהט אויס אין זיי.

געלעבט האָט זי פון די 10 דאָלאר, וואָס די קינדער האָבען איהר פון „הינטען" אהער געשיקט יעדען חודש, נאָר דאָך, א שותפ'טע צו די פישלעך איז זי נאָך ביז היינטיגען טאָג.

זי לעגט יעדע וואָך אין געשעפט אריין 3—2 גילדען. אמאָל פערדיענט זי א צעהנער'ל, א מאָל לעגט זי צו א זעקסער'ל.

און אז מען פרעגט זי : „וואָס דארפט איהר נאָך מיט די פישלעך האנדלען ? אייערע קינדער שיקען דאָך אייך געלד פון אמעריקא ?..." ענטפערט זי : „ניט'ס נור א קוק — אָבלאָזען דאָס געשעפט פרעמדע— עס איז אונזער פרנסה פון דור־דורות"...

אז מענדעל האָט חתונה געהאַט, איז ער געוואָרען באמת אַן אָרענטליכער מענש. קומט פריה דאַוונען אין חברה, זאָגט „גוט מאָרגען" אַלטע מענשען אין גאַס, און שעמט זיך שוין ניט זאָגען „לחיים" ביי א גלעזעל בראַנפען.

און א סוד וועל איך אייך איינרוימען: ער כאַפּט זיך טיילמאָל אין א וואָכען־טאָג אין די חברה צום „ברעטעל" אויך צו...

ביים וואָרקער מלמד איז די חברה קצבים און פישערס. פרייטאָג־צו־נאַכט צו דאַוונען קומט מען נאָך אין די וואָכעדיגע קליידער — עס פאַסט ניט פאַר א קצב פרייטאָג־צו־נאַכט אָנצוטהאָן זיך אין שבת'־דיגען — און מען שמועסט פון דעם היינטיגען מארק. מענדעל אָבער זיצט שוין צווישען די עלטערע בעלי־בתים און מען שמועסט וועגען שטאָדטישע ענינים. קומט צו א יונג און רוימט מענדלען אין אויער אריין: „פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס א פונט פישלעך"... מענדעל מאַכט זיך ניט הערען. הויבט דער חזן אָן צו דאַוונען, קוקט מענדעל אין סדור אריין און זאָגט וואָרט ביי וואָרט. די יונגען, זיינע גוטע ברי־דער פון פריהער, מאַכען דאָס א געלעכטער פון איהם: „קוקט מיר אָן מיין אָרענטליכען מענש!"...

פאַר'ן עמוד שטעהט מרדכי קצב, אַן אַלטער גראָבער יונג, וואָס קומט תמיד פריהער פון אַלע, און כאַפּט זיך צו צום ברעטעל. מענדעל איז איהם שטאַרק מקנא, נאָר ער ווייסט, אז מרדכי וועט איהם ניט לאָזען צו דער עברי, לאָזט ער זיך בעגנוגענען מיט דעם, וואָס שבת נאָכ'ן עסען ביי זיך אין דער היים נעהמט ער דעם סדור אין האנד אריין און זאָגט גיטלען „שטיקעלעך", ווי דער חזן זאָגט „הלל" אָדער א „קדושה" און מאַכט נאָך דעם חזן'ס טרעלען. הינטער'ן פענסטער גנב'ענען זיך אונטער חברה, און אז מענדעל האַלט אין רעכטען מיטען, גיט מען א געהע אין שטוב אריין: „נו, נו, זאָג ווייטער"...

מענדעל פערשעמט זיך, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ: גוט שבת.

מען ווייסט ניט, ווי אַרום דאָס איז געוואָרען, און מענדעל שטעהט שוין פאַר'ן עמוד פראַנק און פריי און איז מקבל שבת. קיינער לאַכט שוין ניט פון איהם, ביי קיינעם איז שוין קיין חידוש ניט; א איד איז א איד. נאָר, אז דער אַלטער מתתיהו חרון האָרכט זיך איין צו זיין קדיש זאָגען ביים דאַוונען, פערטראַכט ער זיך א מינוט: ווער האָט

— הער, גוטער ברודער!
— וואָס אזוינס?
— עך, שטעל אַ נייַנציגער, מיר זיינען דאָך עפּעס ניט פון היינט. וואָס געווען איז געווען. האָרך, גוטער ברודער, דיין בחור געפּעלט מיר, געפּעלט מיר, ווי איך בין אַ איד. אַ יונג וויל פּעדריענען אַ גראָשען, אַ יונג מיט ביינער, ער געפּעלט מיר. מען זאָגט מענדעל חזיר, — כאַפּט זיי די כאָלעריע, ווער איז בעסער געווען אין זיינע יאָהרען? מיר אודאי נישט (מתתיהו חרון שמייכעלט). נישט אזוי? שבת אויפ'ן זשאַכלינער וועג... געדענקסט, ברודער? — קיצעלט נאָטע וואָלף מתתיהו חרונ'ען.
— כ'געדענק, כ'געדענק. און וואָס ווילסטו?
— וואָס איך וויל? גאָר נישט וויל איך. דיין בחור וויל איך. אַ מויד האָב איך, ווי זי איז, איז זי, אבער מיין קינד איז זי, און ווער א י ך בין — ווייסט דו אויך. נישט קיין רב, נישט קיין דין, נור — אַ פישער. און אַ פישער ביזט דו אויך, און ווי די פישערס פּיהרען זיך, פּיהרען זיי זיך, און אונזערע קינדער וועלען אויך פישערס זיין מיט גאָטס הילף, און ווער עס וויל נישט, זאָל זיך אויפהענגען. גיב אהער די האנד.
— האָסט דו די האנד.
און צוויי גרויע בערד האָבען זיך צוקושט.

---

אויף מאָרגענס, אז בלומעלע האָט זיך געטראָפען מיט שרה פייגע'ן אויפ'ן פיש־מארק, זיינען זיי איינע אויף די צווייטע ארויפגעפאַלען, האָבען זיך צוקושט און האָבען אָנגעהויבען צו וויינען, און דערמאָהנט די אבות. נאָטע וואָלף און מתתיהו חרון זיינען געקומען צוגעהן פון נאָס, און האָבען גערעדט אביסעל פון וועג...
און נאָך דעם שבת איז מענדעל מיט גיטלען איבער'ן געסעל געגאנגען שפּאַציערען, און „די שונאים האָבען געזעהן און די גאַל האָט זיי געפּלאַצט פאַר עגמת־נפש“...

---

עס איז אַוועקגעגאנגען אַ יאָהר, אין אויפ'ן פיש־מאַרק איז צוגע־קומען נאָך אַ שטעל. מתתיהו חרון האָט אביסעל אָבגעלאָזט פון זיינע קונים, נאָטע וואָלף פון זיינע קונים, און אַ טישעל איז געווען אַ טישעל.

איבער'ן וואַסער. דאָס וואַסער, אַביסעל צוויעגט אין זיין ראַם, יאָגט איין כוואַליע אין די צווייטע אַריין. מענדעל ציהט מיט די מענשען דאָס נעץ פון וואַסער און וואַרפט די פישלעך אין טון אַריין, זיצען די אַלטע און רעדען צווישען זיך אַזוי:

— ווייסט, דיין מענדעל איז געוואָרען אַ גאַנץ אָרענטליכער מענש, — רופט זיך אָן נאָטע וואָלף.

— ניט ווערטה קיין דרייער, — מאַכט מיט די הענד דער פאטער — דער אייגענער וואָס געווען.

— נו, נו, אַ גוטער יונג, וויל אַ גראָשען פערדיענען — וואַרפט נאָטע וואָלף אַ בליק צו מענדלען, ווי ער ציהט דאָס נעץ פון וואַסער.

— ווייסט, דיין גיטעל איז אַן אָרענטליך קינד, אין דער מאַמען געראָטען. — רופט זיך אָן מתתיהו חרון.

— אָ, נישט ווערטה קיין דרייער, אַזוי ווי די מאַמע, אַזוי די טאָכטער.

— נו, נו, אַ גוטע מויד, אַרבייט אַ גאַנצען טאָג, ווי אַן עזעל, און שבת — אַ פערגניגען אויף איהר צו קוקען.

די אַלטע שווייגען אַ מינוט און קוקען אין וואַסער.

דאָס שיפעל שווימט צו צום ברעג מיט אַ פולען נעץ פיש לכבוד שבת. מען ציהט דאָס נעץ פון שיפעל און מען לעגט די פיש אין די פעסער אַריין.

דערווייל ווערט נאַכט. אַ נאַכט אויפ'ן דאָרף, נאַכט צווישען בוימער, פעלדער און וואַסער... ביים עק דאָרף שטעהט אַ קרעטשמע; געהען די אַלטע דאָס האַרץ זיך דערכאַפּען. מען דערלאַנגט בראַנפען, צום טיש מיט אַ צוויי זעמעל. מענדעל שטעהט אין אַ ווינקעל ביים אויוועז, נאָטע וואָלף גיט אַ ווינק צו איהם:

— מאַך, מענדעל, די ברכה!

מענדעל נעהמט דאָס גלעזעל אין האַנד אַריין און קלערט אַ מינוט. ער וויל זאָגען „לחיים", שעמט ער זיך, עפּעס אַן אָרענטליכער מענש... נישט זאָגען — פּאַסט דאָך אויך ניט. די אַלטע פערשטעהען.

— נו, לחיים, מענדעל, אם ירצה השם חול המועד! — קלאַפּט איהם נאָטע וואָלף איבער די פּלייצעס.

דערנאָך, אַז מענדעל איז אַרויס צו די פערד, מאַכט נאָטע וואָלף אַזוי צו מתתיהו חרון:

קאָנסט עס, איך וועל דיר אסור חזיר נאָכלויפען. — ווינצעלט זיך דער אלטער.

— אַלטער גזלן, רוצח, וואָס ביזט דו מיר געקומען מיין לעבען אוועקנעהמען ?

דער אלטער זעהט, אז עס געהט אין די גדולות אריין, טהוט ער זיך אָן דעם איינגעריבענעם פוטער און געהט אין בית־המדרש אריין.

אז ער קומט אהיים, געפינט ער שוין דעם טיש געדעקט מיט'ן אַל־טען שניפּטיכעל, און דאָס יאיבעל קאָכט זיך אין קיך (ער האָט עס גע־וואוסט, זי זאָגט נור אזוי, אָבער אין אמת'ן איז זי נישט אזוי שלעכט ווי זי מאכט זיך).

ווייסט, האָבען זיך הײנט הצקל און בערעל אין בית־המדרש גע־קרינט! — הויבט ער אָן, דער אַלטער, דערצעהלען א מעשה אין דער וועלט אריין.

— אזוי, פאר אָרענטליכע מענשען פּאַסט עס, — שאָקעלט זי צו מיט'ן קאָפּ — וואָס דען האָבען זיי צו טהון ?

און דאָס אַלטע פּאָר־פּאָלק זיצען זיך ביים קליינעם אַלטען טי־שעל, ביי דער קליינער אלטער לאָמפּ, און מען עסט זיך דאָס קליינע אַלטע יאיבעל — און מען פערגעסט פון אַלע גליקען פון פריהער...

---

זיי האָבען געהאט א זוהנ'עלע, האָט מען איהם גערופען מענדעל־לעבען — איז דאָס געוועזן א בחור'ל פון דער „סאמאָראָדנער" חברה. דער טאטע האָט איהם ארויסגעוואָרפען, די מאמע האָט איהם אבער בשתיקה אריינגעשטעקט א פּאָאר גראָשען, א העמד און דערגלייכען. די גאַנצע שטאָדט האָט איהם געהאַלטען שוין פאר א פערפאַלענעם, האָט מען אָבער מענדלען פאר א זעלנער גענומען. ער האָט אָבגעדיענט פיער יאָהר, און וואָס זאָגט איהר דערצו ? מענדעל איז געוואָרען א לייט ביי פאָניען, אוועקגעוואָרפען די ווייבע חברה און געהט יעדען שבת מיט'ן טאטען אין דער חברה פישער דאַווענען און קריעגט טהייל־מאָל אן עליה אויך, און מען הייבט שוין אָן מענדלען שדוכים צו רעדען.

אמאָל זיינען די שותפים געפאָהרען צום טייך נאָך פיש, די אַלטע האָבען זיך געזעצט ביים ברעג, און אייפ'ן שיפעל איז געפאָהרען מענדעל מיט צוויי גוים די נעצען ארייגעלאָזען אין וואסער. געוועזען איז עס אין א זומער־טאָג, מנחה־צייט. א לייכט ווינטעל בלאָזט און דאַווענט

יאהר שטעהט דער ווישניק און מען פערגינט זיך ניט צוצוריהרען צו איהם. עס קומט פאר פסח, האָט מען מורא, אז ער זאָל ניט איבער־בלייבען אין יום טוב, נעהמט מען זיך איהם אויסטרינקען. די אַלטע קענען זיך דאָך ניט פערגינען אין אַ גלאַטען וואָכענטאָג ווישניק צו טרינקען, בלייבט איבער אַ רעכט ביסעל צום ביעור־חמץ. קומט ערב פסח און בלומעלע זעהט ווי אַנטעק דער סטרוזש האלט די פלאַש מיט'ן ווישניק און זופּט פון איהם מיט'ן גאַנצען מויל, פּלאַצט איהר שיער ניט די גאַל פאַר עגמת נפש: גזה, ארבייט פאַר עשיו'ן...

אין געסעל וואו די פענסטער געהען אַרויס, שטעהט אַ פּלומפּ, צו דעם פּלומפּ קומען אָן די וואַסערטרעגער יעדען פאַרנאַכט מיט די קענדלעך נאָך וואַסער. אויף דער עלטער, אַז די קינדער פון אַמעריקאַ שיקען די אַלטע אַ פּאָאר דאָלאַר וועכענטליך, האָט דער אַלטער די שניידעריי אוועקגעוואָרפען, און זיצט אַ גאַנצען טאָג פאַר'ן פענסטער און קוקט אין גאַס אַריין צום פּלומפּעל. די אַלטע ביים אויווען שטריקט אַ זאָק. איהר פערדריסט עס, וואָס דער מאַן געהט אַרום לעדיג, כאָטש זי ווייסט, ער האָט ניט וואָס צו טהון. נאָך די פישלעך פאָהרט מענדעל, נור זי האָט שוין אַ מנהג צו מורמלען, פּרעטענזיעס צו האָבען אַזוי גלאַט אין־דער־וועלט־אַריין. דער אַלטער ווייסט פון דעם מנהג און מאַכט זיך גאָר ניט וויסענדיג.

— מאַנסבילען זיצען זיך ביים פענסטער מיט לעדיגע הענד. — פאַלט זי אין מיטען העלען טאָג אָן אויפ'ן מאַן.

דער אַלטער ענטפערט ניט.

— מישען זיך אין אַלץ אַריין, וואָס געהט עס דיך אָן? — קומט זי אַרויף אויף אַנאַנדער ענין.

דער אַלטער רופט זיך גאָר נישט אָן.

דאָס קען זי שוין ניט פערטראָגען.

— מאַמע, מאַמע, האָסט מיר אַ מאַן געגעבען — וואָס האָט ער מיר דעם קאָפּ פערדרעהט, ליעבער וואָלט איך איבערגעבליעבען אַן אַלטע מויד אין טאַטענ'ס שטוב.

דעם אַלטען נעהמט אַ געלעכטער אָן: זי האָט זיך דערמאָהנט אַ מעשה פון 62 יאָהר צוריק — האָסט דו געהערט?

— ווילסט אפשר אהיים לויפען צו טאַטע־מאַמע קיין לענטשיץ?

געשאָכטען... ביי ביידע וועגד שטעהען צוויי בעטען, און די בעטען זיינען איבּגעבּעט מיט פּערינעס, — ניט מיט קיין פּערינעס, נור מיט איין פּערינע, וועלכע האָט געגרייכט ביז צום באַלקען, און וועלכע האָט אין זיך געהאַט אַלע פּעדערן פון די אַלע גענז און קאַטשקעס, וואָס די אידענע האָט נור געשאָכטען פון צייט איהר התונה אָן. דאָס איז געווען אַ פּערינע, פון וועלכער מען האָט ארויסגעפּומפּט אויף אויסשטייער בעט־געוואַנד פאַר קינדער און אייניקלעך — און די פּערינע בלייבט אַלץ פּערינע. אָט אין די בעטען זיינען געבוירען געוואָרען די צוקינפּטיגע בירגער פאַר אַמעריקא, קאַנאַדא, אַפריקא און וואו די וועלט האָט נור אַן עק...

ביי אַ פוס פון איין בעט איז צוגעבונדען אַן אַלטע קאַץ שוין זיעבּצעהן יאהר. מען וואָלט שוין געמעגט די קאַץ איפּבינדען, וואָלט זי אויך שוין ניט אַנטלאָפען, נור אַזוי קומט עס — אַ קאַץ דאַרף זיין צוגעבונדען ביי אַ פוס פון בעט. איבער די בעטען הענגען צוויי בילדער, גענעראַלען, משונה'דיגע „נאַפּאַלעאָנען“. אין דעם שפּיעגעלע ביי אַ וואַנד שטעהען אריינגעשטעקט די פּאָטאָגראַפיעס: מתתיהו הרון זיצט אויף אַ שטוהל און קוקט אין אַ ספר אריין, און בלומעלע שטעהט נעבען איהם (די קינדער אין אַמעריקא האָבען פערלאַנגט הורכאיס, אַז טאַטע־מאַמע זאָלען זיך אָבפּאָטאָגראַפּירען), און אין דער צווייטער זייט שפּיעגעלע שטעהט אריינגעשטעקט די אייניקלעך'ס פּאָטאָגראַפיעס פון אַמעריקאַ: דריי אינגעלעך שטעהען אָהן היטלען און האַלטען ביכער אין האַנד. ביי דער טהיר שטעהט דער שראַנק, אונטערגעשפּאַרט מיט צוויי ציעגעל, און די שיבען־אַלמערלעך האַלב אויסגעקלעפּט מיט פּאַפּיער. עס זעהט זיך ארויס פון שראַנק אַ זילבערנער בעכער מיט אַן אַלטער בשמים־פּושקע (די ירושה פון עלטערן...) און אויפ'ן אַלמעריל — אַ פּאָאַר נאַקעטע ספרים, אין איינס אין מיטען מיט גרויסע אותיות איינפ'ן רוקען „מחזור“. אויפ'ן שראַנק צווישען די ספרים זעהט זיך אַ גרויסע פלאַש, ארומגעשטעלט מיט אַ גרויען בּיינען פּאַפּיער, דאָרט שטעהט ווישניק. בלומעלע איז אַן אויסברענגערין און וויל זיך הורכאיס פּיהרען, ווי די נגידים, און שטעלט אויך אָן ווישניק. קומט אַ שבת נאָכ'ן שלאָף, ווען דער אַלטער טהוט זיך אָן די ברילען און נעהמט זיך פאַר'ן גרויסען ברכי נפשי און עס קומט אריין דער מחותן, האָט זי אַ הנאה צו דערלאַנגען צום טיש אַ גלעזעל ווישניק. הורכ'ן גאַנצען

די שטוב ; דער מיטעלסטער, דער דיקסטער איז די „רבי׳צין“, און די צוויי דינערע פון ביידע זייטען זיינען די „דין׳טעס“. אויפ׳ן נאָגעל, אין דעם מיטעלסטען באַלקען הענגט אַן אַלט הענגלייכטער׳ל בעקליידעט מיט אַ פּאַפּירענעם קליידעל, וואָס מען טהוט עס אָן יעדען ערב פּסח. אַ גאַנץ יאָהר וואוינען אין די „בלומען“ פון קליידעל די פליעגען און מעהרען זיך דאָרט און פּרוכפּערען זיך, און נעהמען איין דאָס שטי־בעלע מיט זייער זשומען, און דאָס קליינע הענגלייכטער׳ל קוקט זיך צו אַלץ צו, וואָס עס טהוט זיך אָב אין שטיבעל, און שווייגט, ווי אַ שטומע מוהמע. עס ווייסט פון אַלץ, הערט אַלץ און רופט זיך מיט קיין וואָרט ניט אָן... אין מיטען שטוב שטעהט אַ פּיערקאַנטיגער טיש, אין דעם טיש זיינען אויסגעקריצט פערשידענע „היינ׳עלעך“, „ציעגען־וואָלף“,— אַ זכר פון די שפּיעלען אין חנוכה־נעכט. און אַ סוד וועל איך אייך איינרוימ׳ען, אַז אַ שפּאַרינע איז דאָ אין טיש אין שופלאָד אַריין, וואָס מענדעל ליעבען (דער יונגער זוהן) האָט געמאַכט אין איהם, בעהאַלטע־נערהייד, כדי פון שופלאָד געלד אַרויסצו׳גנב׳ענען יעדען פרייטאָג צו נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע שלאָפען... אין אַ ווינקעל שטעהט אַן אַלטער אויוועו, וואָס פערנעהמט אַ דריי־פּערטעל שטוב. דער אַלטער „פּעטער“ איז שוין לאַנג אויסגעקיהלט געוואָרען אויף דער עלטער, נאָר די בעלי־בתים געדענקען נאָך זיינע גוטע יאָהרען. ווען מען האָט איהם אין אַ פרייטאַג־צו־נאַכט איינגעהייצט, האָט ער אַזאַ וואַרעמקייט פון זיך אַרויסגעלאָזען, נור דערשטיקט צו ווערען. און ניט איינמאָל האָט זיך געטראָפען, אַז מתתיהו חרון מיט בלומעלע׳ן האָבען גע׳חלש׳ט הינטער די דעקען פאַר הייסקייט. צווישען דעם אויוועו און דעם אַלמער ליעגען עפּעס פערשיעדענע חפצים אָנגעלעגט : אַלטע זעלנערשע מונדירען, באַנדעס, פּאַסקעס און נאָך אַזעלכע „חפצים“, וואָס מען קען קיינמאָל ניט דערגרונטעווען. צווישען די חפצים שטייגט אַרויס אַן אַלטע נעה־מאַשין פון תרח׳ס צייטען מיט אַ „קאָליער“ נאָך. די מאַשין איז אַן איבערבלייבעניש נאָך פון מתתיהו חרון׳ס שניידעריי, מיט וועלכער ער האָט גענעהט פּויערשע מאַנטלען אויף די מערק (דאָס איז נאָך געווען איידער די קינדער זיינען אוועק קיין אַמעריקא און האָבען פון דאָרטען צעהן דאָלאַר יעדען חודש געשיקט). נאָר די מאַשין האָט אין זיך אַזאַ מאַשינעריע, אַז מען דאַרף אויף איהר אַרבייטען מיט די פיס, און דרעהען מיט די הענד, און זי כאָרכעלט אַזוי, ווי מען וואָלט אַן אָקס

גילרען האלט זיך נאָך דאָס געשעפט ביז היינטיגען טאָג. נאָר ניט שטענדיג לעבט מען גוט. אז עס קומט אמאָל א שבת־צו־נאכט און מען מאכט דעם חשבון, קומט טיילמאָל ארויס א מחלוקת, — נור מעסערס צו נעהמען, אָבער דאָס שותפות האקט מען ניט אָב. ווי אזוי? אז מען האָט שעפער בשותפות׳דיגע, קאמערס בשותפות׳דיגע, און היינט חזקות בשותפות׳דיגע, בלייבט מחלוקת ביי מחלוקת און דאָס געשעפט געהט ווייטער.

נאָר די ווייבער, די ווייבער — זאָל גאָט דער איינציגער אָבהיטען. מען האָט איינע די צווייטע פיינד אויף טויט און לעבען און מען רעדט אויס איינע אויף די צווייטע, וואָס אין דער קאָרט שטעהט ניט, און קומט א שותף נאָך מיטאָג צו גאסט צום צווייטען אריין, איז איהם די שותפ׳טע מכבד מיט א גלעזעל יום־טוב׳דיגען ווישניק, און גיט א מאָך אזוי הינטען ארום צו שטעכען די שותפ׳טע:

— זאָל דער מחותן פערזוכען. אין דער היים האָט ער דאָס דאָך ניט. ווי האָט די מחותנת׳טע צייט ווישניק צו מאכען?

נאָר דאָך טרעפט זיך אמאָל, אז די מחותנת׳טעס און די שותפ׳־טעס מאכען צווישען זיך שלום. דאָס טרעפט זיך ביי צוויי סבות: ביי א שמחה, אָדער (אלעס ניט געדאכט!) ביי א צרה; קומט אָן איינגיקעל צו, אָדער (זאָל גאָט אָבהיטען) קומט אָן איינגיקעל אָב, בעטען זיך די מחותנת׳טעס איבער. יאָ, נאָך איינמאָל אין יאָהר, דאָס איז ערב יום־כפור ביי ליכט בענשען, פון דער הוילער הויט פאלט אריין איין אידענע צו דער צווייטער און צואוויינט זיך און מען צוקושט זיך. אָבער עס קומט נור מוצאי יום־כפור, קלאפט איין אידענע אָן דער צווייטער אין לאָדען:

— עס בלייבט ביים אלטען...

---

אין גאָמבינער׳ס הויז וואוינט דאָס פאָאר־פאָלק — מתתיהו חרון מיט דער אידענע.

באלד נאָך דער חתונה האָט מען זיך אין דער שטוב אריינגעצוי־גען און אזוי האלט מען זיך אָן איהר ביז׳ן היינטיגען טאָג. אָט אין דער שטוב האָבען זיך די קינדער ערצויגען, אויסגעהאָדעוועט און דער־נאָך אין דער וועלט געגאנגען: קיין אמעריקא, קיין קאנאדא, קיין טראנסוואאל, וואו איינעם האָט זיין מזל געטראָגען. דריי באלקען האָט

# אלטע לייט

---

בלומעלע איז היינט געשטאנען ביי די „פישלעך“.

נו, איז אין פיש־מארק געווען א לעבן, ווער מיר גוטס גינט. מתתיהו חרון, איהר אלטער, האט זיך אוועקגעלאזט מיט'ן שותף און מחותן צום „ליטוואק“ מאכען די כוסה — פיהרט דא בלומעלע דאס רעדעל. גאנצע קופקעלעך פישלעך אויף צו האקען גיט זי אוועק צו צוועלף גראשען און לעגט נאך צו א קליין העכטעל. זי וויל דאך דא וויזען, די פריצ'טע, וואס פאר א ברייטע האנד זי האט, אז זי טראגט דעם שירץ מיט די קעשענעס.

ביים צווייטען טישעל שטעהט די שותפ'טע און די מחותנת'טע שרה פייגעלע — פלאצט איהר דאס א ביסעל די גאלכעלע: — ס'ארא בלומעלע! פאר איהר רייכען האלז, בדיל און דל וועט מען דא ווערען.

זי האט שוין געוואלט עטליכע מאל צוגעהן צו בלומעלע'ן ניט לאזען פערקויפען, — וועט דאך ווייטער ארויסקומען א חתונה. נור אט קומען שוין אן די אלטע שכורים מיט די פיפקעלעך אין מויל.

— קופיעץ (סוחר) מיינער, וואו האסטו דיך אוועקגעלעגט? — טענה'ט יענע.

מתתיהו חרון געהט צו זיינער צו, אביסעל שכור'ערהייד קלאפט ער בלומעלע'ן אין רוקען: „הע, רודערסט היינט אין די כלים ארום?“

בלומעלע ענטפערט ניט.

— ווייבער, צו צוועלף גראשען א קופקעלע, ווייבער, פיש אויף שבת! — קלימפערט בלומעלע מיט די ברייטע קעשענעס פון שירץ.

שרה פייגעלע האלט עס שוין ניט אוים; קלאפט זי מיט די פויסטען אין טיש: געוואלד, בדיל הדל וועט מען דאך ווערען!...

---

יעדער פון די שותפים האבען אין געשעפט אריינגעלעגט צו זעכצעהן גילדען, שוין מיט א יאהר 38 צוריק, און פון די זעכצעהן

מיין היימאטה ־ ערד האָבען זיך נאָך ניט געשפּאָלטען. נאָך דופּטעט ניט מיט פּיילכען־געדרוף און טיבעראָזען־געשמאַק מיין היימאטה־לופט. ווינדען קומען צו יאָגען פון טויט־פליגעל. איך בין א קינד פון הערבסט. די שטראַהלען וועלען אויף מיין הערבסט־הארפּע פּאַלען, און איך וועל אייך זינגען דאָס ליעד פון רעגען און ווינד....

---

יעדען טאָג געה איך צום וואַסער אראָב און שטעל זיך ביים ברעג:

פּאַליע וואַסער פון מיין היימאטה׳ס־לאַנד געצויגען — גיב מיר א גרוס אָב. צו ציערען דאָרט ביי אונז שוין פעלד־בלימלעך די פּרישע קברים געל? צו פּלאַצט שוין דאָס בוימען־בליהעכטס אויף די בית־הקברים׳ער? צו זאָגט שוין דער פויגעל א יתום־קדיש דאָרט אויף א מת־מצוה קבר?...

אנקלאפּען, אז פון דער קראַפט פון דיין געוואלד זאָלען ימים איבער די הימלען דעם קארק אויף מיליאָנען טייכען צוברעכען. — — — — — —

---

איך בין א קינד פון הערבסט.

אין א הערבסט - נאכט ביי פעדער־פליקען איז מיין מאמע איבער מיין וויעגעל געזעסען און מיר א ווינטער־מעשה פערצעהלט. דער זיידע ביים קיהן־פלאַקערעל אויף דעם אויווען האָט די ביבעל געלייענט. שווארץ האָט די נאכט אין אונזער פענסטער׳ל געקוקט. אין דרויסען האָט דער ווינד געוויינט, און אין די צווייגען פון די בוימער זיך אָנגעטשעפּעט: דאָס האָבען מחנות פערוואָגעלטע נשמות פאַר אונזער פענסטער דורכשפּאצירט. פון גיהנום געטריבען אין כף־הקלע — געוואנדעלט האָבען זיי איבער׳ן וועג, די צעפּ האָאר פון די קעפּ געריסען, איבער זייערע עברות וועגען...

איך בין א קינד פון הערבסט. אין די הימלען פון מיין לאַנד טאַפּיעט דער אייביגער שנעע, — ווייסע קינדער־לייכען אין גרויען פערגעפּעלט... דעם זונס־שטראַהל ווארפט צוריק דער מאַטער שאָטען פון דעם גרויען וואסערדיגען האָריזאָנט, וואָס רינגעלט מיין לאַנד ארום. די פעלדער פון מיין לאַנד לאַכען ניט אנקעגען די זון־שפּיעגעל אין פנים אריין. גרינע לאָנקעס, דאָ און דאָרט מיט ברייטע סטאַווען ארומגע־פאַסט, אין וויינענדע ווערבען פערשאָטענט, מיט סטאַדעס שעפּסען פערגרויט, און פון הינטער׳ן בערגעל געהט אויף דעם פאַסטוך׳ס פייפען מאַט און וויינענדיג, ווי דאָס לאַנדשאַפט פאַר איהם.

איך בין א קינד פון הערבסט. אין מיין האַרץ זינגט ניט דער טריאומף־מאַרש פון בעשטראַהלטע זומער־פעלדער. די זונן פערבלענ־דעט מיינע אויגען. אין מיין האַרץ קלינגט אָב דער הערבסט־נגון פון פעלד געצויגען, פון וואַלד געזשימט, פון מיין היימאַטה׳ס לאַנד. און פער׳יתום׳ט בין איך אין דער וועלט, א יתום פון דור־דורות. פון אדם הראשון ביז צו דעם לעצטען דאָ זיין. אין מיר וויינט א יתום א וועלט, א יתום א גאָט!

---

פרעמד ביזטו מיר פריהלינג. ניט זינג אין מיין נשמה. ניט וואַרעמט, איהר שטראַהלען, מיינע גליעדער. ניט בעגיסט מיך מיט ליכט זונן. מיין לאַנד איז מיט קברים פול, די זאַמען־וואָרצלען אין

ווי א געזאנג ביזטו אין מיין שטיבעל געדרונגען. קינדיש לאבענדיג האסטו דיך מיט די שאטען איבער מיין קאפ געשפיעלט. און שטראהלען־ליכט האסטו ארום מיך געוועבט... דו האסט מיין מיעדען קאפ געקושט, אין מיינע אדערען האסטו דאס בלוט ערפרישט, די גליעדער מיר געהיילט, מיט ליכט און האפנונג האסטו מיין הארץ ערפילט.

פרייע לופט האסטו מיר צום עטהעמען געגעבען. מיין קראנקען קאפ האסט דו אין דיין שויס געהאלטען. יא, איך האב דערפיהלט דיין פיילכען־לופט.

און א היימיש קול האט אין מיין הארץ היימאטס־ליעדער געזונגען, און א מאמע'ס האנד האט מיינע האאר געגלעט.

---

עס האט מיר אין גאס געצויגען.

נאך האלב איז די וועלט אין טונקעלען געהילט. דער שאטען, ווי א לייכטער דורכזעהענדיגער שלייער, האט די וועלט פערהילט און הויך אין הימעל וואשט זיך די זונן. זי הילט זיך און שלייערט זיך אין לייכטע שוועבענדע וואלקען, וואלקען־איין, וואלקען־אויס. טיילמאל שוועבט ארויס פון א וואלקען־שפאלט דער שטראהל פון איהר יונג וויבליך־לויכטענדען קערפער און בעלייכט די וועלט מיט א ליכט־רעגען איבער פעלדער, וועלדער, שטעדט און ימים. — באלד אבער הילט זי זיך ווייטער אין טונקעלען איין. אבער ניט אויף לאנג: פון שלייער געהילט לאכט זי צו די וועלט אנקעגען, און די וועלט ענטפערט איהר אב מיט פענסטער־גלאז און וואסער־שפיעגעל. די בליהעכטס־ווארצלען אין ערד געהילט שפאלטען זייער זאמען אויף, און דער ריח פון זייער זאמען בעהויכט דעם שטח פון די וועלט מיט יונג געשמאק און שעפפונגס־קראפט.

און עס וועקען זיך אין דיין הארץ אויף דיינע בעגראבענע חלומות. פון די אלטע פערגליווערטע וואונדען הויבט אן דאס בלוט אויפ'ס ניי צו רינען. יא! עס ווילט זיך דיר א העלד זיין, אויף די טיבעט־בערג שטייגען, ימים אין דיינע הענד צו האלטען און הויך צו שרייען — הויך צו שרייען, אז פון דער קראפט פון דיין געוואלד זאלען זיך די וועלען פון אקעאנען דערהויבען און אין די הימלען

## אַנשטאָט אַ הקדמה.

---

# פ ר י ה ל י נ ג

---

פון מיין היים געיאָגט, בלוט האָט מיין וועג גערייטעלט און דער יאוש פון פאָרענט און די קלאָג נאָך מיר — האָבען מיך אין מיין וועג בעגלייט און קראנק און ערמיעדעט האָב איך מיך אָבגעשטעלט.

אין אַ פרעמדע מדינה, צווישען פרעמדע מענשען, אונטער אַ פרעמדען הימעל, ביי אַ פרעמדען טייך, האָב איך מיין געצעלט אויפגעשטעלט. ניט ערקענט האָט מיך די ערד אויף וועלכע איך האָב מיין פוס געשטעלט. דורכגעהענדיג האָט זיך דער הימעל איבער מיין קאָפּ געצויגען, און פרעמדקייט און גלייכגילטיגקייט האָט מיך ארומגערינגעלט.

מיין לשון האָבען די מענשען ניט פערשטאַנען, מיין טראַכט האָט ביי זיי ווילד אויסגעזעהן, מיין קינד׳ס געוויין האָט ביי זיי געלעכטער ערוועקט, און מיין גאָט איז ווייט געוועזן פון דעם לאַנד און מיין תפילה האָט ער ניט געהערט.

אין די פאַלדען פון מיין קלייד האָט זיך נאָך געהאַט אויפגעהאַלטען דער געשמאַק פון טויט, וואָס איך האָב פון מיין היים מיטגעבראַכט. אימה און נאַכט האָבען נאָך פאַר מיינע אויגען געשוועבט, און אין חלום האָב איך נאָך איבער מיין קאָפּ דעם תליון׳ס שווערד געזעהן הענגען. און אַ קברים־געוויין האָט אין מיין האַרץ געוויינט: אַ קדיש־זאָגען פון טאַטע־מאַמע אויף קינדער־קברים...

שוואַרץ האָט נאָך געקלאַפּט דער ווינד אין די לייוועגד פון מיין שיפעל...

— — — — — — — — — — — — — — — —

זיי געגריסט זונן!

# אינהאַלט פערצייכנים :


| | | פּיידזשעס : |
|---|---|---|
| .1 | פריהלינג (אַנשטאַט אַן הקדמה)............ | 6 — 3 |
| .2 | אַלטע לייט.............................. | 16 — 7 |
| .3 | מענשען און געטער........................ | 25 — 17 |
| .4 | אַ היים.................................. | 37 — 26 |
| .5 | דער זעלנער.............................. | 41 — 38 |
| .6 | אויף אַ מאַמע........................... | 55 — 42 |
| .7 | מאָטעלע ................................ | 66 — 56 |
| .8 | אַ דאָרף צדיק........................... | 72 — 67 |
| .9 | דער זינדיגער ........................... | 83 — 73 |
| .10 | אַ מעשה מיט אַ ספר..................... | 92 — 84 |
| .11 | שבת אין וועג............................ | 98 — 93 |
| .12 | אויף דעם וועג קיין שעמענעץ.............. | 106 — 99 |
| .13 | מחלוקות אין קאָרטשעוו................... | 112 — 107 |
| .14 | צו וואָס?............................... | 119 — 113 |
| .15 | איבער דער גרענעץ........................ | 128 — 120 |
| .16 | אַ חלל ................................. | 134 — 129 |
| .17 | אין שלעכטע צייטען....................... | 140 — 135 |
| .18 | אַ צואה ................................ | 144 — 141 |
| .19 | אין דער פרעמד........................... | 152 — 145 |
| .20 | אַ שבת אין אַ שטעדטעל................... | 164 — 153 |
| .21 | קאָנסטיטוציע ........................... | 166 — 165 |
| .22 | קיין אמעריקא ........................... | 171 — 167 |
| .23 | בריעף פון דער רייזע..................... | 175 — 172 |
| .24 | ער לעבט ................................ | 179 — 176 |
| .25 | קינדער ................................. | 185 — 180 |
| .26 | אַ צופריעדענע הויז...................... | 191 — 186 |
| .27 | די אלמנה ............................... | 197 — 192 |
| .28 | אַ גט .................................. | 203 — 198 |
| .29 | אַ שאָו פיגור........................... | 207 — 204 |
| .30 | די געבורט פון שטן....................... | 213 — 208 |
| .31 | די פּאַלעסטינא רייזע.................... | 252 — 214 |

LIBRARY
APR 1 - 1998
UNIVERSITY OF TORONTO

# ערצעהלונגען

פון

## שלום אַש

דריטעם בוך

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175—173 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.
1911